שנה ה'
שבועות
תשפ"ה
נומער 267

# קרית ברסלב בלעטל


דרך הלימוד אויפן ברסלב'ן שטייגער
קוק אהער

א טשיז דעניש אין די פארמאסי
געדאנקען

כאפ מיין אויג
חלק ג'

סלאוויטא דרוק
א מעשה פון א צדיק


## דער צדיק פון באפעלא



די אומבאקאנטע היסטאריע איבער דעם היינט שוין באקאנטן צדיק וואס ליגט אין באפעלא / **א רייזע צום ציון** / א באזוך אין דעם בשכינות'דיגע אויג פארכאפנדע ניאגרא פאלס וואסערן

## 5 יאר פון קאוויד ניינצן!




קאראנא צייטן בנוסח היכל הקודש און פארקערט / א שמועס מיט צוויי אידן איבער וואס האט זיך אפגעשפילט אין יענע צייט.

# לשמחת התורה.



## סדר דרך הלימוד פראיעקט

שמועסן מיט א רייע תלמידי היכל הקודש איבער זייערע טעגליכע שיעורים כסדרן.

## איך בין א איד!

אפענהארציגע שמועס מיט **מו"ה בניהו אונגאר הי"ו**, איבער זיין לעבנ'ס באשלוס צו ווערן א חלק פון עם הנבחר / **זיין התקרבות צו היכל הקודש ברסלב** / די לעבן אין קרית ברסלב ליבערטי.

קרית ברסלב בלעטל וואונטשט אלע חשובע לייענער א פרייליכן שבועות



## בואו שעריו בתודה.

ביהמ"ד הגדול ווערט ב"ה באנייט לכבוד יום טוב שבועות

קרית ברסלב בלעטל

פרשת שבועות תשפ"ה • 267

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל
**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גליבער
נפתלי הירצקא וואללנער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינא גרופ

צו אדווערטייזן אדער ארייננשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייצושיקן איז מאנטאג 1:00





דרך הלימוד פראיעקט 20



איך בין א איד 41




5 יאר פון קאוויד ניינצן 51

שפיגל 6
מעשיות פון תפילה 10
סעודה 13
בריוו 36


צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069

**זמנים**
במדבר ד' סיון

הדלקת הנרות . 08:07
מוצאי שבת ..... 09:39
הדלקת הנרות יו"ט 08:09
מוצאי יו"ט ....... 09:41

**מנחה מעריב**
פרשת נשא 9:25









# לעידיס אקזילערי

היכל הקודש ברסלב

מיט גרויס פרייד
טוען מיר מעלדן אז
היי יאר וועלן מיר
מיטן אייבערשטנ׳ס
הילף פארקויפן

# בלומען לכבוד שבועות



**פרייטאג און זונטאג ערב שבועות:**
**בית המדרש האשקי - 11:00 ביז 6:00**
**בית המדרש ירושלים - 2:00 ביז 6:00**

אלע הכנסות גייען פאר מוסדות היכל הקודש ברסלב.

געברענגט צו אייך דורך: לעידיס אקזילערי

dominogrp.com

# שער בלאט

## לשון הקודש

אה! שכח אייבערשטער! שרייט זיך ארויס פון אונזער שטאב און רעדאקציע אז מיר קענען וואך נאך וואך ערפילן דעם וואונטש פונעם ראש ישיבה שליט"א און ארויסגעבן א הערליכע אויסגאבע, מיטן ציל ארויסצוהעלפן אנשי שלומינו האלטן די שטובער הייליג און ערליך, מיטן האבן אן אמונה'דיגע מאגאזין.

מיר קענען נישט אנהייבן באשרייבן אונזערע געפילן פון דאנק צום אייבערשטן אז מיר זענען נאכאמאל איבערגעקומען אלע שוועריקייטן און ארויסגעגעבן א הערליכע מעגא בלעטל לכבוד יום טוב.

לאמיר אייך פארציילן וואס טוט זיך אפ אין די קארידארן פונעם בלעטל שוין די לעצטע עטליכע וואכן, מיר ארבעטן אן קיין אפשטעל צו קענען ארויסגעבן דעם הערליכן פארברייטערטע אויסגאבע וואס איר האלט יעצט אין אייערע הענט, מען האט געקענט טאפן די שמחה אין די לופטן ווען מיר האבן נאר געארבעט ווייטער אויף סיי וועלכע פון די פראיעקטן.

איך האב אבער געהאט א שאלה, לשמחה מה זו עושה? מיר ארבעטן דאך יעדע וואך אויף אן אויסגאבע, פון וואו קומט די באזונדערע פרייליכקייט וואס מיר שפירן יעצט ווען מיר שטייען בעפארן שבועות בלעטל?

די תירוץ אויף די קשיא קען מען טרעפן אין הייליגן ספר ליקוטי הלכות הלכות שבועות אות ב', וואס דארט שרייבט דער הייליגער רבי נתן די פאלגענדע ווערטער "שָׁבוּעוֹת הוּא מַתַּן תּוֹרָה, וְהַתּוֹרָה הוּא בְּחִינַת שְׁלֵמוּת לְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ".

די הייליגע תורה באשטייט פון לשון הקודש, און אזוי ווי דער ראש ישיבה שרייבט אונז כסדר אז לשון הקודש מיינט נישט דוקא א געוויסע שפראך און זיכער נישט די טמא'נע שפראך וואס די ציונים נוצן, נאר יעדע שפראך וואס מען רעדט הייליג און ערליך ווערט אנגערופן לשון הקודש, און ווי דער הייליגער ר' נתן שרייבט דא אז נאר דורך די הייליגע תורה קען מען אנקומען צו רעדן הייליג.

נאר דורך לערנען די הייליגע תורה קען מען האבן א געפיל אין הייליגע ערליכע זאכן.

און דאס איז די סיבה ווי אזוי ס'קען זיין אז אונזער שטאב און רעדאקציע גייט אן מיט קיין שום אפשטעל נאר יעדע וואך עקסטער מיט אזא הערליכע אויסגאבע אויפן העכסטן סטאנדארט, און דאס איז די סיבה פארוואס ביי אונז ווערט מען זיך עקסטער זייער פרייען דעם יום טוב שבועות.

ווייל דאס איז אונזער ציל מיטן זיך איבערשטרענגען צו ארויסגעבן דעם הערליכן אויסגאבע, לשון הקודש, אז אלע זאלן האבן ערליכע און הייליגע מאטריאל פאר זיך און פאר די משפחה, און נישט דארפן צוקומען צו מאטריאל וואס קען אפשר זיין א דרגא וויניגער אין לשון הקודש. אזוי ווי יעצט אום יום טוב שבועות זענען מיר מקבל פון פריש די הייליגע תורה וועלן מיר האבן א געפיל אין לשון הקודש, וואס אויף דעם איז די בלעטל געשטעלט, די הייליגע ערליכע עצות וואס מיר באקומען פונעם ראש ישיבה שליט"א, שיין אראפגעלייגט אויף א געשמאקע ציענדע וועג לכבוד יום טוב

מיר שפירן אז יעצט פאר יום טוב ווען איר האלט דעם הערליכן פארברייטערטן אויסגאבע אין די הענט איז די פאסיגע צייט צו באדאנקען פאר אונזער רעדאקציע, הלא המה מו"ה בערל שניצלער הי"ו און צוזאמען מיט אים מו"ה אברהם יצחק אייזנער הי"ו וואס ארבעטן פון הינטער די קוליסן פאר קיין שום געלט באלוין, דער אייבערשטער זאל ענק באצאלן מיט כל טוב סלה בזכות וואס איר העלפט פארשפרייטן דעם הייליגן רבי'ן אויף דער וועלט.

ווי אויך יעצט פאר יום טוב ווען עס קומט אויס די צייט זיך צו באדאנקען פאר די וואס לייגן אריין באזונדער צייט פאר די יום טוב אויסגאבע, ווילן מיר זיך אויך באדאנקען פאר אונזערע וועכנטליכע שרייבער וואס עס קומט כמעט נישט אויס אז מיר זאלן זיך קענען באדאנקען פאר זייערע ארבעט, ברוך השם אז מען קען נישט אויסרעכענען אלע פון זיי ווייל עס זענען פארהאן אסאך, אבער דער אייבערשטער זאל ענק באצאלן יעדער באזונדער מיט אלעס גוטס.

און יעצט לאמיר איך פארשטעלן די פראיעקטן וואס אונזערע שרייבער האבן אהערגעשטעלט לכבוד שבועות.

צום ערשטן איז נישט געווען מער ווי פאסיג צו אהערשטעלן א געשמאקע באשרייבונג אויף דעם הערליכן סדר דרך הלימוד וואס דער הייליגער רבי ברענגט אריין אין אונז, מיר האבן אריינגעברענגט א גאר בא'טעמ'טער

# ראדאקטארישע אריינפיר צום בלעטל

## אברהם הערש וועבערמאן

אינגערמאן וואס ברענגט א פרישקייט צו אונזער שרייב-טישל, מו"ה אליעזר זוסיא ווערטהיימער הי"ו און ער האט ברוך השם צוזאמגעשטעלט דעם סדר דרך הלימוד ארטיקל וואס וועט זיכער אריינברענגען אין אונז אלע א פרישקייט צו לערנען די הייליגע תורה.

דערנאך האבן מיר א גאר אינטערעסאנטער שמועס מיט מו"ה בניהו אונגאר הי"ו פון קרית ברסלב, וואס פארציילט אונז זיין לעבנ'ס טויש ווען ער האט באשלאסן אז ער וויל זיין א טייל פונעם עם הנחבר, אזוי ווי מיר ווילן זאגן יעצט יום טוב 'אשר בחר בנו', צווישן נאך אסאך אינטערעסאנטע זאכן וואס ר' בניהו האט צו פארציילן, געברענגט דורך אונזער פאכמאנישער שרייבער מו"ה יואל נחמן גלויבער הי"ו.

דערנאך האבן מיר אן אינטערסאנטער ארטיקל וואס ברענגט צונויף צוויי באזונדערע מענטשן וואס האבן אדורכגעלעבט די 'קאראנע תקופה' מיט פינף יאר צוריק, הערליך באשריבן דורך מו"ה יואל נחמן גלויבער הי"ו, וואס ברענגט ארויס דעם קאנטראסט פון די וואס זענען זוכה און פאלגן אלעס א צדיק און דאס לעבן גייט ווייטער מיט די לעכטיגע עצות וואס דער צדיק ברענגט אריין, און די וואס לעבן אדורך א שווערע תקופה ליידער אן א צדיק.



מיר האבן אויך אהערגעברענגט פאר אונזערע חשוב'ע לייענער א הערליכע היסטאריע פראיעקט, מיט'ן נאמען 'דער צדיק פון באפעלא' וואס לייגט צום ערשטן מאל פאר דעם גרויסן צדיק אינאיינעם מיט א נסיעה צו פוקד זיין דעם ציון דארטן אינעם ווייטן באפעלא, דורך אונזער שרייבער מו"ה שמואל אייכענשטיין הי"ו, אינאיינעם מיט אים נאך עטליכע אנשי שלומינו וואס האבן ארויסגעהאלפן מיט אלעס ארום.

אין די קינדער אפטיילונג האבן מיר א הערליכע פראיעקט דורך ש. טראכטער, וואס ברענגט אונז אראפ די הערליכע מעשה פון גראף פאטאצקי, וואס זיין יארצייט געפאלט די צווייטע טאג שבועות, שיין באשריבן ספעציעל פאר קינדער.

מיר האבן געלייגט אין אונזער מענטשערליך קאלום די באקאנטע מעשה ווי דער אייבערשטער איז ארומגעגאנגען צו אלע פעלקער און זיי אנגעבאטן די הייליגע תורה, און נאר די אידן האבן געוואלט עס נעמען, מיט הערליכע בילדער דורך ח. שטיינבערג..

אין זייטיגע נייעס וואנטשן מיר א מזל טוב פאר די הונדערטער אידן וואס האבן מיטגעהאלטן יעדן וואך אין די בילדער אפטיילונג פונעם בלעטל דעם שנעלן געבוי פון די נייע בית המדרש אויף האשקי, און יעצט ווערט עס באנייעט לכבוד יום טוב שבועות אינאיינעם מיטן ראש ישיבה שליט"א.

א יישר כח גיבן מיר אפ פאר די משפחות פון אונזער שטאב וואס האבן אייניג מיטגעטיילט פון זייערע טייערע צייט צו קענען צושטאנד ברענגען דעם הערליכן בלעטל.

און צום לעצט ווילן מיר זיך באדאנקען פאר אייך אונזערע טייערע לייענער, ווען נישט מיר זאלן וויסן אז ס'איז פאראן הונדערטער משפחות וואס זענען זיך מחי מיט אונזער בלעטל יעדע וואך און נעמען לכבוד דעם נישט אריין אנדערע ליין מאטריאל וואלטן מיר זיכער נישט געקענט ווייטער אנגיין, איר וואס ליינט דעם בלעטל האבן אן אייניגע טייל אין אונזער ארבעט.

דא איז די פלאץ צו דערמאנען דעם עולם אז מ'קען אלץ אריינגעבן צום רעדאקציע הגהות והערות, ווייל ווי פארשטענדליך ווען מ'געבט ארויס וועכנטליך אן אויסגאבע, קען דא און דארט אריינפאלן א נישט ריכטיגע ווארט, וואס ווערט נישט געניצט ביי אונז אין היכל הקודש, ווען די שפראך איז זייער הייליג אן קיין ליצנות. דערפאר איז כדאי ווען איר שפירט אז איר ווילט עפעס לאזן וויסן, זאלט איר נעמען די פאר מינוט און אריינשיקן א בריוועלע, וואס דאס וועט שטארק ארויסהעלפן צו האלטן הייליג די סטאנדארט פונעם בלעטל.

א פרייליכן יום טוב

אברהם הערש
וועבערמאן

# דער וואנזיניגער

איר האט שוין זיכער אמאל געהערט דעם אויסדרוק, "ער ווייסט נישט וואס פליט"

אט דאס ברענגט ריכטיג ארויס קעניג קארל פון ראמעניע דער צווייטער, אן אפגעריסענער נאר וואס ווייסט נישט פונקטליך וועלכע איז זיין רעכטע הענט און וועלכע איז זיין לינקע...

לאמיר אנהייבן מיט א פאקט וואס ברענגט גוט ארויס פונקטליך וואספארא סארט פערזאן ער איז געווען, ס'איז נישט קלאר פונקטליך ווען ער איז געבוירן... מען האט נאר געוואסט אז ער איז געבוירן ערגעץ בערך זומער אין יאר 1893 למספרם. שטעלט אייך פאר דער גרויסער קעניג וואס פראווועט זיין געבורטס טאג עטליכע מאל ווייל ער ווייסט נישט ווען ער איז געבוירן...

איין זאך האט ער געהאט צו זיין דיספאזיציע, ער איז געווען א גרויסער יחסן. אבער נישט אונזער יחוס וואס קען יא אדער נישט העלפן פאר שידוכים, נאר גוי'אישע יחוס וואס חוץ זיך קריגן פאר די ירושה מיינט עס צוויי מאל גארנישט.

אלס אן אייניקל פון דער צאר פון רוסלאנד און די דעמאלטס'דיגע קעניגן פון ענגלאנד און אן אור פלומעניק פון דער קעניג פון ראמעניע. אלס א זון פון קרוין פרינץ פערדינאנד, דער שפעטער'דיגער קעניג פערדינאנד דער ערשטער פון ראמעניע, האט דאס געמיינט אז ער וועט איין טאג אויטאמאטיש זיין דער קעניג פון ראמעניע.

אבער אזוי ווי געשריבן אויבן איז ער געווען א גרויסער לא יצלח, זיין עלטער פעטער דער דאן קעניג פון ראמעניע האט געוואלט מאכן סדר מיט אים און אים אריינגעשטעלט אינעם ראמענישער מיליטער אים אויסצומענטשלען אביסעלע, אבער אויך דארט האט ער נישט געהאלטן פאר צו לאנג און האט ארויסגעדראפט נאך א קורצע ווײלע, ווען אינצווישן איז זיין טאטע געווארן קעניג פון ראמעניע, און אביסל שפעטער איז ער געווארן געקרוינט אלס דער קרוין פרינץ.

זייענדיג קרוין פרינץ מיט ווייניג נערוון האט דאס פאלק באשטימט אז "ס'פאסט נישט" אז אזא ליידיגייער זאל ווערן דער צוקונפטיגער קעניג, און האבן אנגעהויבן איבערדרייען אז 'דער בחור דארף פליען'.

אזוי טאקע איז געשען, אין יאר 1924 למספרם האט ער זיך אפגעזאגט פון די גאנצע מלוכה'שאפט, ער האט דערקלערט אז ער מופט קיין פאריז און ער לאזט איבער גאנץ ראמעניע.

אבער כדאי צו ארויסווייזן א שטיקל אחריות האט ער אפגעטון א גוט שטיקל... פארן אפיאגן פון שטח האט ער געשטעלט זיין פינף יעריגער זון אלס קרוין פרינץ אויף זיין ארט, וואס דאס מיינט אז ווען זיין טאטע וועט שטארבן וועט דער קליינער אינגעלע ווערן קעניג פון גאנץ ראמעניע...

אזוי איז געווען מיט עטליכע יאר שפעטער. ווען קעניג פערדינאנד פון ראמעניע איז געשטארבן איז זיין אייניקל געווארן דער קעניג, אזוי ווי ער איז אבער געווען ממש אכט יאר אלט, איז געשטעלט געווארן א קאמיטע וואס זיי האבן למעשה געפירט דאס לאנד.

פאר זיין טאטע האט עס גארנישט געשמעקט אז מען האט אים שיין געשטעלט אין די זייט און ער האט פרובירט אויף אלע וועגן צו צוריק באקומען דעם טראן, אין יאר 1930 למספרם האט ער זיך צוריק געקערט צו דעם הויפטשטאט בוקארעסט און מיט עטליכע אומלעגאלע דריידלעך אוועקגעכאפט דעם שטול פון זיין זון, און געשטעלט געווארן אלס 'קעניג קארל פון ראמעניע דער צווייטער'. ער איז אין יענע צייט געווען גאר פאפולער און גענאסן פון ברייטע שטיצע צווישן די מאסן.

יעצט אז ער איז שוין געווען קעניג איז ער אבער נאכנישט געווען דער ענטגילטיגער הערשער איבער ראמעניע, עס איז נאכאלץ געווען אן אריינגעוועלטער פריים מיניסטער וואס איז געווען דער לעצטער ווארט איבער דאס לאנד, אבער צוביסלעך האט ער מיט אסאך דריידלעך אינגאנצן איבערגענומען די מאכט און מבטל געווען דעם הויפט מיניסטער און געווארן דער אויסשליסליכער אויטאריטעט.

אבער אזוי ווי שטענדיג ווען עס קומט א גבר אלים וואס דרייט איבער און קימערט זיך נישט מיט אנדערע, ווערט ער צום סוף דערשלאגן מיט זיין אייגענעם מעדעצין.

אזוי איז געווען מיט קעניג קארל

# א קוק אויף צוריק מיט א בליק אויף פאראויס

**ש. ז. היסטאריקער**

דער צווייטער, אלס אן אומגעלונגענער אויפגערעגטער מענטשליכער אביעקט איז ער מיט די צייט געווארן גאר אומפאפולער און פארפיינטעט ביי די ראמענישע פאלק. די פשוטע בירגער האבן אנגעהויבן פארלאנגען אז זיי ווילן אן אנדערער באאמטער זאל האבן א גרויסע ראלע אין די פירערשאפט פונעם לאנד, קעניג קארל האט אן קיין צוויי ברירות זיך געבראכן און אויפגענומען א נייע פריים מיניסטער וואס זאל האבן א שטארקע מאכט אינעם רעגירונג. תוך כדי דיבור האט דער נייער פריים מיניסטער שיינערהייט געמאלדן פארן קעניג אז ער איז העפליך מכובד זיך אפצוזאגן פון אמט, מיט קיין שום אויסוועג ארויס האט ער דערקלערט אז ער ציט זיך נאכאמאל ארויס פון ראמעניע דאסמאל קיין מעקסיקא, און אז ער גיבט צוריק די מאכט פון די מאנארכיע צו זיין זון און געוועזענער קעניג.

שוין, נאכן מסביר זיין וואס פאר א פוסטע שטריק קעניג קארל איז געווען לאמיר צוגיין צו די עצם מעשה.

ראמעניע איז אזוי ווי אלע קלענערע לענדער אין אייראפע אין די יארן צווישן די ערשטע און צווייטע וועלט מלחמה דורך גרויסע טראנספארמאציעס, בעיקר ווען ארומיגע לענדער האבן געזוכט צו צוריק שטעלן זייערע גרעניצן צום אלטן און מאכן סדר אזוי ווי אמאל, ראמעניע איז געווארן כסדר קלענער און גרעסער לויטן מצב.

איינע פון די שטעטלעך וואס האבן כסדר געטוישט הענט איז געווען סאטמאר, א מיטלגארטיגע שטאט מיט א גרויסע אידישע אנוועזנהייט, וואס דער הייליגער רבי פון סאטמאר איז געווען דער הויפט ארטאדאקסישע אויטאריטעט אינעם שטאט.

איז געווען אין יאר 1936 למספרם ווען דער אויבענדערמאנטער קעניג קארל איז געפארן קיין טשעכסלאוואקיע פאר א באזוך (אפשר א ביקור גומלין?) פארשטייט זיך אז ווען דער קעניג אליינס פארט דארף עס זיין מיט די גרעסטע מאס עהרע און פראכט, מען האט געלאזט צוזאמשטעלן צען וואגענער אלס איין גרויסער באן, גענוג מיט אלע פארוויילונגס מאטעריאל צו קענען האלטן דעם קעניג פארנומען אויפן לאנגווייליגן וועג אהין און צוריק.

אבער דאן האבן די פאליטישע ראטגעבער באשלאסן צו שיסן צוויי פייגלער מיט איין שאס, אנשטאט דער קעניג זאל שוין אזוי צופידלטערהייט ווערן נאכמער משוגע, קען מען אנשטאט דעם עס אהער שטעלן אלס א גאנצע שפיל פאר עולם גולם, און אין דער זעלבער צייט מאכן דעם קעניג אין א גוטע גוסטע.

מען האט געלאזט הענגען גרויסע פלאקאטן ארום אלע גרעסערע שטעט ווי דער קעניג'ס באן האט געדארפט אדורך רייזן, אז דער גענאדיגער קעניג וויל קומען זיך אינטערעסירן ביי די ציווילע בירגער וואס זיי מאכן.

דער קעניג איז געווען אויסער זיך פון עקסטאז, ס'טייטש אז יעדע עטליכע שעה וואס מען וועט פארן וועט מען זיך נאכאמאל אפשטעלן און ארויסקומען פונעם באן צו טרעפן א ריזן ציבור וואס קומט ארויס צו די באן סטאנציע באגריסן דעם קעניג און שאלן און יובילירן צום פרייד פון קענען זען דעם קעניג, בקיצור, ס'איז געווען א געלונגענע געדאנק.



אזוי האט קעניג קארל אפגערייזט קיין טשעכסלעוואקיע און פארברענגט דארט אייניגע טעג, אויפן וועג צוריק האט זיך אנגעהויבן די פאן - די אינטערעסאנטע חלק... מען האט זיך אפגעשטעלט ביי יעדע שטאט, דער קעניג איז ארויסגעקומען און די מיליטער האט געהאט אנגעגרייט איבעראל

סאלדאטן וואס האבן געמאכט א מארש לכבודו פונעם הויכגעשעצטן קעניג. אין יעדעס ארט זענען ארויסגעקומען נעבן דעם באן פלאטפארמע די רעליגיעזע, פאליטישע און מיליטער פירער פונעם ראיאן. א שאד אז איר זענט נישט דארט געווען צו זען ווי דער גרויסער שמייכל אויף זיין געזיכט דראעט צו אראפ ווארפן זיינע אויערן און זיך טרעפן פון הונטן....

ווי לאנג דער קעניג האט זיך אפגעשטעלט אין יעדע שטאט האט מען שוין אין די קומענדיגע אפשטעל ארט זיך געגרייט צום אנקום. ווען דער קעניג האט געהאלטן בערך א שעה פארן אנקומען קיין סאטמאר האבן זיך אנגעהויבן צוזאמנעמען די גרויסע חברה פון סאטמאר נעבן די באן סטאנציע, דער 'ראאף' פון די נעעלאגן און שטאטוס קווא צוזאמקומענישן אין שטאט זענען אנגעקומען און האבן שיין פארקניפט זייערע שניפסלעך, די גרויסע גלחים פון שטאט זענען אויך דארט געווען גרייט צו מקבל פנים זיין דעם קעניג.

אבער דער הייליגער סאטמארער רבי זצ"ל איז נאכנישט אנגעקומען, אלס דער ארטאדאקסישער רב פון סאטמאר האט מען געהאט אוועקגעלייגט פאר אים א פלאץ אין די ערשטע שורה, אבער דער הייליגער רבי פון סאטמאר האט אנדערש ווי די אנדערע אזוי-גערופענע רע-בנים נישט אויפגעגעבן צו דאווענען שחרית, אפילו ווען אלע ארומיגע האבן פרובירט צו שלעפן אז "דער קעניג קומט שוין" האט דער רבי געענדיגט דאווענען ווי געווענטליך.

נאכן ענדיגן דאווענען איז דער רבי ארויסגעפארן צום באן סטאנציאן, ווען דער אנוועזענדער הויפט מאכער האט צוגעוויזן פארן רבי'ן זיין פון פאראויס באשטימטע ארט אויף די פאדערשטע רייע, האט דער רבי אפגעזאגט נישט ווילנדיג זיצן נעבן גלחים און איז געגאנגען שטיין אביסל פון הונטן.

דאן איז די מאמענט אנגעקומען, די לאנגע באן מיט אירע פולע וואגאנען האט זיך אריינגעצויגן אינעם סטאנציע און צושטייטליך געקומען צו אן אפשטעל, דער קעניג איז ארויסגעקומען אויפן פלאטפארמע צו באגריסן די טויזענטער פארזאמלטע וואס זענען געקומען זען דעם קעניג.

די מוזיק האט געשפילט אויף די העכסטע טענער, און די סאלדאטן האבן אנגעהויבן מיט זייער מארש, דער קעניג האט אנגעהויבן צושפאצירן צו די לאקאלע פירערס פונעם געגנט, זיי צו באגריסן און שפילן גוט מיט זיי.

אבער, דער קעניג האט באמערקט דעם הייליגן סאטמארער רבי אין די זייט, און דער קעניג האט איבערגעלאזט דעם לאקאלן מעיאר מיט די הענט אויסגעשטרעקט און אנגעהויבן צושפאצירן גראד צום סאטמארער רבי, עטליכע גלחים ארום וואס האבן געמיינט אז דער קעניג מיינט זיי, האבן אנגעהויבן אנטקעגן גיין דעם קעניג און אויסגעשטרעקט זייערע הענט, אבער דער קעניג איז זיי אדורך געגאנגען ווי כאילו זיי עקזיסטירן נישט. ווען דער קעניג איז אנגעקומען צום הייליגן סאטמארער רבי האט דער קעניג אים געגעבן די הענט און זיך אביסל פארנויגט דעם קאפ, בשעת דער רבי האט געמאכט די ברכה 'הנותן תשועה למלכים'. דאן האט דער קעניג זיך צוריקגעדרייט און געגאנגען צום אנהייב פון די שורה און געגעבן פאר אלע פאליטיקאנטן זייער פארדינטן כבוד.

דער געשעעניש איז אפגעכאפט געווארן דורך א פאטאגראפיסט וואס האט געזען אז עפעס אויסער ארנטליך קומט דא פאר, און האט שנעל ארויסגענומען זיין קאמערע און פאראייביגט דעם מאמענט.

די געשיכטע מיטן בילד איז געווארן די הויפט נייעס פונעם טאג "דער קעניג גייט ערשט צום ארטאדאקסישער ראבינער און לאזט איבער זיינע פריינט" האבן די קעפלעך געשריגן מיט גרויסע קידוש לבנה אותיות.

עטליכע טעג שפעטער ווען מען האט געפרעגט דעם קעניג 'וואס איז פשט' האט ער געענפערט אט דאס:

"כ'ווייס נישט, אבער ווען כ'בין ארויסגעקומען פונעם באן און געזען אלע הויכגעשעצטע מענטשן וואס זענען ארויסגעקומען פאר מיר, און כ'האב געזען דעם ראבינער מיט אידישן געזיכט בין איך געווארן צוגעצויגן צו אים".

העלא? איינער האלט מיט? דער צופראסקעטער וואנזיניגער כ'וויל נישט ענדיגן, איז פון ערגעץ וואו געווארן צוגעצויגן צו וועם? ניין, נישט צו די איינגערעדטע שיינע אהערגעשטעלטע נעעלאגישע און שטאטוס קווא געזאנדעטע, נאר צום ערליכן פרומער רב וואס זעט אויס ווי א איד.

און שוין..

זאל מיר יעצט איינער קומען איינרעדן אז פאר ביזנעס איז גוט זיך אהער צו שטעלן, למחצה לשליש אדער וויניגער. יעדער קען ארויסנעמען זייערע אייגענע מסקנות.

גרשון קרעמער




# טראמפ'ס "גרויסע הערליכע ביל" גייט דורך אין קאנגרעס

די לאנג ערווארטעטע בודזשעט געזעץ, וואס פרעזידענט טראמפ האט גערופן די "וואן ביג ביוטיפול ביל" - די "איין גרויסע הערליכע ביל" איז אריבער אין קאנגרעס. נאך לאנגע אמפערייען צווישן די קאנגרעסלייט איז דער ביל ענדליך דורכגעגאנגען מיט געוויסע טוישונגען, אויף וואס טראמפ האט זיך געמוזט בייגן צום דרוק פון געוויסע קאנגרעסלייט פון זיין אייגענע פארטיי.

דער עיקר קענגנערשאפט איז געקומען פון קאגרעסלייט פון סאציאלע דעמאקראטישע סטיעטס ווי ניו יארק און קאליפארניע, וואס ליידן פון די שטארקע רעדוקציע פון סאלט טעקס דעדאקשן וועלכע פלעגט לאזן אראפ רעכענען די סטעיט שטייערן פונעם איינקופט, און אזוי זיך שפארן פעדעראלע שטייערן. צום סוף האט מען עס געדארפט נאכגעבן און ארויפגערוקט די דעדאקשן פון צען טויזענט צו דרייסיג טויזענט דאלער.

צווישן די הויפט זאכן וואס דער ביל טוט אויף איז:

פארגעסערט די גרעניץ וואך בודזשעט.

פארלענגערט די טעקס ברעיק פון טראמפ'ס ערשטע טערמין - וואס האט געהאלטן ביים אפלויפן.

נישטא מער קיין שטייערן אויף טיפס און אווערטיים.

שטעלט אוועק א פאנד ווי די רעגירונג וועט אריינלייגן טויזנט דאלער פאר יעדע קינד וואס ווערט געבוירן פון יעצט, אין וואס עלטערן וועלן קענען צולייגן געלט דערצו, און דאס קינד וועט עס ארויסנעמען ווען ער ווערט ערוואקסן.

פארלאנגט פון שטאַטן צו צאלן א גרעסערע טייל פון פוד סטעמפס און מעדיקעיד.

פארלאנגט בדרך כלל - א מינימום פון אכציג שעה א חודש ארבעט צו באקומען וועלפעיר פראגראמען.

טראצדעם וואס דער ביל האט נישט קיין סאך געטוישט דער דעפעציט, וואס ווערט ערווארטע צו בלייבן ביי די צוויי טריליאן געגענט, האט דער שטאלצער טראמפ טראומפואירט דערמיט אלץ א "הערליכער גרויסער" ביל... עס האט בסך הכל געמאכט איבסל העדליינס, און געריקט אביסל געלט פון איין טאש צום צווייטן...

וואס מען זעט פון דעם ביל, איז אז עס א שאד זיך צו נעמען צום הארצן דער פאליטישער מצב, איידער די וואלן קענען די געמיטער ווערן אנגעהיצט און די ווינט פרובירט אונז צו איבערצייגן אז אז דער פאליטישן וועט זיין אונזער מציל ומושיע, און דער פארטיי וועט אונז אויסלייזן, און אויב חס וחלילה דער אנדערער וועט אריינקומען וועט חלילה זיין א גזירת כלי'.

יעצט ווען טראמפ איז אין אמט, און טייל האבן געטראכט אז ער איז ממש די ישועה פאר כלל ישראל, זעט מען אז ער קען גארנישט, אויסער איבסל אסאך בלאזן פון זיך האט קען ער גארנישט... אונזער ישועה קומט נאר פון אויבערשטן, און פאליטיק איז סך הכל אן אויג פארבלענדעניש און נאך א וועג פונעם יצר הרע מיר זאלן פארגעסן ווער עס איז באמת אין טשארדזש, און מיט וועם עס לוינט זיך צו זיין גוט.

ב"ה אז מיר האבן די ריכטיגע קאנעקשאנס, מיר ווייסן וויאזוי צו באקומען אן אפוינטמענט ביים עכטן פרעזידענט, דער וואס קען אונז באמת העלפן, ער גיבט פרנסה, ער גיבט קינדער, ער געבט רופואות, און נאר צו אים וועלן מיר זיך ווענדן.

**אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים**



# מעשיות פון תפילה

## נחמן נתן בוים

קרית ברסלב

1. איך האב א בעבי קליידער געשעפט ביי מיר אינדערהיים, איך האב געהאט באשטעלט א ארדער פון טשיינע ביי די צייט וואס פרעזידענט טראמפ האט ארויפגעלייגט טאריפס אויף וואס מען ברענגט אריין פון טשיינע.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל מיר נישט קאסטן מער לכבוד דעם, שכח אייבערשטער עס איז אנגעקומען בשלום און עס האט נישט געקאסט מער.

2. איך ארבעט ברוך השם אין בית הדפוס, איין טאג בשעת'ן דרוקן דעם קרית ברסלב בלעטל האט די סטעפלער מאשין אנגעהויבן מאכן קונצן, עס איז ממש געבליבן סטאק יעדע שטיקל עקסטער, איך האב אלעס פרובירט צו טון, אבער עס האט נישט געהאלפן.

איך האב אנגעהויבן בעטן דעם אייבערשטן עס זאל צוריק אנהייבן ארבעטן ווי געהעריג.

שכח אייבערשטער עס האט אנגעהויבן ארבעטן ווי פאר דעם אן קיין שום הילף פון קיינעם.

3. די אנדערע סטעפלער מאשין האט אויך אנגעהויבן צו מאכן פראבלעמען, מען האט געדארפט האבן א געוויסע חלק פאר די מאשין, וואס האט געדארפט ווערן באשטעלט, מען האט געזוכט וועלכע קאמפאני עס האט דווקא דעם געוויסע חלק, אבער מען האט ביזדערווייל נישט געטראפן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די מאשין זאל ווערן פאררעכטן, און מען זאל קענען שאפן דעם חלק פאר די מאשין.

איין טאג אינמיטן ארבעטן האב איך געטראפן אין בית הדפוס ממש אזא חלק וואס איך האב געדארפט האבן.

איך האב געגעבן א קוק דערויף האב איך געזען אז עס זעט אויס געניצט, האב איך עס געלייגט אין א זייט. אבער נאך א שטיק צייט האב איך עס נאכאמאל ארויסגענומען און מער באטראכט, האב איך געזען אז עס איז יא א נייע, איך האב עס אריינגעלייגט אינעם מאשין און עס האט אנגעהויבן ארבעטן א מחי'.

## אלחנן זויבערמאן

צפת

1. כ'האב באקומען א פארקינג טיקעט בערך א יאר צוריק, איך האב נישט קיין איבעריגע געלט צו שפייזן די ציונים, האב איך זיי געבעטן צו איבערטראכטן די טיקעט אין א געריכט הויז, אפשר אזוי וועל איך איבעררעדן דעם ריכטער צו אראפלאזן אביסל.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז ס'זאל אינגאנצן ויסגעמעקט ווערן, שכח אייבערשטער אז א יאר ארום האב איך באקומען א מעסעדזש אז אזוי ווי ס'האט זיך שוין געצויגן אזויפיל צייט איז עס בטל געווארן.

2. מיין שוועסטער איז געווארן א כלה, און מיר האבן געדארפט אלעס אפלאזן און לויפן צו די באס צו די לחיים/ווארט אין בני ברק, מיר האבן געמוזט אניאגן די נאנטע באס כדי צו אנקומען אין צייט.

למעשה ביז מיר האבן זיך איינגעפאקט און מסדר געווען בין איך געוואויר געווארן אז די באס וועט זיין אין סטאנציע (5-3 מינוט פון מיין שטוב) אין 2 מינוט...

האב איך אנגעפאנגען בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן עס אניאגן און מיט דעם האב איך גע'פועל'ט אז איך האב נאך געדארפט צוווארטן...

3. פסח האט מיך מיין מאמע געשיקט אין סטאר איינקויפן פאר איר קארטאפל מעל. די זאך איז אז די יאר איז נישט געווען קיין מעל אין קיין איין געשעפט אין בני ברק... מיינע געשוויסטער האבן שוין פרובירט צו קויפן און נישט געטראפן, אבער אזוויי איך בין געקומען צו זיי חול המועד און סייווי געגאנגען עפעס איינקויפן פאר מיך האט זי געבעטן איך זאל נאכקוקן אויב ס'איז עפעס געבליבן. און ס'איז נישט געבליבן.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן און פלוצלונג האב איך באמערקט אין א זייטיגע נידריגע שעלף אז דארטן ליגט אפאר אויפגעריסענע פעקעלעך קארטאפל מעל, און צווישן זיי האב איך געזען 2 גאנצע.

4. ביי אונז פירט מען זיך אז אין אייער און אַוואָקאַדאָ מעג מען בראקן. ביי סעודת משיח האב איך געוואלט קענען עסן א שיעור מצה, אבער סתם טרוקענע מצה האב איך שוין נישט געקענט, און אוואקאדא האב איך שוין נישט געהאט...

האב איך געטראכט אז איינער אין שול וועט זיכער האבן און איך וועל אים קענען בעטן. איך קום אן אין שול - ואין, עס איז נישטא...

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אפאר מאל, און טאקע איינער פון די אינגעלייט שיחי' האט מחליט געווען זיך צו משתתף זיין אין מיין מעשה פון תפילה און אהיימגעגאנגען מיך עס צו ברענגען....

5. איך בין געפארן קיין אומאן מיט מיין ווייב. אזוי ווי באוויסט, די געגענט פון אוקראינע און אייראפע איז נישט די מערסטע דעוועלאָפּד... און אז מ'פארט מיט זייערע עראפלאנען קענען פארקומען זייער אסאך אינטרעסאנטע פעלערן און אומבאקוועמליכקייטן.

האב איך געבעטן זייער אסאך דעם אייבערשטן אז ס'זאל ארויספארן אין צייט און פארן געהעריג און אנקומען בשלום. און א וואונדער איבער א וואונדער! אלץ האט געקלאפט ווי א שווייצער זייגער...

6. איידער די פליגער דערהייבט זיך ווייזן די פלייט אטענדענטס וויאזוי מען ראטעוועט זיך אויב די פליגער וועט חלילה קראכן.

כ'האב באמערקט אז אין פארנט פון מיר איז געווען נאר מענער אַטענדענטס און נישט קיין פרויען. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז מיך זאלן טאקע דינען נאר מענער, שכח אייבערשטער, ס'איז דארט געווען אויך פרויען אבער נישט אין מיין טעריטאריע.

7. איך קען קיינמאל נישט שלאפן אונטערוועגנס. האב איך האב געמוזט האבן כח, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל איינשלאפן. אוי בין איך געשלאפן...

8. ביים גרעניץ האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל פארן שנעל, שכח אייבערשטער ס'האט גענומען נאר א שעה בערך.

9. ביים פסח שני מסיבה האב איך געוואלט האבן א גוטע פלאץ קענען זען דעם ראש ישיבה. האב איך מתפלל געווען אז ס'זאל בלייבן א ליידיגע פלאץ מער נענטער צום אויבן אן, שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט א גוטע פלאץ.

איבער
# אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## וויאזוי וואקסט האר?

### שאלה

**לכבוד ר' גרשון קרעמער, קודם וויל איך מיך באדאנקן פאר דעם אלץ און אלעמען אפטיילונג, איךווארט אויף דעם יעדע וואך, עס איז מיר זייער אינטערעסאנט, עס ברענגט מיר אסאך ידיעות, אויף נושאים וואס מיר לעבן מיט יעדן טאג, אבער מען ווייסט נישט פונקטליך וויאזוי עס ארבעט.**

**איך וואלט געוואלט פארשטיין וויאזוי וואקסט האר אויפן קאפ פון יעדן מענטש?**

**אליעזר ר.**

### ענטפער

אויך אין אזא פשוטע שאלה "וויאזוי וואקסט האר?" קען מען טרעפן דעם אויבערשטן, און עצות וויאזוי צו קענען אנגיין אין לעבן אויך אין שווערע אומשטענדן.

די נושא איז פאסיג בפרט יעצט ווען מיר שטייען ממש איידער דעם הייליגן יום טוב שבועות ווען אלע אידן גיין זיך פריש שערן לכבוד יום טוב, נאכדעם וואס מען האט איינגעהאלטן ערליך די הלכות פון אבילות פון די ספירה טעג.

אויף אונזערע קעפ געפונען זיך אין דורכשניט איבער הונדערט טויזנט קליינע האר-ווארצלען וואס הייסן "פאליקלען", יעדע פאליקל איז א פולקאמער האר פאבריק וואס פאבריצירט אונטער די הויט כסדר פרישע לעבעדיגע האר צעלן, און די פרישע האר צעלן שטופן ארויס די אלטע האר צעלן וואס "שטארבן אפ" איינמאל זיי געפונען זיך אינדרויסן.

די סיבה פארוואס מיר רופן עס "שטארבן" איז ווייל עס איז שוין בכלל נישט מחובר צום מענטש'ס אויסער פיזיש צוזעקלעבט צו די נייע האר צעלן. דערפאר ווערט מען נישט שפירן קיין ווייטאג ווען מען שערט אפ האר, אבער אויב מען ווערט "ארויסרייסן" האר, ווערט מען עס שוין איינמאל שפירן, ווייל דאן רירט מען צו צו די פרישע האר וואס "לעבט" און האט ווייטאג נערוון דערין.

דער אייבערשטער געבט פאר יעדעם אן אייגענארטיגע האר קאליר, טעקסטור און אויסזען, קיינער האט נישט די זעלבע האר פון א צווייטן, א זאך וואס די פאליציי נוצט פיל מאל ביי אויספארשונגען אויב טרעפט מען א האר אלס א באווייז אויפן פארברעכער.

די האר וואקסן אזוי שטאט אז עס איז אוממעגליך צו באמערקן ווי זיי וואקסן, אין דורכשניט וואקסט עס צווישן א האלבע און איין מילימעטער א חודש, דאס מיינט אז כאטש עס קען נעמען עטליכע יאר אז די האר וואס וואקסט היינט ארויס זאל אנקומען אונטן די פיאות, וועלן זיי צום סוף אנקומען.

א מענטש בכלליות איז אויך אזוי, אויב מען וואקסט שטייטעלעך ווערט מען אנקומען זייער ווייט... ווי דער רבי האט אונז געלערנט "מעט גם כן טוב", אויב א מענטש פרובירט צו טאנצן גרויסע טרעפ אויף אמאל ווערט ער זיך איבערדרייען און צוקלאפן, ענדערש גיין קליינע אבער כסדר'דיגע טרעפ און מען ווערט אנקומען אסאך ווייטער.

מוהרא"ש פלעגט טייטשן די גמרא "הרבה עשו כרבי שמעון - ולא עלתה בידם", אויב מען וויל נאכמאכן דעם הייליגן רבי שמעון אינגאנצן, דאס קען מען נישט, ענדערש מאך נאך איין זאך, דאס וואס דו קענסט, פריי דיך מיט'ן הייליגן שבת, זיי מכבד דעם שבת אזוי ווי רבי שמעון.

קענסט נישט לערנען צוועלף יאר אין א מערה ווי רבי שמעון? אבער קענסט זיצן ביי דיר אין דיינינג רום אין "זאגן" איין בלאט גמרא יעדן טאג, אין זיבן יאר ארום וועסטו מאכן א סיום הש"ס, פון פינף מינוט א טאג.

# סעודה מיטן ראש ישיבה

סעודת שבת קודש
שבועות תשפ"ד
איבערגעגעבן דורך י. פ.



שכח אייבערשטער אז דעם פארגאנגענעם שבועות תשפ"ד האב איך נאך אסאך תפילות זוכה געווען צו ווײלן אינעם הייליגן ברסלב'ן שטעטל, און געהאט די זכיה צו עסן די סעודות ביים ראש ישיבה שליט"א.

איך וועל מיטן אייבערשטנ'ס הילף פרובירן וויפיל איך געדענק מיטצוטיילן מיט די טייערע חברים וואס ווארטן צו הערן, און ווילן זיך לערנען ווי אזוי צו מאכן א פריילינע סעודה אזוי ווי דער ראש ישיבה האלט אונז אין איין לערנען ביי די שיעורים אז די סעודת שבת דארף בעיקר זיין רואיג און פרייליך כדי די קינדער זאלן באקומען א געשמאק אין אידישקייט.

## זיך אויסקומען מיט די ווייב

עס איז געווען עטליכע געסט סיי פון דאהי און אויך פון אויסלאנד. די טיש איז געווען אנגעגרייט פשוט, א ווייסע טישטוך, חלות, חלה דעקלעך, א בעכער פארן ראש ישיבה, גלעזלעך און הדסים, אויך איז געווען א קראנץ בלומען אינמיטן טיש (אויף די ווענט זענען געווען ארויפגעלייגט צווייגן פון ביימער ארום די פענסטער לכבוד שבועות).

דער ראש ישיבה איז אריינגעקומען, געגריסט פאר יעדן גוט יו"ט, און געגעבן פאר יעדן פון די מענער א פלאץ ווי יעדער זאל זיצן און האט זיך אראפגעזעצט ביים טיש. דער ראש ישיבה האט אויסגעטיילט פאר די קליינע קינדער גרעיפ דשוס, און געזאגט אז ער איז נישט מקפיד אז די קליינע קינדער זאלן טרינקען גרעיפ דשוס פאר קידוש.

ער האט דערציילט אז עס איז געקומען צו אים א אינגערמאן מיט זיין ווייב און זיך אויסגעשמועסט אז זיי קריגן זיך ארום שבת ביי די סעודה, דער אינגערמאן זאגט "איך קום אהיים, איך וויל אביסל זינגען שבת'דיגע זמירות, איך וויל זיך אביסל פארבענקען צום אייבערשטן דורך זמירות שבת". אבער זי זאגט איך זאל שוין מאכן קידוש, איך זאל זינגען שנעל. און די ווייב האט גע'טענה'ט "וואס זאל איך טון, די קינדער טאנצן אויפן קאפ, זיי ווארטן שוין אנצופאנגען די סעודה, זיי זענען הונגעריג, מ'קען זיי נישט לאזן ווארטן".

האב איך זיי געזאגט "געב אביסל גרעיפ דשוס פאר די קינדער פאר קידוש, וועלן זיך די קינדער בארואיגן."

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען שרייבט אין

די בלעטל די פשוט'ע זאכן וואס קוקט אויס ווי דברים פשוטים... פון די ווייב און וויאזוי זיך צו באגיין מיט קינדער, און אסאך מאל שטעלן מיר מענטשן אפ, אלטע חברים אדער משפחה וכדומה און זאגן: "אזעלכע שטותים שרייבט מען אין א בלעטל? אזעלכע פשוטע זאכן שרייבסטו?" אבער פון די אנדערע זייט, אז נאכדעם קומט א קאפל וואס מוטשענען זיך טאקע מיט די קלייניקייטן און זיי ליינען דאס און עס ראטעוועט די שלום בית - לווינט זיך דאס.

דער ראש ישיבה האט מיר געזאגט: "שרייב אפ די סעודה, און שרייב דווקא די פשוטע זאכן, נישט נאר די תורה'ס וואס מען שמועסט, קענסט ארײנלייגן אביסל תורה'ס אויך, אבער דער עיקר שרייב די פשוטע זאכן"!

דער ראש ישיבה איז געווען זייער פרייליך און ער האט זיך אנגערופן צו איינע פון די געסט: "דא איז א אנדערע ענין אינגאנצן, און ישיבה איז דער ראש ישיבה א שטרענגער ראש ישיבה אבער דא איז א אנדערע זאך, סאיז דא בתי גואי און בתי בראי, אינדרויסן איז שטרענג אבער דא איז א פרייליכע געשמאקע פארברענג.

## נאכמאכן ר' משה גראס שליט"א

אזוי ווי עס איז נאכנישט געווען אלעס גרייט צום סעודה, האט דער ראש ישיבה געשמועסט א רואיגע שמועס, געפרעגט יעדן "וואס זאגסטו עפעס? נו זאג עפעס". ער האט זיך ארומגעדרייט פון איין גאסט צום צווייטן, נו זאג עפעס, וואס זאגסטו? האט זיך איינער אנגערופן אז ער האט געהאט א גרויסע התעוררות פון די אינטערוויו וואס איז געווען אין די שבועות בלעטל פון הרב משה גראס שליט"א, אז ער ענדיגט ש"ס און ירושלמי יעדן חודש.

האט דער ראש ישיבה געזאגט: "משה גראס איז א חשוב'ער אינגערמאן, אבער דו קענסט אים נישט נאכמאכן, איין זאך קענסטו נאכמאכן ער לערנט, לערן דו אויך!!! דו האסט א זאך וואס משה גראס האט נישט", האט יענער געפרעגט "וואס"? האט דער ראש ישיבה געזאגט: "עס גייט איבער אויף דיר וואס עס גייט איבער, און דו האסט נישט קיין קשיות אויפן אייבערשטן" אז א מענטש מאכט מיט שוועריקייטן, און האט נישט קיין קשיות אויפן אייבערשטן, דאס איז די גרעסטע זאך.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען קען דערקענען אויף א פנים פון א מענטש אויב ער האט נישט קיין קשיות אויפן אייבערשטן, לא יראו לך אלוהים אחרים על פני - אויפן פנים קען מען זען אז א מענטש האט נישט קיין קשיות אויפן אייבערשטן.

מיין מאמע'ס טאטע'ס טאטע'ס ..... אזוי אלע זיידעס ביזן ישמח משה, איז געווען דער הייליגער ישמח משה, ער איז געווען רב אין אוהעל און ער איז געפארן צום הייליגן חוזה פון לובלין, ער האט געהאט א קשיא פארוואס חסידים זענען פרייליך, מען דארף דאך טרויערן אויפן חורבן בית המקדש? ווען ער איז אנגעקומען צום חוזה האט אים דער חוזה גלייך אפגעליינט זיינע מחשבות, און פאר ער האט נאך געקענט פרעגן האט דער חוזה אים געזאגט "דאס וואס די כַּתְּ - (אזוי האט מען גערופן אמאל חסידים, דאס איז געווען די שפעט ווארט אויף חסידים, מען האט זיי גערופן די כַּתְּ-אויף ענגליש "א קאלט") - זענען אזוי פרייליך, דאס איז נאר פון אינדרויסן, אבער אינעווייניג זענען זיי גוט צובראכן, זיי ווײנען צום אייבערשטן באהאלטענערהייט, נאכדעם קענען זיי זיך ארום דרייען אינדרויסן מיט א שמייכל."

אויף יעדן גייט איבער, די קונץ איז צו זיין פרייליך און נישט האבן קשיות אויפן באשעפער. "אויף מיר גייט אויך איבער", יעדער האט אנגעקוקט דער ראש ישיבה? וואס? האט דער ראש ישיבה געזאגט: "וואס? דאס האט שוין צווישן מיר מיטן אייבערשטן".

איינער האט זיך אנגערופן אז ווען ער איז אנגעקומען צו מוהרא"ש, האט מוהרא"ש געהאט אויף זיך קאורט'ס (משפטים) און מען האט גארנישט געזען אויף אים, קיינער האט נישט גע'חלום'ט אז ער איז פארנומען מיט לויערס און קאורט'ס, האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט אז ער האט נישט געהאט קיין אנונג וואס מוהרא"ש גייט אלץ אריבער, מוהרא"ש איז אראפגעקומען צום ליל שישי שיעור מיט אזא פרישקייט מיט אזא רואיגקייט און ארײנגעגלאזן אמונה אין יעדן איינעם כאילו לא היה, ווען איך האב נאר געמיינט אז איך גיי האבן משפטים, אפילו באמת איז גארנישט געווען, איז שוין מיין קאפ נישט געווען ביי מיר.

> שרייב אפ די סעודה, דווקא די פשוטע זאכן, נישט נאר די תורה'ס וואס מען שמועסט, קענסט ארײנלייגן אביסל תורה'ס אויך, אבער דער עיקר שרייב די פשוטע זאכן.

## היינט חתונה געהאט

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די קינדער: "איך בין זייער פרייליך, היינט האב איך א חתונה". איינע פון די קינדער האט געפרעגט וועלכע חתונה? האט ער געזאגט: "דער אייבערשטער מיט די תורה האבן חתונה מיט די אידן", נאכדעם האט ער געגעבן א זאג: "און איך בין שדכן, איך בין מעורר אידן צו לערנען תורה, און רעדן צום אייבערשטן".

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "שטעלט זיך פאר מיר זענען גוים, מיר עסן פרעש מיט ווערעם, היינט זענען מיר געווארן אידן."

אינצווישן זענען שוין די פרויען געווארן גרייט, דער ראש ישיבה האט געוויזן צו אנצינדן לעכט, ער האט געזאגט אז מען דארף מאכן די ברכה להדליק נר של יום טוב, און שהחיינו, אויך אז יום טוב מאכט מען קודם די ברכה און נאכדעם צינדט מען. און שפעטער האט דער ראש ישיבה'ס ווייב אים געזאגט אז איינע פון די פרויען האט פארגעסן צו מאכן א שהחיינו, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "דעמאלט זאל זי יוצא זיין מיט די שהחיינו וואס

## סעודות מיטן ראש ישיבה

מען גייט זאגן ביי קידוש".

דער ראש ישיבה האט גערופן אלע קינדער, און געווארט אויף יעדער אינגל זאל קומען, ער האט געהייסן פאר די אינגלעך ברענגען גלעזלעך, דער ראש ישיבה האט אויסגערעכנט וויפיל גלעזלעך מען דארף האבן, און ער האט געזאגט פאר איינע פון די אינגלעך זאל ברענגען קאפס, ווייל ס'איז נישטא גענוג גלעזלעך.

## א שבועות'דיגע קידוש

דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש מיט די נוסח פון אקדמות, מיט א נעימות, מיט א געשמאק, מיט א שמחה, מיט א בענקעניש צום אייבערשטן, אבער פון די אנדערע זייט מיט א רואיגקייט, (עס איז שווער צו מסביר זיין ווי אזוי פון איין זייט קען מען האבן א התלהבות, בענקען צום אייבערשטן מיט א שמחה און א ברען, און באותה רגע נאכאלץ זיין דאון-טו-ערד און זיין אין טשארדש אויף יעדע זאך מיט געדולד און סבלנות, אויב למשל א קינד האט עפעס געקלאפט אינמיטן קידוש האט אים דער ראש ישיבה אנגעכאפט מיט א רואיגקייט זיין הענט, אזוי ער זאל אויפהערן צו קלאפן, אבער געזאגט ווייטער קידוש מיט התלהבות און שמחה מיט די נוסח פון הקדמות (ווער ס'האט שוין מיטגעהאלטן ווי אזוי דער ראש ישיבה דאווענט פארן עמוד, און באותה זמן נעמט ער קער אויף די קינדער, וועט פארשטיין וואס איך מיין).

דער ראש ישיבה האט אנגעגאסן גריפ דשוס אין אלע גלעזלעך וואס איז געווען אנגעגרייט און אויסגערעכנט יעדן איינעמ'ס נאמען און געזאגט פאר איינע פון די אינגלעך: געב פאר יוחנן, געב פאר וואלווי, און אזוי ווייטער. פאר די פרויען האט ער געהייסן זיין טאכטער זאל טראגן.

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "שכח אייבערשטער, מיר האבן געמיינט אז מיר וועלן נישט האבן קיין קינדער, קוק אן בלי עין הרע, מיר האבן אזעלכע געשמאקע קינדערלעך".

"אפאר פון מיינע קינדער האבן שוין א משפחה אליין'ס און מאכן שוין יו"ט פאר זיך, שלמה מאכט שוין אליין, און דער גייט צום שווער וכו'."

ס'איז געווען א זילבערנע הדסים האלטער אויפן טיש און דער ראש ישיבה האט דערציילט אז א אינגערמאן האט אים דאס געגעבן א מתנה ווען ער האט געענדיגט ש"ס, און די חלה דעקל האט ער א מתנה פון א טאטע וואס דער ראש ישיבה האט געראטעוועט זיין טאכטער, עס איז פאר אים א עקסטערע חשיבות.

איינע פון די אינגלעך האט אים געפרעגט צו עס איז עכט זילבער, האט ער מסביר געווען, אז עס איז אזוי ווי א מענטעלע פון א ספר תורה, עס האט זילבערנע פעדימער.

## א מתנה פון א בחור

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער וועט קיינמאל נישט פארגעסן, ווי איין ערב שבועות האט אריינגעקלאפט צו אים א בחור וואס ער פאנגט אים נישט אן צו קענען, און ער האט געברענגט א גרויסע טאץ מיט פלייש און ער האט געזאגט פארן ראש ישיבה אז ער האט זיך געדרייט אין די גאסן יארן, ער האט קיינמאל נישט געלערנט, ער איז נעבעך געווען א גאסן בחור, און דורך די שיעורים האט ער אנגעפאנגען צו לערנען און זיין ערליך, און אזוי ווי ער האט געהערט אז דער ראש ישיבה עסט נאר סאטמארע פלייש, איז ער געגאנגען אין סאטמאר בוטשער און ער האט געקויפט א גרויסע טאץ פלייש פארן ראש ישיבה אויף יו"ט שבועות, ווייל א דאנק דעם ראש ישיבה האט ער אויך שייכות מיט די תורה!!

ווי געזאגט איז ביים ראש ישיבה אין שטוב נאר געווען איין וואזע פון בלומען, און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר איינע פון די ארץ ישראל'דיגע געסט אז דאס האט אויך איינער געשיקט, ער האט געזאגט אז ער לערנט אויס פאר זיינע תלמידים אז זיי זאלן נישט אויסגעבן געלט פאר בלומען, פאר זיי צאלן נישט רענט און גראסערי.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר איינע פון די קינדער זאל אראפ נעמען די בלומען פון טיש, ווייל אז עס שטערט פון זען מאמי לוינט זיך דאס נישט.

## איך האב אלעס פאר דיר

ווען דער ראש ישיבה האט געטיילט חלה האט איינער פון דער ראש ישיבה'ס קליינע קינדער געפרעגט "האסט חלה פאר מיר?" האט אים דער ראש ישיבה געזאגט "איך האב אלעס פאר דיר". דאס איז געווען אן אינטערעסאנטע לימוד פאר מיר ווי אזוי צו זאגן פאר קינדער, איך האב אלעס פאר דיר.

שפעטער האט דער ראש ישיבה פארציילט פאר זיין ווייב אז ער האט גערעדט צווישן מנחה מערב ווייל מען האט געדארפט ווארטן אויף צוויי און זיבעציג, כדי עס זאל זיין שלימים, דאס הייסט גאנצע ניין און פערציג טעג ספירה, הגם עס איז דא פוסקים וואס האלטן אז נאר קידוש דארף זיין נאכן זמן, אבער דער דיין האט יא געבעטן מען זאל ווארטן אויף די אנדערע שיטה, און מען זאל דאווענען מערב אויך נאכן זמן, און ער האט איבערגעזאגט פאר זיין ווייב וואס ער האט געזאגט אין שול צווישן מנחה און מעריב.

אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט פאר זיין ווייב ווער זענען אלץ די געסט וואס זענען געקומען צו זייערע קינדער אויף יו"ט, איינע פון די קינדער פונעם ראש ישיבה האט געפרעגט אויף איינע פון די געסט צו ער איז מקורב? האט דער ראש ישיבה געזאגט: וואס הייסט מקורב? דו ביסט מקורב? אז מען רעדט צום אייבערשטן דעמאלט איז מען מקורב.

## מכבד די שווער

דער ראש ישיבה האט זייער אויסגערומט און באוואונדערט איינעם פון אנשי שלומינו וואס זיין שווער איז געקומען צו אים אויף יו"ט אז ער איז זייער שטארק מכבד זיין שווער מיט א מורא'דיגע געטריישאפט, ווייל זיין שווער קען נישט גיין אויף די פיס, און ער טראגט אים ארויף די שווערע בארג מיט א ווילטשער.

דער ראש ישיבה האט דערציילט פאר זיין ווייב אז ער איז נישט אנגעקומען צו אויפנעמען יעדן איינעם אין שול, ער קומט נישט אן צו יעדן איינעם, עס איז דא מענטשן וואס קומען צו מיט שאלות, און פון די איז דא וואס האבן שווערע און וויכטיגע שאלות, ממילא קומט ער פשוט נישט אן צו יעדן, און ער האט געזאגט אז אפילו אברהם משה איז צוגעקומען זאגן שלום עליכם און ער איז געווען פארטיפט אין א קאמפליצירטע שאלה וואס איינער האט געפרעגט, אז ער האט נישט

געקענט צוגעלייגן קאפ אים אויפצונעמען כדבעי.

## ביזט פון רוטה׳ס מענטשן?

איינער האט דארט פארציילט אז עס איז דא א אינגערמאן פון אנשי שלומינו וואס האט געמאכט א דזשאב פאר איינעם וואס יענער איז א חשוב׳ער איד, נישט קיין אינגערמאן, און דער איד האט געזאגט עפעס א ניבול פה ווארט, און דער אינגערמאן פון אנשי שלומינו האט אים געזאגט: "מען קען נישט רעדן צו מיר די ווערטער, דאס איז ניבול פה, אויב איר רעדט אזוי ארבעט איך נישט פאר דיר." האט דער איד געזאגט: "אָהָ - דו ביסט דו ביסט פון רוטה׳ס מענטשן?".

## סאטמערע מנהגים

האט דער ראש ישיבה פארציילט אז דער פאלטישאנער רב זי"ע איז געקומען קיין אמעריקע נאך די מלחמה און ער האט געמאכט סוכות א סוכה, (די אמעריקאנער אידן פלעגן ליידער נישט מאכן קיין סוכה, נאר די ערשטע נאכט סוכות האבן זיי געמאכט קידוש אין בית מדרש, און געגעסן א כזית חלה, און נאכדעם אהיימגעגאנגען מאכן די סעודה אינדערהיים,) און ער האט געבויעט א סוכה, אזוי ווי אלע ערליכע אידן אינדערהיים, און אלע מענטשן וואס זענען אריבער געגאנגען זיין סוכה, האבן געגעבן א שטויס די סוכה און געשריגן: "סאטמערער, סאטמערער, סאטמערער מנהגים ברענגט ער דא", און ער האט נישט געכאפט וואס רעדן זיי דא? ווער איז סאטמאר? וואס זענען די סאטמערע מנהגים, ווי קומט אריין סאטמאר דא, מען רעדט דאך פון א מצווה פון סוכה.

ער האט קיינמאל נישט געהאט געהערט פון דער סאטמערער רבי, ער איז געקומען פון אינגאנצן א אנדערע געגנט, אבער ער האט געטראכט, אויב אזוי אויב אז איינער טוט א מצווה פון די תורה ווערט ער אין אמעריקע אנגערופן א סאטמערער, מוז איך געוואויר ווערן ווער סאטמאר רב איז, און ער האט טאקע אויפגעזוכט סאטמאר רבי, און ער איז געווארן דבוק אין סאטמאר רבי, און זיינע קינדער זענען געבליבן ערליכע אידן. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "דא איז די זעלבע זאך, אויב אז ווען מען רעדט נישט קיין ניבול פה, ווערט מען שוין אנגערופן פון דעם ראש ישיבה׳ס תלמידים, אפשר איז שוין פאר דעם אליינ׳ס כדי צו קומען אויף היכל הקודש".

> ר׳ משה גראס איז א חשוב׳ער אינגערמאן, אבער דו קענסט אים נישט נאכמאכן, אין זאך קענסטו נאכמאכן ער לערנט, לערן דו אויך.

איינער האט געוואלט זאגן די נאמען פון דעם איד, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: זאג נישט די נאמען עס איז לשון הרע!

## די מנהג פון נישט רעדן ביז נאך כתר

איינער האט געזאגט פארן ראש ישיבה אז ער פלעגט האבן זייער שטארקע צער פון די ענין אז מען רעדט נישט אויס שבועות ביינאכט ביז כתר, זיינע מגיד שיעורים פלעגן מאכן א שטארקע עסק פון דעם, למעשה האט ער בטעות אויסגערעדט, דער ראש ישיבה האט געפרעגט פון איינע פון די געסט פון ארץ ישראל אויב ביי זיי איז אויך אזוי?

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די זאך איז אז מען זאל נישט רעדן קיין דברים בטלים, אבער ערליכע זאכן איז נישט קיין פראבלעם צו רעדן, דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ביי זיי אין די משפחה איז דא ערנסטע ערליכע אינגעלייט וואס האבן זייער אבאכט געגעבן נישט אויס צו רעדן שבועות ביינאכט, און אז מען דארף עפעס ווייזט מען מיט די הענט, אבער מ׳פארשטייט נישט צו מען דארף א גאפעל צו א לעפל, און ווען דער ראש ישיבה איז מקורב געווארן האט ער געזאגט שכח פאר זיין מאמע פאר די סעודה און איר באדאנקט, האט זיין מאמע אים געזאגט אז דו האסט מיך ממש געראטעוועט, ווייל איך פלאג זיך צו אנגרייטן א יו"ט׳דיגע סעודה, און קיינער רעדט נישט, מען באגריסט נישט, אפילו עס קומט פון וועלן זיין ערליך און וואויל, אבער למעשה איז דאס נישט באקוועם.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז איינער פון זיין משפחה האט אים געזאגט אז ער האט אנגעפאנגען צו רעספעקטירן דעם ראש ישיבה, ווייל ער האָט געזען ווי אסאך אינגעלייט שטעלן אים אפ, און פרעגן אים: "די ביסט א קרוב פונעם ראש ישיבה?" האט ער אנגעפאנגען צו זען אז עפעס ליגט דא, אינגעלייט האבן אים געזאגט ווי שטארק זיי האבן חיות פונעם ראש ישיבה.

האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אויב מען קוקט אויף די אמת, דארף נישט אינטערעסירן אויב עס איז דא אסאך מענטשן אדער נישט, ווייל אויב איז די זאך אמת, וואס איז א חילוק צו עס איז דא טויזנט מענטשן, צו צוויי מענטשן, אזאך וואס ס׳איז אמת און ריכטיג, דארף נישט אנגיין צו ס׳איז דא אסאך מענטשן צו ווייניג מענטשן.

## לאך נישט פונעם רב

דער ראש ישיבה האט דערציילט ער האט אמאל געדאוונט אין עפעס א שול מעריב און ספירה, און דער רב פון דעם שול האט געהאט זייער א אינטערסאנטע נוסח אויף ספירה, און עס איז געשטאנען א מענטש אינטער אים און געלאכט, איך האב געטראכט, קודם כל ביסטו ביי יענעם אין בית המדרש, וואס לאכסטו פון אים, קיינער צווינגט דיר נישט צו קומען דארט דאווענען, און אז די ניצט יענעם׳ס שול דארפסטו אים רעספעקטירן, צווייטנ׳ס ווען דער רב האט ווען טויזנט בחורים אויף די פארענטשעס, וואלסטו דאך נישט געלאכט פון אים, יעצט ווייל עס דאווענען דארט נאר אפאר מענטשן איז וואס? וועגן דעם לאכסטו פון אים?

נאכן בענטשן האט דער ראש ישיבה געטאנצן און פריילך געמאכט, איי איי איי איך בין א איד, ובאו כולם - א בעלזא ניגון, אויך האט ער געזינגען בר יוחאי און האט געמאכט פריילך, ער האט זיך געמאכט ווי ער זינגט אויף א מייק אין מירון, און ער האט אינצווישן געשריגן: "הצלה ביי די ווייבער, הצלה ביי די ווייבער זיי קומען, זיי קומען", אזוי ווי אין מירון, יעדער איז ארויס געגאנגען פון די סעודה מיט א שטארקע שמחה.

# קלאסיפיידס

**מתיר אסורים**

ווער עס וויל טון די חסד גיין אין תפיסה מחזק זיין אידישע אייגעשפארטע זאל זיך מעלדן צו
משה עקשטיין 845-428-2782







## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יוסף מאיר שטיין הי"ו**
**וזוגתו שרה חנה תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

**נאך א בעבי נאך א בעבי**

צו באקומען פיינע נאראהאטיגע פרישטאג פאר קימפעטאריס

שטייגבערג (917) 387-7838
פינטער (347)-415-2888

ישראל דוד העסקעל

# כאַפּ מיין אויג

חלק ג'

## א בליק אריין אינעם וועלט פון מארקעטינג

**אריינפיר**

אינעם פאריגן ארטיקל האבן מיר אויסגעשמועסט אן הקדמה צו די וועלט פון מארקעטינג און עדווערטייזינג, ווי אזוי היינט איז ביי אונז היימישע אידן די מערסטע אויפגעכאפטע וועג פון זיך מארקעטן א ביזנעס א סערוויס אדער א פראדוקט דורך פרינט רעקלאמעס א געדריקטע צעטל.

אין דעם קאלום וועלן מיר מיטן אייבערשטנ'ס הילף מער אריינקריכן אין דאס וואס רופט זיך קריעטיוו עדווערטייזינג.

ווי שוין אויסגעשמועסט דינט דיין רעקלאמע ווי א סעילסמאן, ער זאגט פארן לייענער קום קויף מיין פראדוקט אדער נוץ מיין סערוויס.

די מציאות איז אבער אז מענטשן זענען גאנץ קנאפ אינטערעסירט צו לייענען וואס דו האסט צו פארקויפן, און דאס איז א גרויסע פראבלעם פאר דער עדווערטייזער אז קיינער וועט נישט לייענען זיין עד.

און דאס אליינס ווערט צובראכן אין צוויי חלקים:

1. אמאל איז דא א מענטש וואס פארמאגט א פראדוקט, אדער סערוויס וואס מענטשן זענען זייער אינטערעסירט אין דעם, און דאס קען זיין פאר עטליכע סיבות.

למשל אויב איז יעצט די סעזאן פון א געוויסע זאך, לאמיר זאגן הגעלת כלים ערב פסח, אדער אייס קריעם אין די זומער, דו דארפסט קיינעם נישט איבערצייגן צו נוצן די סערוויסעס אדער צו קויפן דעם פראדוקט...

אויב איז יעצט ערב פסח און איך האב ביי מיר כלים אין שטוב וואס איך דארף כשר'ן, דארף מיר קיינעם נישט איבערצייגן אין דעם סערוויס פון הגעלת כלים ווי וויכטיג דאס איז... איך ווייס וואס דאס איז, און איך זוך נאר די גרויסע ווערטער 'הגעלת כלים' און איך קום.

מה שאין כן אויב האב איך נישט קיין כלים וואס דארפן גע'כשר'ט ווערן, קענסטו מיר מאכן רעקלאמעס וואס כאפן דעם אויג און שטארקן ארויס (לשונות וואס קליינגען גלייך צו זאגן) און זענען קריעטיוו ביזן הימל, דו קענסט אויפהענגען בילבאורדס אויפן גאנצן 17 און אין אלע היימישע געגנטער, אבער אויב ברויך איך נישט דעם סערוויס גיי איך נישט קומען!

די זעלבע איז מיט פראדוקטן - למשל אייס קריעם אין די זומער, איך דארף נישט קיין הסברים פארוואס די מאכל אייס קריעם איז יעצט ממש פאסיג.... איך ווייס! פארקערט אין בין דער וואס זוכט דאס גאר, פארדעם וועלן אייס קריעם רעקלאמעס נישט זיין קריעטיוו נאר פאקוסירן צו ווייזן א שיינעם בילד פון אייס קריעם דיך אביסל אנדרייען דעם אפעטיט, און מער פון דעם פעלט שוין נישט אויס.

פארשטייט זיך אז ווען ס'איז פאראן קאמפעטישן דארפסטו זען ארויסצוברענגען דיינע מעלות וואס פארמאגסטו אין דיין פראדוקט וואס דיין קאמפעטישן פארמאגט נישט3

למשל איך האב געמאכט פאר עטליכע יאר צוריק רעקלאמעס פאר אן אייס קריעם קאמפאני פון לאנדאן וואס זייער זאך איז אז זיי זענען א קליינע פאבריק, זיי מאכן אלע מיני געוועגליכע סארט אייס קריעם און אייסעס פראדוקטן, אבער זיי נוצן מער עכטע באשטאנדטיילן, און זיי לייגן אריין וויניגער קעמיקאלן ווי די אנדערע קאמפאניעס. האבן מיר טאקע דאס ארויסגעברענגט אויף די רעקלאמע "ס'איז זומער ס'גלוסט דיר א גוטן אייס קריעם, קום קויף מיין אייס קריעם וואס האט אין זיך







"ס'איז זומער ס'גלוסט דיר א גוטן אייס קריעם, קום קויף מיין אייס קריעם וואס האט אין זיך גוטע געשמאקע פלעיווארס פון עכטע פרוכט."

גוטע געשמאקע פלעיוואָרס פון עכטע פּרוכט". *זעה בילד

צומאל אבער מאכט זיך אז דו האסט פּראָדוקט צו פארקויפן וואס איז גארנישט ספּעציעל... ס'איז דא צענדליגע פון די סארט פּראָדוקט, און דיינס איז פּונקט אזוי גוט ווי די אנדערע - גארנישט אנדערש!

למשל קעטשאפּ... איך האב געהאט א קאסטומער וואס האט געמאכט א פּראָדוקשן פון קעטשאפּ - פּשוט'ע קעטשאפּ, גארנישט אנדערש פון א צווייטע קאמפּאני, נישט מער טייער נישט מער ביליג, סך הכל נאך איינס אויפן פּאליצע.

די טשאלענדש איז פּאַרוואס זאל א מענטש זיין אינטערעסירט צו קויפן דיין נייע קעטשאפּ, ווען ס'איז גארנישט אנדערש ווי די קעטשאפּ וואס ער איז שוין צוגעוואוינט צו קויפן?

אין אזא פאל ווערט דער טאקטיק געוועלנליך זיין, דו זאג וואס דיין קאמפּעטישן זאגט נישט, און אין אונזער פאל האבן מיר זיך ארויפגעווארפן אויף דעם וואס דער קעטשאפּ איז געמאכט מיט בלויז "נאטורליכע אינגרעדיענטס" (ס'האט נישט קיין פּלעסטיק.....) און אזוי האבן מיר געמאכט די רעקלאמעס אז די קעטשאפּ אז ממש ווי א טאמעטא אראפּ פון בוים - ס'איז אינגאנצן נאטורליך.... איי יענע קעטשאפּ פונעם קאמפּעטישן איז אויך נאטורליך? אבער ער זאגט עס נישט....

און אזוי בס"ד ווען ס'קומט אונטער אזא טשעלענדש פון דארפן מארקעטן א פּאפּולערע פּראָדוקט וואס פארמאגט מערערע קאמפּעטישן, דארפסטו אלס זוכן ווערלכע מעלות פארמאגט מיין פּראָדוקט וואס מיין קאמפּעטישן זאגט נישט...

און מיט דעם קומען מיר צו צום שווערסטן טשעלענדש וואס דאס איז ווען איינער קומט מיט א פּראָדוקט און סערוויס וואס מענטשן זענען משום איזה סיבה שהוא גאנץ ווייניג אינטערעסירט אין דעם....

אין אונזער פאל לאמיר רעדן דא וועגן א פּראָדוקט וואס איז גראדע זייער א גוטע פּראָדוקט, אבער די סיבה פּאַרוואס מענטשן זענען נישט אינטערעסירט אין דעם איז צוליב די גאר אסטראנאמישע פּרייז וואס דאס קאסט.

איך האב געהאט א קאסטומער ממש לעצטענס וואס איז געקומען צו אונז מיט א פּראָדוקט וואס ער וויל מארקעטן - א מאטראץ!

אבער נישט סתם א מאטראץ, נאר ס'איז האנט געמאכט אין




אין אונזער פאל האבן מיר זיך ארויפגעווארפן אויף דעם וואס דער קעטשאפּ איז געמאכט מיט בלויז "נאטורליכע אינגרעדיענטס" (ס'האט נישט קיין פּלעסטיק.....) און אזוי האבן מיר געמאכט די רעקלאמעס אז די קעטשאפּ אז ממש ווי א טאמעטא אראפּ פון בוים - ס'איז אינגאנצן נאטורליך.... איי יענע קעטשאפּ פונעם קאמפּעטישן איז אויך נאטורליך? אבער ער זאגט עס נישט....



# דרך הלימוד

## פ · ר · א · י · ע · ק · ט

אליעזר זוסיא ווערטהיימער

**מיר** שטייען יעצט אינעם לעכטיגן יום טוב שבועות, א יום טוב וואס מען איז מקבל די תורה פונדאסניי. ווער נאך ווי אונז - תלמידי היכל הקודש - פארשטייען די געשמאק פון לימוד התורה, דורך דעם וואס מיר האבן באקומען א מתנה פון הייליגן רבי'ן א 'סדר דרך הלימוד' אז מען לערנט כסדרן, מען דארף נישט פארשטיין די ווערטער, נאר מען הייבט אן לערנען פון אנהייב ספר, און אזוי רוקט מען זיך ווייטער יעדן טאג אביסל, ביז מען ענדיגט דעם גאנצן ספר. און אזוי גייט מען פון דארט צום קומענדיגן ספר.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן זוכה געווען צו א לעכטיגע ראש ישיבה וואס לאזט אונז נישט שלאפן, און ער בעט זיך צו אונז ביי יעדע שיעור, "נעם א משניות" - "נעם א גמרא" - "זאג די ווערטער" - "אפילו דו פארשטייסט נישט" - "דיין לעבן וועט דיר ווערן לעכטיג" אא"וו. דאס גיבט אונז די חיזוק און כוחות זיך צו קענען באנייען יעדן טאג מיט א פרישקייט צום סדר דרך הלימוד.

מוהרא"ש ז"ל טייטשט די מאמר חז"ל, 'קנאת סופרים תרבה חכמה', אז עס שטייט נישט 'קנאת סופרים תרבה סופרים', נאר 'קנאת סופרים תרבה חכמה', וואס דאס מיינט, אז מען דארף נישט נאכמאכן א צווייטן און אנקומען דארט ווי א צווייטער קומט אן, ווייל יעדער האט זיך זיין אייגנארטיגע תכונת הנפש און זיין סדר היום, נאר וואס דען? תרבה חכמה, הערט דעם געדאנק ווי יענער שטייגט און ווי אזוי ער קומט אן, און נוץ דיין אייגענע שכל ווי אזוי צו ניצן די עצות עס צו מאכן ארבעטן פאר דיר אויף דיין אופן.

דא אין דעם קאלום וועלן מיר - לכבוד יו"ט שבועות זמן מתן תורתינו - זען פונדערנאנט ווי אזוי אנשי שלמינו זענען זיך מחיה מיט די מתנה, און ווי אזוי זיי פירן עס אויס לעובדא ולמעשה אויפן טאג טעגליכע לעבן, אזוי וועט דאס געבן חיזוק פאר אונז, מיט פרישע געדאנקען ווי אזוי שטענדיג זיך צו אויפלעבן פונדאסניי מיט די הייליגע סדר דרך הלימוד.

מיר ווילן זיך באדאנקען פאר אלע וואס האבן אוועקגעגעבן פון זייער צייט און מיטגעטיילט זייער סדר היום מיט זייערע שיינע געדאנקען צו קענען מחזק זיין די חברים אויפן סדר דרך הלימוד לכבוד דעם יום טוב פון קבלת התורה.

# ישראל שמעון שטיינבערג

**וואוינארט:** **בארא פארק**

**באשעפטיגונג:** **מגיד שיעור בישיבת תפארת התורה ברסלב - וויליאמסבורג**

### וויפיל יאר לערנסטו שוין מיטן סדר דרך הלימוד?

איך האב אנגעהויבן פאר 7 יאר צוריק און למעשה האב איך מפסיק געווען פאר אפאר חדשים ווייל גאר א חשוב'ער איד האט מיר מסביר געווען אז די אמת'דיגע וועג פון לערנען איז נישט נאר זאגן די ווערטער. נישט נאר דאס, נאר אין אלע דורות האט מען געזען אז בחורים האבן עוסק געווען בעמקות של תורה און נישט פשוט געזאגט די ווערטער, האט ער מיר געזאגט אז פאר אזא חשוב'ע בחור ווי מיר מיט א אזא שטארקע הבנה איז נישט געמאכט צו זאגן די ווערטער.

למעשה איז דורך געגאנגען אפאר חדשים מיטן שטופן צייט מיט גרויס התמדה און רציפות, האב איך געטראכט אז זאגן די ווערטער הייסט זיכער מער געלערנט ווי צוברעכן פוים קאפס און קייען לעפלער, האב איך אנגעהויבן זאגן משניות און גמרא, און מיט די צייט האב איך אנגעהויבן פארשטיין און שפירן א טעם וואס מען קען נישט מסביר זיין ביז מען פרובירט עס אליין אויס.

### וואס זענען דיינע קביעות'דיגע טעגליכע שיעורים?

מיין קביעות'דיגע טעגליכע שיעורים וואס איך וויל לערנען איז: חומש רש"י, ח"י פרקים, 7 דפים, יום תהלים, תקוני זוהר על החודש, ספר המידות על החודש, ליקוטי מוהר"ן על החודש, 2 סעיפים שלחן ערוך.

למעשה קום איך נישט אן צו לערנען אלע מיינע שיעורים יעדן טאג , איך בעט דעם אייבערשטן פאר דעם. אבער חומש רש"י, ח"י פרקים, יום תהלים, דף גמרא דאס קום איך כמעט יעדע טאג ווייל איך האב געהערט פונעם ראש ישיבה אז דאס זענען די וויכטיגסטע.

### ווי אזוי צוטיילסטו דיינע שיעורים, און ווען לערנסטו דאס?

איך בין נאכנישט אנגעקומען געהעריג עס צו מסדר זיין, איך בעט דעם אייבערשטן פאר דעם, איך פרוביר צו אנפאנגען די טאג מיט ח"י פרקים.

### האסטו קביעות׳דיגע וועכענטליכע שיעורים?

עצתו אמונה וואס קומט ארויס יעדע וואך, וואס דאס איז בעצם מיין שטרענגסטע שיעור וואס איך פרוביר קיינמאל צו אויסלאזן, וויל איך ווייס אז לערנען דעם ספר דאס האלט מיר ביים רבי'ן.

### ווי אזוי האסטו אויפגענומען דעם געדאנק פון די ׳סדר דרך הלימוד׳ אין אנהויב פון דיין התקרבות?

Enjoyable vibe let's try it

### וואס פילסטו אז דו האסט דאס מערסטע פארדינט פונעם סדר דרך הלימוד?

אז איך לערן תורה.

### וואס איז דיין שוועריקייט מיט די סדר דרך הלימוד?

שווער איז נאר געווען אין אנפאנג.

ooo

# ישראל דוד העסקעל

**וואוינארט: קרית ברסלב**

**באשעפטיגונג: מארקעטינג**

### וויפיל יאר לערנסטו שוין מיטן סדר דרך הלימוד?

צוויי און א האלב יאר ב"ה.

### וואס זענען דיינע קביעות׳דיגע טעגליכע שיעורים?

יום תהלים, ח"י פרקים, חומש, בית נצחי, ש"ס שיעור, ליקוטי מוהר"ן, ספר המידות, נ"ך, שלחן ערוך, תיקוני זוהר, עצתו אמונה.

### ווי אזוי צוטיילסטו דיינע שיעורים, און ווען לערנסטו דאס?

קודם זאג איך דעם יום תהלים און ח"י פרקים, נאכדעם לערן איך בית נצחי, און חומש דאס פרוביר איך צו טון אנפאנג טאג.

שפעטער לערן איך צוויי פרקים נ"ך, א סימן שלחן ערוך, מיין שיעור אין ש"ס וויפיל דפים ס'גייט, נאכדעם א שטיקעלע ליקוטי מוהר"ן, און איך פרוביר צו לערנען אן אות אין ספר המידות.

צום לעצט זאג איך אביסל תיקונים און אין בעט לערן איך עצתו אמונה.

### האסטו קביעות׳דיגע וועכענטליכע שיעורים?

מדרש רבה און תנחומא לערן איך שבת, און תנא דבי אליהו לערן איך מוצאי שבת. ווי אויך האב איך א שיעור אין עטליכע ספרי מוהרא"ש ווי מקור השמחה און קדושת הברית וואס ווען איך האב נאך צייט נאש איך אביסל פון דעם.

### ווי אזוי האסטו אויפגענומען דעם געדאנק פונעם ׳סדר דרך הלימוד׳ אין אנהויב פון דיין התקרבות?

ס'איז מיר געווען פשוט גן עדן! איך - ווער איך בין, ווי אזוי איך בין, קען איך האבן שיעורים אין די הייליגע תורה אזש ס'זאל מיר נישט דורכגיין קיין איין טאג אן לימוד התורה! ס'איז מיר געווען פשוט גן עדן!

### וואס פילסטו אז דו האסט דאס מערסטע פארדינט פונעם סדר דרך הלימוד?

איך האב פארדינט אז אנשטאט רעדן וועגן לערנען און טראכטן וועגן לערנען און זיך פילעווען וואס ס'איז די עכטע וועג פון לערנען... לערן איך! און מיר אלע ווייסן דאך וואס מיר הערן ביי די שיעורים פון דער ראש ישיבה וואס די תורה מאכט מיט א מענטש... די אלע זאכן האב איך באקומען!

### וואס איז דיין שוועריקייט מיטן סדר דרך הלימוד?

שכח אייבערשטער איך האב נישט קיין שום שוועריקייט מיט דעם, אדרבה אן דעם איז מיר ביטער ווי די גאל.

ooo





# שמואל אייכענשטיין

וואוינארט: **קרית ברסלב**

באשעפטיגונג: **מכון עצתו אמונה**

### וויפיל יאר לערנסטו שוין מיטן סדר דרך הלימוד?

כמעט 5 יאר, שכח אייבערשטער.

### וואס זענען דיינע קביעות׳דיגע טעגליכע שיעורים?

איך האב נישט אזא זאך ווי א קביעות׳דיגע שיעור, איך האב שיעורים גענוג ביז קאנארסי און צוריק, כ׳מיין אז איך האב א שיעור אין לכאורה דרייסיג ספרים אדער מער, אויב איז די שאלה וויפיל איך לערן א טאג, דעמאלטס איז די ענטפער אז כ׳האב נישט קיין ענטפער ווייל יעדן טאג לערן איך אן אנדערע סכום אין אנדערע ספרים.

אבער שיעורים האב איך גענוג און נאך ב״ה...

אבער איך האב איין שיעור וואס דאס איז יהרג ובל יעבור, און דאס איז ח״י פרקים משניות, זאל זיין טאג צו נאכט אדער ביים פארן אויף אומאן אדער ווען איך פיל נישט גוט, וועל איך נישט ענדיגן דעם טאג בעפאר׳ן זאגן ח״י פרקים משניות, ווען איך קען דא אויסרעכענען ווי ממש יעדן טאג שטייט דער יצר הרע און פרובירט מיט אלע כוחות צו אפהאלטן די משניות פון אנקומען צו מיינע הענט, קען איך ווען ארויסגעבן א גאנצע ביכל.

כ׳דערמאן מיך יעצט ווי פאר מיין חתונה האב איך היפש געבעטן דעם אייבערשטן צו קענען זאגן ח״י פרקים אויף די טאג פון די חתונה, וכך הוה, די טאג פון מיין חתונה ווען איך האב מיך דערזען מיט א איבעריגע מינוט האב איך אנגעהויבן זאגן תהלים אזוי ווי דער מנהג איז אויסצוזאגן תהלים ביום החופה, דער אייבערשטער האט צוגעפירט אז די וועג פון מיין עלטערן׳ס הויז אין בארא פארק צו ישיבה אין וויליאמסבורג האט גענומען עפעס גאר לאנג, און כ׳האב געענדיגט תהלים נאך פארן אנקומען אין זאל, ווען כ׳בין אנגעקומען קיין וויליאמסבורג איז נאך געווען א היפש ביסל צייט ביז די אפיציעלע אנהייב פון די קבלת פנים, האב איך מיך אוועקגעזעצט אויבנאן זאגן ח״י פרקים און כ׳האב געענדיגט נאך פאר איינער איז אנגעקומען און געזען א פאני זאך ווי א חתן זיצט און זאגט משניות ביי זיין חתונה...

למעשה בין איך שפעטער געוואויר געווארן אז איינער האט געכאפט א בילד דערפון און עס ארויפגעלייגט אויף ברסלב סענטער.

### ווי אזוי צוטיילסטו דיינע שיעורים, און ווען לערנסטו דאס?

אין פרידנ׳ס צייטן וועט זיין אז אין די ווינטער ווען מען לייגט זיך שלאפן פריער און מען שטייט אויף פריער דעמאלטס לערן איך מער אין די צופרי שעות, זומער לערן איך מער ביינאכט ווען מען פרובירט מיט אלע כוחות נישט איינצושלאפן כדאי נישט צו פארפאסן דאווענען די שפעטע מנחה מעריב...

אבער ווען עס קומט די העפטיגע ערב-מוצאי-שמחה-אריינפארן אין שטאט-קינד פילט נישט גוט-אסאך ארבעט-אומאן-טעג, פרובירט מען צו לערנען פאר מען הייבט אן מיט סיי וואס, צו וויסן ביי זיך אז א׳ מענטש בין איך שוין׳, און יעצט קען מען גיין טון וואס מען האט צו טון.

### האסטו קביעות׳דיגע וועכענטליכע שיעורים?

יא, חוץ חומש רש״י וואס איז יעדע וואך ברוך השם שוין פאר עטליכע יאר, האב איך געענדיגט מדרש תנחומא ברוך השם אין די לענג פון איין יאר מיטן לערנען אויפן וואך, יעצט ארבעט מען אויף זוהר הקודש, וואס כ׳פרוביר צו לערנען אביסל יעדע וואך.

רעדנדיג פון וועכענטליכע שיעורים האב איך געוואלט אויפמערקזאם מאכן פאר אנ״ש וואס מוטשען זיך יעדע מוצאי שבת מיט די לאנגע בית נצחי, אז מען קען עס צוטיילן דורכאויס די וואך, זונטאג איין דף בבלי מיט א דף ירושלמי מיט א פרק תוספתא, מאנטאג איין דף בבלי מיט א דף ירושלמי מיט א פרק תוספתא און אזוי ווייטער יעדן טאג פון די וואך, אזוי אז ווען

ס'קומט מוצאי שבת דארף מען נאר זאגן איין דף בבלי מיט איין דף ירושלמי און איין פרק תוספתא...

### ווי אזוי האסטו אויפגענומען דעם געדאנק פונעם 'סדר דרך הלימוד' אין אנהויב פון דיין התקרבות?

דער ענטפער שטעקט אין דער מענטש וואס האט מיך עס אויסגעלערנט, ווען איך האב צום ערשטן מאל געהערט פונעם דרך הלימוד איז עס נישט געווען אין א פארשטויבטע בעיסמענט ערגעצוואו, ווי איינער מיט א שטילע צובראכענע קול האט בסוד סודות ארויסגעגעבן מיט קאוד ווערטער אז ס'איז דא א וועג צו לערנען אפילו פאר מיך. ס'איז געווען ווען איך האב אויסגעהערט שיעורים פון דער ראש ישיבה, און דער ראש ישיבה האט ביי יעדע פאר שיעורים נאכאמאל געשריגן מיט קולי קולות צו די בחורים, "הייב אן זאגן די ווערטער פון תורה! כ'זאג דיר אז דו וועסט שפירן גוט! נעם א משניות און זאג די ווערטער, ס'וועט דיר זיס מאכן אין לעבן!" און צוביסלעך צוביסלעך איז געווארן איינגעגעסן אין מיר פון הינטערן באוואוסטזיין אז דעם דרך הלימוד פון וואס דער ראש ישיבה רעדט איז עפעס וואס איז גוטע סחורה און מען דארף עס פרובירן, דאס איז געווען נאך בעפארן אנהייבן לערנען אויפן דרך הלימוד.

אבער דאס קומט נישט צו ווען איך האב למעשה אנגעהויבן לערנען יעדן טאג משניות און חומש, וואס דעמאלט האט עס מיר געפאטשט אין פנים די ווירקליכקייט אז דער דרך הלימוד איז עפעס וואס איז נאכנישט געווען אין היסטאריע זיינס גליייכן, עס איז נאכנישט געווען א זאך וואס קען אזוי איבערמאכן א מענטש פון אנהייב ביזן סוף אזוי דער דרך הלימוד.

איך האף נישט צו ענדיגן אויפנעמען דעם געדאנק, נאר זיך אויפצופרישן כסדר מיט אלע דיבורים פון דער ראש ישיבה, זיך צו כסדר מחזק זיין מיטן דרך הלימוד.

### וואס פילסטו אז דו האסט דאס מערסטע פארדינט פונעם סדר דרך הלימוד?

דאס מערסטע? נישט מעגליך צו אראפלייגן, קודם וויל עס וועט זיין גרויסע בזיונות צו שרייבן אלע פריוואטע זאכן וואס האט זיך געטוישט ביי מיר זייט איך האב אנגעהויבן לערנען אויפן דרך הלימוד.

אבער אן קוקן אויף וועלכע זאך ספעציפיש, קען איך זאגן אז כ'האב פארדינט היפש ביסל ישוב הדעת, דאס מיינט אז אנדערש ווי מיין נאטור וואס איז מער צו די היציגע זייט האב איך אנגעהויבן מער אריינטראכטן אין זאכן וואס גייען פאר און נישט לויפן איבערדרייען, אויך פלעג איך זיין מורא'דיג שעמעדיג צו טון זאכן וואס אנדערע מענטשן טוען נישט, כ'האב אלץ פרובירט צו זיין אזוי ווי יעדן און נישט ארויסשטארצן און אז קיינער זאל מיך נישט זען, אבער צוביסלעך מיט די ישוב הדעת וואס מען באקומט פון דעם דרך הלימוד האב איך אנגעהויבן מער צו אריינטראכטן וואס איך האב צו טון און וואס דער אייבערשטער האט מיר געגעבן די יכולת צו טון און נישט טראכטן וואס אנדערע וועלן זאגן.

### וואס איז דיין שוועריקייט מיטן סדר דרך הלימוד?

די שווערסטע זאך ביי מיר איז אז מען דארף זייער אכטונג געבן נישט נתפעל ווערן פון וויפיל א צווייטער לערנט, וויל ווען מען הערט וויפיל אינגעלייט און בחורים לערנען אלץ אויפן דרך הלימוד קען מען אויסגיין פאר קנאה אין פולן זין פון ווארט, און דער יצר הרע וועט זייער אפט אויפשפילן די געפילן פון 'קוק וויפיל יענער לערנט און דו לערנסט דאך גארנישט'. לכאורה איז די שווערסטע זאך פונעם דרך הלימוד אז דער יצר הרע האט א געלעגנהייט זייער אפט צו שפילן די 'פרומע' קארטל.

ooo

# רפאל פורסט

**וואוינארט: קרית ברסלב**

**באשעפטיגונג:**

**אדמיניסטראטאר פון מוסדות היכל הקודש ברסלב באה"ב**

### וויפיל יאר לערנסטו שוין מיטן סדר דרך הלימוד?

5 און א האלב יאר קע"ה.

### וואס זענען דיינע קביעות'דיגע טעגליכע שיעורים?

חומש רש"י מיטן תרגום, בי"ת נצחי, משניות (וויפל איך קום און), גמרא כנ"ל (ש"ס כסדרן און מסכתות מעניינא דיומא). זוה"ק, תיקו"ז, שיחות הר"ן, ספר המידות, שו"ע מחבר רמ"א, ספר שמלה חדשה.

### ווי אזוי צוטיילסטו דיינע שיעורים, און ווען לערנסטו דאס?

רוב נאך שחרית, אביסל ביינאכט.

### האסטו קביעות'דיגע וועכענטליכע שיעורים?

תיקונים, מדרש רבה, תנחומא, ליקוטי מוהר"ן, דברי חיים, קדושת לוי, מאור ושמש, חיי מוהר"ן, תנא דבי אליהו (מוצ"ש).

### ווי אזוי האסטו אויפגענומען דעם געדאנק פונעם 'סדר דרך הלימוד' אין אנהויב פון דיין התקרבות?

כמוצא שלל רב!!! איך האב מיר צוגעכאפט צו דעם שוין אויפן ערשטן טאג!

### וואס פילסטו אז דו האסט דאס מערסטע פארדינט פונעם סדר דרך הלימוד?

פארדינט האב איך אז איך קען האבן א שייכות מיט די הייליגע תורה יעדן טאג פון מיין לעבן אפגעזען וואס די אומשטענדן זענען, איך קען אלץ עפעס לערנען, איך קען זוכה זיין צו די הבטחה פון "זכה נותנת לו סם חיים" און צו די הבטחה פון "בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין", ועל כולם פאק איך מיר אן צידה לדרך פאר יענע וועלט, איך וועל שוין האבן וואס צו טון דארט.

### וואס איז דיין שוועריקייט מיטן סדר דרך הלימוד?

די שוועריגקייט פון סדר דרך הלימוד איז די חלק ה"אביסל איז אויך גוט"... וויבאלד איך האב אזא זיסע גרינגע געשמאקע וועג צו לערנען, וויל איך אזוי סאך אריין כאפן, און נישט אלעמאל קען מען...

ooo

# יואליש קרויס

**וואוינארט: ביתר**

**באשעפטיגונג: סופר סת"ם**

## וויפיל יאר לערנסטו שוין מיטן סדר דרך הלימוד?

אלס קינד, בערך 10 יאר האט מיין עלטסטע ברודער ישראלי געמאכט א "מבצע" אז אלע ברודערס זאלן זאגן משניות, און ער פלעגט טיילן אפאר פעניס יעדע טאג פאר א "כולל" פון 40 מינוט בייינאכט אלע ברודערס זאלן זאגן משניות, שפעטער האב איך אנגעהויבן ביי 12 יאר א סדר אין משניות. איין וואך ביי אבות ובנים איז געווען יענע מוצאי שבת א גרויסע פראגראם פון קינדער וואס האבן זיך פארהערט משניות אויסענווייניג און דעמאלטס האב איך אפגעמאכט אז לכבוד דעם סיום וועל איך אנהייבן א שיעור אין זאגן משניות, די ערשטע סיום ששה סדרי משנה האט גענומען אפאר יאר...

ביי מיין בר מצוה האב איך צוגעלייגט שיחות הר"ן און אויך שו"ע מיט די ר"ת תפילין, און שפעטער אויך א שיעור אין ש"ס גמרא.

ווען איך בין אריין אין ישיבה ביי די 16 יאר האב איך ב"ה אנגעהויבן אסאך שיעורים אין סדר דרך הלימוד.

## וואס זענען דיינע קביעות'דיגע טעגליכע שיעורים?

ח"ג מ"ת - ווען איך וועל קומען אויף יענע וועלט, וועט זיין א יום טוב אין גן עדן מיט ח'ומש, ג'מרא, מ'שניות און ת'הילים וואס איך פרוביר צו לערנען ממש יעדן טאג.

ווי אויך האב איך אין מיין "לאנטש בעג" פון ספרים: נ"ך, זוה"ק, תיקוני זוהר, ליקוטי מוהר"ן, עקסטער ליקוטי מוהר"ן מיט שפתי תפתח, ליקוטי הלכות, איין קונטרס פון עצתו אמונה -אפילו אן אלטע אבער יעדן טאג זען כאטש איין בריוו, פון יעדע זאך פרוביר איך צו לערנען אביסל יעדן טאג.

איך פרוביר צו לערנען בי"ת נצחי ווען איך קען, און ב"ה שוין א לענגערע צייט וואס איך בין זוכה צו לערנען רש"י צוזאמען מיט מעביר סדרה זיין. דאס האט זיך אנגעהויבן אנהייב תשפ"ד ווען דער ראש ישיבה האט שטארק גערעדט פון לערנען רש"י, ב"ה דאס האט מיר געגעבן די שטופ.

אויך האב איך א שיעור אין שו"ע וואס איך האב אנגעהויבן ביי מיין בר מצוה ווי פריער געזאגט, און ב"ה איך האלט שוין ביי אבן העזר, דאס לערן איך אפאר מאל 2 סעיפים און אפאר מאל כאפט מיך א חשק צו לערנען אפאר סימנים אויף אמאל (בדרך כלל וועט עס געשען ביי אינטערעסאנטע הלכות וואס איך וויל קענען אדער וואס איך האב שוין אמאל געלערנט אין גמרא וועגן דעם וכדו').

## ווי אזוי צוטיילסטו דיינע שיעורים, און ווען לערנסטו דאס?

איך בין נישט א מאשין און בכלל נישט מסודר, אמאל לערן איך פארן דאווענען, אמאל נאכן דאווענען, אמאל אינמיטן טאג, און אמאל בייינאכט מיט האלב פארמאכטע אויגן, מען דארף זיך נישט אויסלערנען פון מיך צו לערנען מיט האלב פארמאכטע אויגן, אבער אפאר מאל געשעט דאס, איז לערן איך אזוי, וואס מען קען ארויס כאפן.

בדרך כלל לערן איך אלע אדער רוב שיעורים אין א צי, אבער נישט דווקא, איך קען לערנען א חלק צופרי און חלק בייינאכט א.א.וו.

## האסטו קביעות'דיגע וועכנטליכע שיעורים?

איך פרוביר צו לערנען מוצאי שבת אביסל תנא דבי אליהו, אפאר מאל שבת לערן איך שטיקלעך פון מדרש רבה און מדרש תנחומא אויפ'ן פרשה.

און פארשטייט זיך אז די סעקונדע וואס איך באקום די עצתו אמונה קוק איך שנעל אדורך די גאנצע און שפעטער במשך די וואך לערן איך עס מער גרינטליך.

שפעטער איז דא נאך שיעורים וואס איך לערן פון מאל צו מאל אן א סדר ווען און וויפיל - למשל רמב"ם, מפרשי התורה אין מקראות גדולות חומש, למשל אוה"ח הק' קען איך לערנען א שטיקל און פארצייכענען מיט א בליי אז די שטיקל האב איך שוין געלערנט, אויך פרקי דרבי אליעזר, מסילת ישרים, און נאך ספרים וואס "איך האב א סטיקער" (אדער איינגעקנייטשט דער בלאט - איך בין נישט מקפיד אויף סטיקערס דוקא...) און ווען איך טרעף מיך פונקט נעבן די ספרים שאנק מיט אפאר איבעריגע מינוט אדער סעקונדעס, און עס פארשמעקט מיר יעצט צו לערנען אביסל רמב"ם אדער אן אנדערע ספר וכו' נעם איך עס ארויס און איך רוק מיך אביסל פאראויס.

## ווי אזוי האסטו אויפגענומען דעם געדאנק פונעם 'סדר דרך הלימוד' אין אנהויב פון דיין התקרבות?

ווי געזאגט האב איך אנגעהויבן אלס קינד צוביסלעך, אבער איך בין נישט צופיל אנגעקומען צווישן די לימודים אין חדר/ישיבה קטנה (און צווישן זיך פייטן מיטן מגי"ש וכו'), אבער ב"ה ווען איך בין אריין אין ישיבה און עס איז דא א געהעריגע סדר צו לערנען דרך הלימוד האב איך זיך מחיה געווען מיט דעם, און ב"ה די מחיה'דיגקייט ווערט נאר שטערקער און שטערקער מיט די יארן.

## וואס פילסטו אז דו האסטו דאס מערסטע פארדינט פונעם סדר דרך הלימוד?

פארדינט - א שטיקעלע בקיאות אין אסאך חלקי התורה, א געשמאק אין לערנען, א טעגליכע פערזענליכע קשר צו די תורה און צום אייבערשטן וואס האט געגעבן די תורה, און צו דער צדיק וואס שטופט מיר צו לערנען.

## וואס איז דיין שוועריקייט מיטן סדר דרך הלימוד?

שוועריגקייטן איז דא אין יעדע זאך אין עבודת השם, און בפרט וואס דער יצר הרע וועט אלעס טון צו נישט לאזן דעם מענטש לערנען, אבער מען פייט אויף אלע פראנטן ארויסצוכאפן יעדן טאג וואס מען קען...

○ ○ ○

# מנשה איצקאוויטש

וואוינארט: **בארא פארק**

באשעפטיגונג: **באס דרייווער פאר צאן קדשים**

**וויפיל יאר לערנסטו שוין מיטן סדר דרך הלימוד?**

פון תשס"ח 17 יאר צום גוטן ב"ה.

**וואס זענען דיינע קביעות'דיגע טעגליכע שיעורים?**

2 בריוון אשר בנחל, חומש רש"י, 18 פרקים משניות, א בלאט גמרא בבלי און ירושלמי, א פרק תוספתא, יום תהלים, די אוצר יומי (אביסל פון אלע 15 שיעורים וואס מוהראש זי"ע האט אוועקגעשטעלט), קיצור שלחן ערוך, ש"ע מחבר רמ"א און ש"ע מיט די נושא כלים. דאס פרוביר איך בעז"ה יעדן טאג, חוץ פון דעם האב נאך א שיעור אין ש"ס, ספרי רבינו, חסידי'שע ספרים און ספרי מוסר לויט וויפיל מ'נוצט אויס די צייט...

**ווי אזוי צוטיילסטו דיינע שיעורים, און ווען לערנסטו דאס?**

איך פרוביר צו לערנען ח"י פרקים און יום תהלים אויפ'ן באס, מחבר רמ"א קיצור שו"ע נאכן דאווענען. שפעטער האב איך א חברותא אויף שלחן ערוך און די איבריגע שיעורים שפעטער אין טאג.

**האסטו קביעות'דיגע וועכנטליכע שיעורים?**

מוצאי שבת פרוביר איך צו לערנען א קליין שטיקל תנא דבי אליהו, ערב שבת האב איך א וועכנטליכע שיעור אנצוגרייטן דעם רבינ'ס בית המדרש פאר שבת...

**ווי אזוי האסטו אויפגענומען דעם געדאנק פונעם 'סדר דרך הלימוד' אין אנהויב פון דיין התקרבות?**

איך האב אנגעהויבן די ערשטע מיט 18 פרקים, עס האט אויפגענומען מיין גאנצע טאג מיט א האלבע נאכט.... איך האב באמת נישט געקענט פארשטיין ווי אזוי א מענטש האט צייט צו מעביר סדרה זיין און זאגן תהלים וכו', איך בין געווען פארנומען נאר מיט ח"י פרקים. ווען איך פלעג זען אין אשר בנחל ווי מוהרא"ש שרייבט פון לערנען כל התורה כולה, מדרשים וכו', בין איך געווען איבערצייגט אז ער רעדט מסתמא צו מלאכים וואס קענען אריינשטופן אין 24 שעה זאכן וואס נעמען אפאר יאר... ווייל איך האב קוים געקענט ענדיגן ח"י פרקים, אבער נאך א שטיק צייט האב איך געזען אז פלוצלינג איז דא צייט פאר נאך און נאך שיעורים, ווי מוהרא"ש שרייבט אז משניות געבט אריין אין א מענטש א גלוסטעניש צו די תורה און ב"ה כ'האב אנגעהויבן מאכן שיעורים אין אלע חלקי התורה!!!

**וואס פילסטו אז דו האסט דאס מערסטע פארדינט פונעם סדר דרך הלימוד?**

מען פארדינט זייער אסאך אין אלע הינזיכטן. אבער בכלליות איז אזוי, (דיסקלעימער: איך רעד נאר בשמי איך פארטרעט נישט קיין שום יחיד אדער רבים.) אין חדר און אין ישיבה לערנט מען (מען איז אין א סביבה פון לערנען...) און ס'איז דא תקופות וואס מען לערנט טאקע מיט א געשמאק און מען פילט אלע טעמים, אבער דער יצר הרע שלאפט נישט און ער פרובירט אלעס צו טון אז די מענטש זאל אויפהערן צו לערנען, און עס קען אדורך גיין לאנגע וואכן חדשים אדער יארן וואס מען שטופט דורך אן קיין איין ווארט תורה און מען כאפט אפילו נישט, דעמאלטס פאנגט מען אן שפירן זייער ליידיג און מען פילט ווי מען גייט אראפ פון זינען פשוטו כמשמעו, ווייל א נשמה דארף תורה פונקט ווי די גוף דארף עסן, אבער מען כאפט נישט אז די ליידיגע געפיל קומט פון נישט געבן די נשמה קיין עסן, א שטרענגע דייעטע.

אבער נאכן אריינטאנצן אין די דרך הלימוד טוישט זיך דאס בילד, אפילו דער יצר הרע גייט אן בתוקפו און מען ראנגלט זיך טעגליך אבער דאך האט מען די געווער קעגן אים, דאס איז די הייליגע תורה, עס גייט נישט אדורך קיין איין טאג אן לערנען תורה!!! וואכן, שבת, חוה"מ, בעשאו, יום החופה, שבע ברכות, כולל, ארבעט, וועקעישן, ברית, וואכנאכט, קידוש, סיום וכו' וכו' וכו' אשרינו!!

**וואס איז דיין שווערקייט מיטן**





## סדר דרך הלימוד?

די שווערסטע זאך פון סדר דרך הלימוד איז געווען (עס האט גענומען אסאך יאר) צו קענען פועל'ן ביי מיין גאווה (EGO) אז איך לערן פאר'ן אייבערשטן און נישט פאר מיינע געפילן....דאס הייסט אז אמאל דארף מען פארמאכן די ספר און גיין שלאפן צו האבן כח פאר די קומעדיגע טאג, אדער העלפן אין שטוב, און מארגן לערנען די שיעורים מיט א פרישקייט אן קיין חשבונות פון ציילן טעג וכו'......

° ° °

# יוסף סאקס

וואוינארט: **טבריה**

באשעפטיגונג: **מלמד אין תלמוד תורה היכל הקודש טבריה**

**וויפיל יאר לערנסטו שוין מיטן סדר דרך הלימוד?**

4 יאר בערך.

**וואס זענען דיינע קביעות'דיגע טעגליכע שיעורים?**

חומש רש"י, ח"י פרקים, בי"ת נצחי, תהילים, דף זוהר, מינימום איין דף תיקוני זוהר, סימן שו"ע, פרק רמב"ם, עמוד ליקו"מ, צוזאמען מיט די תפילה פון ליקוטי תפילות און אויב נישט בין איך מתבודד א מינוט צוויי אויף וואס איך האב געלערנט, אפאר בריוון אשר בנחל, ש"ס כסדרן וויפל איך יאך אן, שיר השירים, פרק משלי, פרק קהלת, שיחות הר"ן, חיי מוהר"ן .

**ווי אזוי צוטיילסטו דיינע שיעורים, און ווען לערנסטו דאס?**

גלייך נאך ברכת התורה צופרי כאפ איך אריין א פרק צוויי משניות און בית נצחי, שיר השירים משלי קהלת, רמב"ם, נאכן דאווענען מיט ר"ת תפילין א סימן שו"ע, ביי די הפסקות אין חדר ענדיג איך ח"י פרקים, און נאך חדר ענדיג איך די איבעריגע שיעורים.

**האסטו קביעות'דיגע וועכענטליכע שיעורים?**

מוצאי שבת לערן איך א פרק תנא דבי אליהו.

וויכטיג אנצוצייכענען אז למשל די דף לערן איך דריי מאל א טאג, ווייל איך געב אויך איבער א שיעור ביינאכט ביי אונז אין בית המדרש, און אויך נאך חדר לערן איך עס מיט מיין זון מיט הבנה, אויך האב איך חברותות וואס איך לערן כל מיני לימודים בעיון.

**ווי אזוי האסטו אויפגענומען דעם געדאנק פונעם 'סדר דרך הלימוד' אין אנהויב פון דיין התקרבות?**

ווי צו א שטיקל געבראטנ'ס, כאטש איך האב אלץ געלערנט און כמעט ארויסגענומען הוראה וכו', אבער די זיסקייט פון תורה לשמה האב איך נישט געהאט, עס איז געווען ביי מיר תורה א חכמה און ידיעות וואס איז מיר צופעליג אינטערעסאנט אבער גארנישט מיט קרבת אלוקים.

**וואס פילסטו אז דו האסט דאס מערסטע פארדינט פונעם סדר דרך הלימוד? און וואס איז דיין שוועריקייט מיט די סדר דרך הלימוד?**

איין פארדינסט איז אז איך לערן ממש ממש ממש יעדן טאג, און צווייטנס אז איך קום אן אין אלע מקצועות התורה.

די שוועריקייטן איז אז איך בלייב אזוי הונגעריג איך וויל נאך גמרא און נאך מדרשים און איך ווער נישט זאט.

כ'האב געוואלט שרייבן נאך צוויי זאכן, עס איז גוט אז מ'האט אלץ נאך שאיפות און אז עס מאכט זיך א טאג וואס עס איז דא צייט, ביי מיר איז דאס נאר חוה"מ, קנאקט מען אריין נאך אסאך געשמאקע זאכן, למשל איך האב

אריינגעהאקט די לעצטע חוה"מ אסאך בלעטער גמרא און מער זוהר מיט תיקונים מדרש קהלת ועוד.

נאך א זאך, א גוטע עצה צו קענען ציען מיט'ן סדר דרך הלימוד, פארשטייט זיך אז יעדן טאג לערנט מען כאטשיג אפאר פסוקים מקרא, און לפחות איין פרק משניות און א בלאט גמרא, און עפעס מדרש אדער זוהר וואס איז אויכעט מדרש, וואס מוהרא"ש זאגט אז עס איז אנטקעגן די ד' עולמות אצילות בריאה יצירה עשיה, וואס ווער עס לערנט די לימודים איז זוכה צו רוח הקודש, [און דא קומט אריין א לאנגע שמועס וואס מיינט רוח הקודש ביים רבי'ן ואכמ"ל], און פארשטייט זיך אויך עפעס הלכה, וואס דאס האט דער רבי זייער געוואלט אז יעדן טאג זאל מען לערנען הלכה, אבער נאך די אלע זאכן האב איך א עצה וואס העלפט מיר זייער, אז למשל ביי הפסקה און חדר לערן איך ח"י פרקים משניות און אויב האט זיך געמאכט היינט למשל אן אסיפת מלמדים מיט'ן מנהל און עס איז אריבער די הפסקה אן ח"י פרקים, יעצט וועל איך בשום אופן נישט משלים זיין שפעטער נאר נאך חדר וועל איך זיך זעצן צו מיינע אנדערע שיעורים, און דאס איז א עצה פאר יעדער איינער, אויב דו האסט א סדר ח"י פרקים פארן דאווענען און נעכטן ביינאכט האסטו פארברענגט ביי א שמחה און ביסט אויפגעשטאנען מיט די נשמה אין די הענט וועסטו כאפן במשך היום אפאר פרקים, אבער פיר דיין סדר היום מיט א רואיג'קייט און נישט עס נעמען פאר א נערוון זאך.

נאך א זאך טעמו וראו, עס איז זייער געשמאק ווען מ'לערנט הויעך, פארשטייט זיך אז דאס איז נישט שייך ווען דו ווארטסט אז זאלסט זיין נעקסט ביים דאקטער אדער און באנק, אבער אין שטוב אדער אין שול אויב מען לערנט אויפ'ן קול מיט א ניגון איז דאס דעם גן עדן אויף דער וועלט, נישט צו גלייבן וואס א ילוד אשה קען זוכה זיין ווען מען פאלגט צדיקים בתמימות ופשיטות, דאס קען מען נישט מסביר זיין פאר קיינעם נאר זאגן יענעם פארזוך און פארשטיי, און אפילו פאר זיך קען מען נישט מסביר זיין וואס מ'האט געשפירט נעכטן אדער פריער, אזוי ווי דער רבי שרייבט שוין אין שיחה א'.

○ ○ ○

# משה ראזענבערג

**וואוינארט: טבריה**

**באשעפטיגונג: סאפטווער דעוועלאפער**

### וויפיל יאר לערנסטו שוין מיטן סדר דרך הלימוד?

איך האב געלערנט אין ישיבה פון די 13 און יעצט בין איך 28, איך האב שוין גלייך געלערנט פון אנפאנג, אבער זיך עכט צוגעכאפט מיט א שטארקייט איז לכאורה פון די 16, דאס הייסט בערך 12 יאר.

### וואס זענען דיינע קביעות'דיגע טעגליכע שיעורים?

ח"י פרקים משניות, 2 דפים בבלי (דף היומי 2 □), דף ירושלמי, פרק תוספתא, יום תהילים, 2 פרקים נ"ך, פרק משלי, דף תיקוני זוהר, שלחן ערוך אויפ'ן יאר, א בריוו עצתו אמונה, א בריוו אשר בנחל, אביסל ליקוטי מוהר"ן, ספר המידות, ספורי מעשיות, חיי מוהר"ן, שיחות און שבחי הר"ן.

### ווי אזוי צוטיילסטו דיינע שיעורים, און ווען לערנסטו דאס?

רוב טעג איז עס בערך:

נ"ך, משלי, תיקוני זוהר, ליקוטי מוהר"ן, ספר המידות ליגט אין מיין טלית בייטל און איך לערן עס פאר\נאך שחרית. דערנאך פרוביר איך צו ענדיגן ח"י פרקים משניות גלייך נאכדעם. בית נצחי איז אדער צופרי אדער במשך'ן טאג. יום תהילים און שלחן ערוך ביי מנחה מעריב. עצתו אמונה, אשר בנחל, ספורי מעשיות, חיי מוהר"ן און שיחות ושבחי הר"ן ביינאכט אין שטוב.

### האסטו קביעות'דיגע וועכנטליכע שיעורים?

איך בין מעביר סדרה געווענליך זונטאג איינמאל די גאנצע חומש און וויפיל איך קום אן פון רש"י, דערנאך מאנטאג וועל איך שוין געווענטליך ענדיגן די גאנצע רש"י און תרגום, די צווייטע מאל חומש וועל איך שוין געווענטליך ענדיגן דינסטאג-מיטוואך.

אויב איך טרעף זיך דאנערשטאג נאכנישט געענדיגט וועל איך עס געווענליך ענדיגן פאר מיינע טעגליכע שיעורים אז איך זאל עס נישט אפשטופן מער. איך לערן אדער נאך שחרית אדער ביי מנחה מעריב.

אויך האב איך א שיעור אין קדושת לוי וואס איך לערן די פרשה יעדע וואך (יעדע יאר נעם איך א צווייטע ספר ב"ה), דעס לערן איך ווען איך טרעף זיך שוין געענדיגט מיינע קביעות'דיגע שיעורים.

פאר א נסיעה אדער עפעס א טאג וואס איך ווייס עס גייט מיך זיין שווער פרוביר איך שוין צו משלים זיין שיעורים אויף פאראויס אזוי עס זאל זיין גרינגער און איך זאל נישט דארפן משלים זיין נאכדעם, חוץ ח"י פרקים, תהילים, 1 דף גמרא, תיקוני זוהר און עצתו אמונה וואס דאס דארף איך לערנען יעדן טאג אן אויסנאם.

### ווי אזוי האסטו אויפגענומען דעם געדאנק פונעם 'סדר דרך הלימוד' אין אנהויב פון דיין התקרבות?

איך בין אויפגעוואקסן אין היכל הקודש איז נישט געווען וואס צו אויפנעמען...

### וואס פילסטו אז דו האסט דאס מערסטע פארדינט פונעם סדר דרך הלימוד?

עס איז שווער צו זאגן וואס איך האב פארדינט אבער אין קורצן איז עס 'מיין גאנצע לעבן', א ישוב הדעת וכו'.

### וואס איז דיין שוועריקייט מיטן סדר דרך הלימוד?

מיין שוועריקייטן איז בעיקר אין טעג וואס איך בין נישט אין א געהעריגע סדר היום.

* יעדן טאג צופרי בעט איך דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען ענדיגן מיינע שיעורים.

** איך מאך אייביג זיכער צו האבן עפעס א ספר מיט מיר, מיין שווערסטע זאך איז זיך צו טרעפן ווארטן פאר אן אפוינטמענט אן א ספר.

○ ○ ○

# מאטי ראזענבערגער

וואוינארט: **בארא פארק**

באשעפטיגונג: **קאסטום שוי רום (טליתים געשעפט)**

## וויפיל יאר לערנסטו שוין מיטן סדר דרך הלימוד?

פאר איך ענטפער מיין איך אז איך דארף דערציילן ווי אזוי איך בין געוואויר געווארן פון די דרך הלימוד, עס איז געווען בערך א יאר פאר קאראנע האב איך באקומען א קארטל פון די האטליין, און איך האב עס אנגעפאנגען אויסצוהערן סתם פאר אינטערעסאנטקייט און גארנישט האט זיך גערוקט.

ביז א יאר שפעטער, עס איז געווען די יאר פון קאראנע בערך א וואך פאר שבועות, און דער ראש ישיבה האט אזוי סאך גערעדט פונעם סדר דרך הלימוד, עס איז שוין געווען א יאר וואס איך האב אויסגעהערט די שיעורים, עס האט מיר געגעבן א כאפ די דרך הלימוד, אז איך האב אפגעמאכט אז ביז שבועות וועל איך ענדיגן ששה סדרי משנה, איך האב געלערנט זייער פלייסיג יענע גאנצע וואך און איך בין אנגעקומען זייער ווייט, אבער איך האב נישט געענדיגט, דעמאלטס נאך שבועות האב איך אנגעפאנגען גיין אסאך שטאטער און איך האב געלערנט אפשר א פרק א טאג, אבער די שיעורים האב איך נישט אפגעלאזט.

און ב"ה ווי מער צייט עס איז אריבער איז נאר צוגעקומען נאך שיעורים.

## וואס זענען דיינע קביעות'דיגע טעגליכע שיעורים?

די ערשטע זאך איז מעביר סדרה זיין, א יום תהלים, שלחן ערוך, 2 פרקים נ"ך, קיצור שלחן ערוך, ח"י פרקים משנית, אפאר שיעורים אין גמרא, דעם רבי"ס ספרים, טור שלחן ערוך און תוספתא, דאס זענען מיינע טעגליכע שיעורים אבער איך בין נישט קיין מלאך, איין טאג לערנט מען מער און איין טאג ווייניגער.

## ווי אזוי צוטיילסטו דיינע שיעורים, און ווען לערנסטו דאס?

איך קען נישט ארויסגעבן ווייל אפשר וועט מיין בעל הבית זיין ברוגז... אבער מעביר סדרה, נ"ך און קיצור שלחן ערוך, ח"י פרקים, לערן איך אין ארבעט דורכ'ן טאג, די איבעריגע לערן איך ביינאכט.

## האסטו קביעות'דיגע וועכענטליכע שיעורים?

יא, שבת לערן איך רוב מאל זוהר הקדוש, און מוצאי שבת לערן איך תנא דבי אליהו און סיפורי מעשיות.

## ווי אזוי האסטו אויפגענומען דעם געדאנק פונעם 'סדר דרך הלימוד' אין אנהויב פון דיין התקרבות?

איינמאל וואס איך האב עס געכאפט האב איך עס נאר מער און מער ליב געהאט.

## וואס פילסטו אז דו האסט דאס מערסטע פארדינט פונעם סדר דרך הלימוד? און וואס איז דיין שוועריקייט מיטן סדר דרך הלימוד?

עס איז שווער צו ענטפערן ווייל דורך סדר דרך הלימוד געשעט אזויפיל זאכן, ערשטנס מען פאנגט אן אויסצוניצן די צייט, מען באקומט א מח און מען ווערט פשוט א מענטש!

איך האב עכט נישט קיין שוועריקייטן. מיין איינציגסטע שוועריקייט איז אפשר אז אלץ וויל איך אנקומען מער און צולייגן נאך שיעורים און עס גייט מיר נישט אלץ.

○ ○ ○

# ישראל דוד ברוקמן

וואוינארט: **בני ברק**

באשעפטיגונג: **מצה בעקעריי**

## וויפיל יאר לערנסטו שוין מיטן סדר דרך הלימוד?

שכוח אייבערשטער, איך האב אנגעהויבן לערנען על פי סדר דרך הלימוד פרשת פנחס תשע"ח, דאס איז געווען אויף א מיטוואך, דער ראש הישיבה האט גערעדט איבער מעביר סדרה זיין און ער האט געזאגט: הייב אן היינט צו לערנען יעדן טאג אביסל חומש מיט תרגום, זאלסט נישטווארטן ביז זונטאג. איך האב געטראכט צו זיך: עס איז טאקע א בושה אז איך לערן אפילו נישט קיין חומש! איך האב אנגעהויבן כאטש חומש יעדן טאג, צוויי מאל מקרא און איין מאל תרגום, שפעטער איז שוין צוגעקומען אביסל משניות, בי"ת נצחי און נאך.

## וואס זענען דיינע קביעות'דיגע טעגליכע שיעורים?

שמו"ת עם רש"י, ח"י פרקים, בי"ת נצחי, ליקוטי מוהר"ן, סיפורי מעשיות, יום תהלים לפי החודש, אפאר מאל אביסל נ"ך, הלכה אחת בכל יום.

## ווי אזוי צוטיילסטו דיינע שיעורים, און ווען לערנסטו דאס?

געווענליך ווען איך קום אהיים נאך די ארבעט נאכמיטאג. איך נעם אביסל צייט פאר זיך נאכן באגריסן און שמועסן מיט די ווייב און קינדער, דעמאלט לערן איך געווענליך משניות. נישט יעדן טאג ח"י פרקים, נאר לויט וויפיל געדולד איך האב אין די צייט.

דאן קומט די צייט פאר שמו"ת מיט רש"י. איך לערן א פסוק מיט רש"י, און נאכדעם לערן איך עס נאכאמאל מיט תרגום. תהלים קומט אפט ווען איך ווארט אויף די ש"ץ נאך שמו"ע, אדער סתם אינמיטן טאג.

וועגן הלכה, האלט איך אן די עצה פון מוהרא"ש צו זאגן יעדן טאג: מצווה להרבות בסעודת ראש חודש. איך זאג דאס שוין מיט די תפילין אינדערפרי.

בית נצחי קומט געווענליך ביינאכט, נאָכדעם וואס איך קום אהיים.

איך לערן ספרי רבינו ווען איך קען, נישט קיין קביעות'דיגע צייט, ווייבאלד איך לערן נאר וויפיל ווי איך קען אין יענע צ°ט, מאכט זיך טעג וואס איך לערן נאר איין שורה. די עיקר זאך איז צו עפענען די ספר און

לערנען. איך האב ליב צו זאגן שמות צדיקים לויטן סדר וואס מוהרנ"ת האָט געשריבן, איך האב א סימן און איך גיי עס דורך לויטן סדר. אין סוף פונעם ספר איז אויך דא זייער א שיינע תפילה.

### האסטו וועכענטליכע קביעות'דיגע שיעורים?

ניין.

### ווי אזוי האסטו אויפגענומען דעם געדאנק פונעם 'סדר דרך הלימוד' אין אנהויב פון דיין התקרבות?

שכח אייבערשטער, דאס איז די זאך וואס האט מיך געברענגט נענטער צו די תורה, די געדאנק אז דו דארפסט נישט פארשטיין איז געווען פונקט פאר מיר! ביזן היינטיגן טאג הער איך פון מענטשן אז זיי פרובירן צו פארשטיין, און וואס זיי פארשטייען נישט גייען זיי ווייטער. עס איז שווער פאר זיי צו מקבל זיין דעם סדר דרך הלימוד. איך בין פונקט דאס פארקערטע, איך לערן אייביג אן פארשטיין, אן אפילו פרובירן צו פארשטיין. איך טראסט הונדערט פראצענט דעם צדיק וואס האָט געזאגט אז דאס הייסט לערנען! צוריקקוקנדיג, קען איך זאגן אז דא און דארט טרעף איך זיך פלוצלינג וויסנדיג אזא שטיקל פון גמרא און נאך א שטיקל פון תוספתא, און אַזוי ווייטער...

### וואס פילסטו אז דו האסט דאס מערסטע פארדינט פונעם סדר דרך הלימוד?

וואס נישט? קודם כל די לימודים אליין, חוץ פון דעם די שלום בית, זיך פילן גוט מיט זיך אליין, זיך נישט דרייען ליידיג און נישט האבן וואס צו טון... עס איז א שטיק סיפוק!

### וואס איז דיין שוועריקייט מיטן סדר דרך הלימוד?

זיך צו טרעפן שפעט ביינאכט ווען איך האב נאכנישט געענדיגט קיין ספר... אבער שכח אייבערשטער אז ער האט מיר מקרב געווען צו א צדיק וואס לאזט מיר נישט גיין שלאפן אן לערנען כאטש א ביסל פון די הייליגע תורה.



# ישראל יעקב קרויס

**וואוינארט: קרית יואל**

**באשעפטיגונג: דרייווט א טראק פאר סערטיפייד לאמבער**

### וויפיל יאר לערנסטו שוין מיטן סדר דרך הלימוד?

א גוטן. ברוך השם איך לערן שוין אויפן סדר דרך הלימוד כמעט 5 יאר.

### וואס זענען דיינע קביעות'דיגע טעגליכע שיעורים?

מיינע שיעורים יעצט זענען ב"ה ווי פאלגענד: בית נצחי, 7 דפים גמרא, ח"י פרקים משניות, חומש פון די טאג שנים מקרא מיטן תרגום.

### ווי אזוי צוטיילסטו דיינע שיעורים, און ווען לערנסטו דאס?

חומש איז פאר שחרית. ח"י פרקים לערן איך דורכאויס דעם טאָג, געווענטליך איז עס ביים ווארטן אז דער גוי זאל מיך אפלאדענען די סחורה וואס איך האב אויפ'ן טראק, נאכדעם ביינאכט פאר מנחה מעריב זאגט מען 4 בלאט גמרא, גראָד נאך מנחה מעריב איז בית נצחי. בבלי ירושלמי און תוספתא אין שול, דערנאך גייט מען אהיים און מען זאגט נאך 3 בלאַט גמרא צו ענדיגן די 7 בלאט.

### האסטו וועכענטליכע קביעות'דיגע שיעורים?

מיין קביעות'דיגע שיעור איז אסאך שיעורים פון דער ראש ישיבה אויף קול ברסלב.

### ווי אזוי האסטו אויפגענומען דעם געדאנק פונעם 'סדר דרך הלימוד' אין אנהויב פון דיין התקרבות?

איך האב עס ממש נישט געקענט פארשטיין, וואס הייסט דאווענען משניות? דאס מיינט זיכער נישט מיך, עפענען א גמרא האב איך קיינמאָל נישט געהאלטן דערביי, אבער זאגן האט קודם נישט געקליקט ביי מיר. ב"ה נאכן אויסהערן אסאך אסאך שיעורים פון דער ראש ישיבה האב איך אויך באקומען דעם מתנה פון סדר דרך הלימוד.

### וואס פילסטו אז דו האסט דאס מערסטע פארדינט פונעם סדר דרך הלימוד?

מיין צייט, דורכאויס דעם טאָג ביים דרייוון א טראק



ווערט אנגעפילט מיט אסאך שיעורים און גוטע זאכן אנשטאט קוקן די נייעס יעדע סעקונדע. מיין נייעס איז געווארן דער ראש ישיבה'ס שיעורים. איך ווער אסאך מער אינפאָרמירט ביים הערן די שיעורים.

**וואס איז דיין שווערקייט מיטן סדר דרך הלימוד?**

זיך נישט צוברעכן ווען ס'איז געווען א טאג וואס איך האב נישט געקענט פאר סיי וועלכע סיבה ענדיגען איינע פון מיינע שיעורים יענע טאג.

ooo

# אפרים נובוגרודסקי

וואוינארט: **לאנדאן**

באשעפטיגונג: **הפצה, פארקויפט צירונג**

**וויפיל יאר לערנסטו שוין מיטן סדר דרך הלימוד?**

9 יאר ב"ה

**וואס זענען דיינע קביעות'דיגע טעגליכע שיעורים?**

תלמוד בבלי, תלמוד ירושלמי, תוספתא, מעביר סדרה מיט רש"י, יום תהלים, משניות ח"י פרקים, ספר המידות, לקוטי מוהר"ן, לקוטי הלכות, קיצור שולחן ערוך, תיקוני זוהר, זוהר, תומר דבורה.

**ווי אזוי צוטיילסטו דיינע שיעורים, און ווען לערנסטו דאס?**

רוב שיעורים לערן איך אינדערפרי, משניות לערן איך דורכ'ן טאג און ביינאכט דעם רבינ'ס ספרים, קיצור שולחן ערוך, זוהר, תיקוני זוהר, ליקוטי הלכות.

**האסטו קביעות'דיגע וועכענטליכע שיעורים?**

יא. עצתו אמונה, נועם אלימלך, אור החיים, תנא דבי אליהו .

**ווי אזוי האסטו אויפגענומען דעם געדאנק פונעם 'סדר דרך הלימוד' אין אנהויב פון דיין התקרבות?**

נאכן הערן אסאך דרשות האב איך מחליט געווען אנצוהייבן משניות, דאס איז געווען יו"ט שבועות תשע"ו און עס האט מיר גענומען א גאנצע קיילעכיג יאר און איך האב מסיים געווען יו"ט שבועות תשע"ז די ערשטע מאל ששה סדרי משנה, איך האב גראד אנגעהויבן די צווייטע מאל, עס איז שוין געגאנגען גרינגער. ב"ה היינט האלט איך שוין ביי 85 מאל, און דורכאויס די יארן איז זייער שנעל צוגעקומען נאך און נאך שיעורים.

**וואס פילסטו אז דו האסט דאס מערסטע פארדינט פונעם סדר דרך הלימוד?**

איך האב פארדינט אז עס גייט נישט פארביי א טאג אן לערנען די הייליגע תורה, תורה טוישט א מענטש, תורה געבט לעבן, איך קען נישט פארשטיין ווי אזוי איך האב געלעבט פאר איך האב אנגעהויבן מיטן סדר דרך הלימוד.

**וואס איז דיין שווערקייט פונעם סדר דרך הלימוד?**

לערנען על סדר דרך הלימוד איז כמים קרים על נפש עייפה - איך קען נישט טראכטן פון קיין שווערקייטן, חוץ אז איך וויל אזוי שטארק צולייגן נאך שיעורים אבער איך טרעף דערוויילע נישט די צייט. איך האב סטיקערס אין מדרש, נ"ך, רמב"ם, און נאך ספרים אבער איך קום דאס נישט אן צו לערנען יעדען טאג.

ooo

# אלחנן זויבערמאן

וואוינארט: **צפת**

באשעפטיגונג: **הפצה און נאך**

## קליינע געשעפטן

**וויפיל יאר לערנסטו שוין מיטן סדר דרך הלימוד?**

אויב איך געדענק גוט לערן איך זינט יאר תשפ"א.

**וואס זענען דיינע קביעות'דיגע טעגליכע שיעורים?**

דעם קונטרס 'לימוד היומי' וואס אינהאלט, בבלי, ירושלמי, תוספתא, סדרה מיט רש"י, 2 פרקים נ"ך, א פרק רמב"ם. אויסער דעם כאטשיג איין פרק משניות און א עמוד זוה"ק. מ'האפט זיך צו פארברייטערן...

**ווי אזוי צוטיילסטו דיינע שיעורים, און ווען לערנסטו דאס?**

איך האב א וועג וואס עס פאסט פאר מיין נאטור.

יעדן טאג הייב איך אן מיט אן אנדערע ספר פון די פריער אויסגערעכנטע לימודים.

ווי למשל איין טאג מאך איך אויף די נ"ך אין מיין 'לימוד היומי', און פון דארט לערן איך אויפ'ן סדר דר הקונטרס, א צווייטע טאג הייב איך אן פון די תוספתא. איין טאג פון אנהייב צום סוף, אן אנדערן טאג פונעם סוף (רמב"ם) צום אנהייב (בבלי).

**האסטו וועכענטליכע קביעות'דיגע שיעורים?**

ניין.

**ווי אזוי האסטו אויפגענומען דעם געדאנק פונעם 'סדר דרך הלימוד' אין אנהויב פון דיין התקרבות?**

כ'האב מיך פארגעשטעלט אז ס'איז אוודאי בעסער פון גארנישט לערנען און נאר נאכלויפן די פאליציי ביי הפגנות...

**וואס פילסטו אז דו האסט דאס מערסטע פארדינט פונעם סדר דרך הלימוד?**

קודם האב איך אנגעפאנגען זען אידישע אותיות אנטקעגן די אויגן נאך א לאנגע תקופה... און איך לעב בעסער און שענער דורך דעם וואס איך פיל מער אנגעזעטיגט דורך מיינע סיומים.

אויך בין איך געווארן נענטער צו מיין טאטע (וואס איז א חשוב'ער דיין און א גרויסער תלמיד חכם אין בני ברק), וואס האט נישט אזוי געגליכן מיין זיך דרייען אין די גאסן ביי הפגנות א.ד.ג., זייט איך האב אים געקלונגען פארציילן אז איך קום אויף שבת און איך ברענג מיט מיר א סיום מסכתא בבלי, א סיום משניות, זענען אונזערע באציאונגען פיל בעסער געווארן.

היינט איז ער שטאלץ מיט זיין ברסלב'ער זון וואס האט שוין געענדיגט ש"ס און ווער ווייסט וויפיל מאל משניות וכו'...

**וואס איז דיין שוועריקייט מיטן סדר דרך הלימוד?**

מיינע שוועריקייט איז צו אויפשטיין אינדערפרי (האט שוין פאסירט אפאר מאל) און באמערקן אז כ'בין איינגעשלאפן אינמיטן לערנען די נעכטיגע לימודים...

○ ○ ○

# יוסף הכהן כ"ץ

וואוינארט: **ירושלים**

באשעפטיגונג: **מלמד אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים**

**וויפיל יאר לערנסטו שוין מיטן סדר דרך הלימוד?**

ארום 3 יאר.

**וואס זענען דיינע קביעות'דיגע טעגליכע שיעורים?**

דעם דף גמרא, חומש רש"י, ח"י פרקים משניות.

**ווי אזוי צוטיילסטו דיינע שיעורים, און ווען לערנסטו דאס?**

חומש רש"י לערן איך בדרך כלל אינדערפרי, די דף גמרא לערן איך ביים שיעור וואס ווערט איבערגעגעבן בטוב טעם ודעת אין די ירושלימ'ער שול דורך דעם מגיד שיעור הרב משה שמואל שטעסל שליט"א, און די ח"י פרקים לערן איך דורכן טאג וואו איך קען עס אריינשטיפן.

**האסטו וועכענטליכע קביעות'דיגע שיעורים?**

ניין.

**ווי אזוי האסטו אויפגענומען דעם געדאנק פונעם 'סדר דרך הלימוד' אין אנהויב פון דיין התקרבות?**

עס האט גענומען אסאך צייט פון ווען איך האב אנגעהויבן הערן שיעורים פון דער ראש ישיבה שליט"א ביז איך האב געכאפט וואס דאס איז דער 'סדר דרך הלימוד'. אבער ב"ה איינמאל איך האב עס געכאפט איז דאס געווען די געשמאקסטע זאך וואס איז דא.

**וואס פילסטו אז דו האסט דאס מערסטע פארדינט פונעם סדר דרך הלימוד?**

קודם אז איך האב א שייכות מיט די הייליגע תורה. ווען איך בין געווען אין ישיבה און מ'פלעגט זיצן און לערנען גמרא בעיון, האב איך מחליט געווען ביי מיר אין קאפ אז דאס איז נישט פאר מיר, איך האב נישט קיין נערוון צו לערנען, דאס באלאנגט פאר די בטלנים וואס שאקלען די קאפ פארן מגי"ש...

אבער ווען איך האב אנגעהויבן צו לערנען מיט די 'סדר דרך הלימוד' האב איך באקומען אזא זיסקייט אין די הייליגע תורה, און איך פיל אז די הייליגע תורה איז יא פאר מיר!

**וואס איז דיין שוועריקייט מיטן סדר דרך הלימוד?**

שכח אייבערשטער אז היינט איז מיין שוועריקייט נאר ווען א סטיקער פארלירט זיך.

אבער בתחלת התקרבתי איז געקומען צו מיר א מגי"ש אין ישיבה און ער האט מיר געוויזן פוסקים אז ס'הייסט נישט געלערנט... דעמאלס האב איך אויפגעהערט צו לערנען אינגאנצן.



למעשה האב איך געזען אז איך ווער אינגאנצן פארלאשן און איך האב שוין נישט קיין טעם אין גארנישט, און נאכן הערן ווייטער שיעורים פון דער ראש ישיבה האב איך ב"ה ממשיך געווען צו לערנען.

# יצחק פעלדמאן

וואוינארט: **קרית ברסלב**

באשעפטיגונג: **לערנט אין כולל היכל הקודש ליבערטי**

### וויפיל יאר לערנסטו שוין מיטן סדר דרך הלימוד?

בערך 6 יאר.

### וואס זענען דיינע קביעות'דיגע טעגליכע שיעורים?

חומש רש"י מיט תרגום, משניות, דף בבלי, דף ירושלמי, פרק תוספתא, א פאר סעיפים שלחן ערוך מחבר רמ"א, אביסל תהילים.

### ווי אזוי צוטיילסטו דיינע שיעורים, און ווען לערנסטו דאס?

חומש רש"י מיט תרגום, שלחן ערוך און תהילים פראביר איך צו טרעפן אפאר מינוט דא און דארט דורכן טאג, און משניות, גמרא, ירושלמי און תוספתא, לערן איך ביינאכט.

### האסטו קביעות'דיגע וועכענטליכע שיעורים?

שבת פרוביר איך צו לערנען אביסל זוהר.

### ווי אזוי האסטו אויפגענומען דעם געדאנק פונעם 'סדר דרך הלימוד' אין אנהויב פון דיין התקרבות?

איך האב עס אנגעקוקט זייער מאדנע, ס'האט ממש נישט געמאכט קיין סענס, אבער איך האב עס פראבירט, און די סיפוק וואס מען באקומט פון לערנען פרקים משניות און בלעטער גמרא שנעלערהייט קען מען נישט באשרייבן! מען דארף שוין נישט קיין ראי'ה אז ס'הייסט געלערנט...

וואס פילסטו אז דו האסט דאס מערסטע פארדינט פונעם סדר דרך הלימוד?

איך האב פארדינט אז יעדן טאג איז א טאג. עס איז נישט דא אזא זאך ווי גיין שלאפן אן לערנען.

### וואס איז דיין שוועריקייט מיטן סדר דרך הלימוד?

די שוועריקייט וואס מאכט זיך אפט איז, אז מען מאכט אפ אז מ'גייט לערנען יעדן טאג א געוויסע לימוד א געוויסע סכום, און עס האלט נישט אן, מען קומט אן ווייניגער ווי מ'האט געוואלט וכו'. אבער באמת דארף מען זיך זייער פרייען מיט די ביסל וואס מ'כאפט אריין. מען דארף געדענקען אז מען לערנט נישט פאר די אייגענע גאוה אז 'איך לערן יעדן טאג ח"י פרקים משניות', מ'לערנט צו ווערן נענטער צום אייבערשטן, און אביסל איז אויך גוט. ■

# איינער
# קען דער
# צועק
# לשעבר?

נישט איך!

אינוועסט

אינוועסט ריכטיג!

*sruliHeskel



# וָואס הָאט יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת מִיט מִיר?

## שאלה

**דִי וָואךְ בְּרֶענְגֶען מִיר אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אִיבֶּער יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת, וְויאַזוֹי אוֹיסְנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.**

**בעזהשי"ת - עֶרֶב חַג הַשָּׁבוּעוֹת, ה' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נִי"ו

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר גֵייעֶן שׁוֹין מְקַבֵּל זַיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; וְויסְן זָאלְסְטוּ אַז הַיינְט נַאכְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער נַאכְט, דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֶען צוּ בְּלַייבְּן אוֹיף.

עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (הַקְדָמָה ח.) אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז אוֹיפְגֶעוֶועןן שָׁבוּעוֹת אַ גַאנְצֶע נַאכְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים - פוּן יֶעדֶע פַּרְשָׁה דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי יֶעדֶע סֵפֶר פוּן נְבִיאִים וּכְתוּבִים דֶער עֶרְשְׁטֶער פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר זֵיי מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, אוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר אוֹיךְ אוֹיף בְּלַייבְּן שָׁבוּעוֹת בַּייַנַאכְט, אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת, אוּן עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג; **מִיר הָאבְּן גֶעדְרוּקְט דֶעם תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ ז"ל הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן. נָאר דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק אוּן דֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק פוּן יֶעדֶע סֶדְרָה אוּן פוּן יֶעדֶע סֵפֶר**, אוּן נָאכְדֶעם לֶערְנְט מֶען דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת. אוּן אַז עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער צַייט, אִיז מֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְץ יָאר שִׁיעוּרִים אִין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, אוּן זַיין דָבוּק צוּ אִים.

פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נו): "הַמִּקְוֶה שֶׁל שָׁבוּעוֹת הִיא מִקְוֶה שֶׁל שַׁעַר נ', שֶׁהוּא שַׁעַר הָעֶלְיוֹן מֵחֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי בִּינָה, שֶׁהוּא שֵׂכֶל וְדַעַת עֶלְיוֹן, חֶסֶד עֶלְיוֹן וְרַחֲמִים גְּדוֹלִים", **וֶוען מֶען טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר, אִיז מֶען זוֹכֶה מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת;** מֶען בַּאקוּמְט שֵׂכֶל, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן.

דֶערְפַאר, נָאכְן עֶנְדִיגְן דֶעם 'תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת' זָאלְסְטוּ לוֹיפְן אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבֵל'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס עֶס מֵיינְט שַׁעַר הַחֲמִשִּׁים אוּן דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וְכוּ'. וַוייל דֶער תִּיקוּן גֶעשֶׁעהט פוּן זִיךְ אַלֵיין, צוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט יָא, צוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דוּ גֵיי אִין מִקְוֶה 'עַל דַּעַת כָּל הַצַּדִּיקִים, וְעַל דַּעַת רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידָיו הַקְּדוֹשִׁים'.

שָׁבוּעוֹת בַּייַנַאכְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער נַאכְט, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ שְׁמוּעֶסְן בַּייַנַאכְט, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע נַאכְט, אוּן מֶען קֶען פוֹעֵלְ'ן אַסַאךְ יְשׁוּעוֹת; אִיךְ זָאג פַאר דִי בָּחוּרִים אַז

אוֹיבּ זֵיי בְּלַייבְּן אוֹיף סְתָם צוּ רַייכֶערְן אוּן שְׁמוּעֶסְן
איז אַ גְרֶעסֶערֶע תִּיקוּן אַז זֵיי זָאלְן גֵיין שְׁלָאפְן,
ווייל דֶער עֶרְגְסְטֶער עֲבֵירָה איז צוּ בַּטְלָ'ן צַייט,
אַזוֹי ווי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:): "הַבַּטָּלָה מְבִיאָה
לִידֵי זִמָּה וְלִידֵי שִׁעְמוּם", אַז מֶען בַּטָל'ט צַייט
קוּמְט מֶען נָאכְדֶעם צוּ, צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אוּן צוּ
וֶוערְן דִיפְּרֶעסְט.

נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין דַאוְונֶען שַׁחֲרִית וָתִיקִין,
אָדֶער גֵיין שְׁלָאפְן אוּן דַאוְונֶען שְׁפֶּעטֶער; אִיךְ
וֶועל דִי יָאר נִישְׁט דַאוְונֶען וָתִיקִין ווייל מַיין
ווייבּ תְּחִיֶ' איז אַ קִימְפֶּעטָארְן אוּן זִי דַארְף מַיין
הִילְף; מוֹהֲרַ"ש ז"ל הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער איז אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ, אָבֶּער דוּ
זָאלְסְט ווייטֶער דַאוְונֶען וָתִיקִין אוּן זַיין פְרֵייליךְ
אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן אַז מִיר
ווייסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן מִיר פָאלְגְן זַיינֶע
עֵצוֹת, בִּפְרַט אַז מִיר לֶערְנֶען תּוֹרָה אַ גַאנְץ יָאר.

שְׁטַארְק דִיר אוּן שְׁטַארְק דַיין ווייבּ; פַארְגֶעס
נִישְׁט אַז עֶס איז אַ מִצְוָה פְרֵייליךְ צוּ מַאכְן די
ווייבּ, אַזוֹי ווי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידוּשִׁין לד:): "אִשָּׁה –
בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע פַּארְלַייגְט
זִיךְ זֵייעֶר צוּ מַאכְן אַ פִּירוּד צְווישְׁן מַאן אוּן ווייבּ;
אָבֶּער אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן
סַבְלָנוּת, אוּן זִיךְ אַיינְהַאלְטְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת
אִיר צוּ מְחַזֵק זַיין, אוּן אִיר צוּ הֶעלְפְן.

עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין
שֵׂכֶל, אוּן זֵיי מֵיינֶען אַז מֶען קֶען טְשֶׁעפֶּען אַ ווייבּ;
זֵיי זֶענֶען פַארְנוּמֶען צוּ טוּן חֶסֶד מִיט חֲבֵרִים וְכוּ',
אָבֶּער אִין שְׁטוּבּ לֵייגְט עֶר נִישְׁט צוּ די הֶענְט אִין
קָאלְט וַואסֶער. אַוַדַאי דַארְף מֶען טוּן חֶסֶד מִיט
אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער דָאס טָאר נִישְׁט זַיין
אוֹיפְן ווייבְּ'ס חֶשְׁבּוֹן, נָאר **חֶסֶד הֵייבְּט זִיךְ אָן אִין שְׁטוּבּ.**

זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקֶען וָואס מוֹהֲרַ"ש
ז"ל פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "אַ מֶענְטְשׁ הָאט
נִישְׁט קֵיין חֲבֵרִים, אוֹיבּ יָא איז דֶער ווייבּ דֶער
עֶרְשְׁטֶער"; ווייל אַלֶע חֲבֵרִים זֶענֶען נָאר חֲבֵרִים
ווי לַאנְג זֵיי קֶענֶען הָאבְּן אַ טוֹבַת הֲנָאָה פוּן דִיר,
אָבֶּער וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין אִין אַ צָרָה וֶועט קֵיינֶער
נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן
רסג): "דֶער יֵצֶר הָרָע פְּרוּבִּירְט אוֹיף אַלֶע וֶועגְן



אַז אַ קָאפְּל זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, ווייל אָן אַ ווייבּ הָאט
מֶען נִישְׁט קֵיין שְׁמִירָה; דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף
יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר
זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת"; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר
שְׁטַארְק אַז זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיין בְּרֶענְגֶען בַּיי דִיר אִין
שְׁטוּבּ קֵיין קָאמְפְּיוּטֶער, אָדֶער אֵייפַּאד; אֵייפֶּעד;
סְמַארְט פָאוֹן; ווייל דָאס מַאכְט חָרוּב אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער,
אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער שְׁטוּבֶּער זֶענֶען שׁוֹין חָרוּב
גֶעווָארְן פוּן אִינְגֶעלַייט אוֹיבֶּער חֲכָמִים וָואס זֵיי הַאלְטְן
אַז זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן בֶּעסֶער ווי אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן
אַלֶע גְרוֹיסֶע רַבָּנִים; אוּן נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבְּן
בְּעֵירוֹם וּבְחוֹסֶר כֹּל.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "עֶס איז
דָא מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוען זֵיי זֶעעֶן נָאר אַ פְרוֹיעֶן טִיכְל,
בַּאקוּמֶען זֵיי שׁוֹין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת"; זֶעט מֶען ווי
שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל הָאבְּן
רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס הָאט אַ פָּנִים אַז מֶען דַארְף
זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן אַ הִרְהוּר"; שְׁטֶעל דִיךְ פָאר וֶוען דֶער
רֶבִּי לֶעבְּט הַיינְט, וָואס וָואלְט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט וֶועגְן אַ
סְמַארְטפָאן; אוֹיבּ אַ פְרוֹיעֶן טִיכְל הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט
גֶעוָואלְט מֶען זָאל לֵייגְן אוֹיפְן וַואנְט וְכוּ', ווייל מֶענְטְשְׁן
קֶענֶען נִכְשָׁל וֶוערְן אוּן הָאבְּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וָואס
וָואלְט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט וֶועגְן אַ סְמַארְטְפָאן?!

יֶעצְט שָׁבוּעוֹת מַאךְ דִיר אַ חֶשְׁבּוֹן צִי עֶס בְּרֶענְגְט
דִיר יִרְאַת שָׁמַיִם; מַאךְ דִיר אַ חֶשְׁבּוֹן צִי עֶס מַאכְט דִיךְ
מֶער גֶעטְרֵיי צוּ דַיינֶע קִינְדֶער; צִי עֶס מַאכְט דִיר מֶער
אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דַיין ווייבּ; שְׁמוּעֶס עֶס אוֹיס מִיטְן
אֵייבֶּערְשְׁטְן. פְרֶעג דִיךְ אַלֵיין בִּשְׁעַת וֶוען דוּ מַאכְסְט
הִתְבּוֹדְדוּת צִי עֶס הֶעלְפְט דִיר פַאר דַיין לֶעבְּן, אָדֶער עֶס
שְׁנַיידְט שְׁטִיקֶער פוּן דַיין עֶרְלִיכְקֵייט.

**הֱיוֹת אַז מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען בִּשְׁעַת קַבָּלַת הַתּוֹרָה עֲרֵבוּת פַאר אַ צְווייטְן אִיד – כָּל יִשְׂרָאֵל עֲרֵבִים זֶה לָזֶה, זָאלְסְטוּ זִיךְ פַּארְנֶעמֶען עוֹסֵק צוּ זַיין אִין הַפָּצָה,**
אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן די
קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַ"ש ז"ל הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, וָואס
דָאס איז אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוֹיף אַ
גְרִינְגֶערֶע שְׁפְּרַאךְ, אַז מִיר פְּשׁוּטְ'ע מֶענְטְשְׁן זָאלְן דָאס
פַארְשְׁטֵיין, אוּן מִיר זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען צוּ
קוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

**אַ גוּט יוֹם טוֹב.**

עצתו אמונה שבועות תשע"ג

# געדאנקען

## א טשיז דעניש אין די פארמאסי

דאס ווייסן דאך אלע אז חכמינו הקדושים ברענגען אין ספרי און אין מדרש רבה צען לשונות פון תפלה.

אלע קליינע קינדער לערנען פון דעם ענין אין רש"י פרשת ואתחנן, אויפ'ן ווארט "ואתחנן".

דער ראש ישיבה רעדט אסאך פון די זאך פון "פגיעה" אז דאס איז מרמז אזוי ווי איינער פעיגערט און לאזט נישט מנוחה, אזוי דארף מען בעטן דעם אייבערשטן אלעס וואס מען דארף, נישט נאכלאזן, ממש ווי א פעיגער, א נעכס, א קריכער, א מען-קען-פון-דעם-ווארצל-נישט-לויז-ווערן.

שבת קודש פרשת אמור אינמיטן די שמועס ביי סיפורי מעשיות האט מען אויך גערעדט פון די פארשידענע וועגן אין תפלה, דער מנהל מו"ה אברהם משה שליט"א האט גערעדט אז דאס וואס א מענטש בעט דעם אייבערשטן א פארקינג SPOT, און באקומט עס גלייך, און דאס וואס א מענטש בעט זאכן וואס נעמט ימים ושנים, דאס איז צוויי באזונדערע מהלכים אין תפלה, די זאכן וואס נעמט יארן לאנג צו בעטן, למשל אז ער זאל ארויסקריכן פון זיין כעס געוואוינהייט, אדער ער זאל אויפהערן טראכטן אז מענטשן קומען אים עפעס, אדער אז ער וויל א אייגענע הויז, אדער אז ער וויל ווערן אויס בעל חוב, לעבן ווי א בן חורין, דאס איז א עקסטערע זאך פון די זאכן וואס מען בעט יעצט און מען באקומט עס יעצט.

על דרך משל, קען מען עס אפשר געבן א נאמען "תפלה עקספרעס" און "תפלה -FOR LIFE".

א מענטש גייט צום טעיק אוט פונקט 11:05, פינף מינוט נאך די צייט פון שפארן, און בעט דעם אייבערשטן אז ער זאל אים ארויינלאזן, אדער א פאליס שטעלט אים אפ און ער בעט דעם אייבערשטן אז ער זאל נישט באקומען א טיקעט, וכדומה, אויף דעם איז די מניעה נישט אזוי גרויס, נאר די זאכן וואס נעמט ימים ושנים, (על דרך משל וועלן מיר עס רופן "תפלה פאר לייף") אויף דעם איז די נסיון סאך גרעסער.

ווילאנג קען א מענטש בעטן דעם אייבערשטן ער זאל נישט זיין קיין כעס'ן? ווילאנג קען א מענטש בעטן דעם אייבערשטן ער זאל זיך היטן די אויגן ביים גיין אין גאס? ווילאנג קען א מענטש בעטן דעם אייבערשטן אז ער וויל א אייגענע הויז? ווילאנג קען א מענטש בעטן דעם אייבערשטן אז זיין ווייב / קינדער / עלטערן זאלן לעבן מיט א צדיק? עס איז דאך אזוי גרינג צו אויפהערן בעטן אויף דעם.

האט ר' אברהם משה ארויסגעברענגט אז א מענטש מוז זיך אריינטון אזוי שטארק אין די זאך פון תפלה אז ער זאל קענען בעטן אן אויפהער אפילו איך וועל דאס נישט באקומען פאר פינעף יאר. איך הער נישט אויף צו בעטן אויף דעם. מיין מצוה איז בעטן דעם אייבערשטן, דאס איז מיין פליכט אלץ א קנעכט פאר דעם אייבערשטן.



ווילאנג א מענטש האט נאך נישט די זאך פון קענען בעטן יארן לאנג אויף זאכן וואס מען זעט נישט קלאר אז עס רוקט זיך, פעלט אים נאך א גרויסע עיקר אין די זאך פון תפלה.

צו איך וועל יא אדער נישט

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

באקומען די זאך וואס איך בעט, דאס האט נישט מיט מיר, AS LONG אז איך בעט און בעט יעדע מאל וואס איך דערמאן זיך אין די זאך. דאס איז מיין שליחות, דאס איז מיין תפקיד, קומט אויס אז תפלה גייט בענעזאם מיט זיך מבטל זיין צום רצון השם אזוי ווי א קליינטשיג קריכעדיגע מורישקע וואס קען בטעות כאפן א טרעט און ווערן אויס, אזוי איז זיך א צדיק מבטל פאר'ן אייבערשטןביים בעטן וואס ליגט אים אויפ'ן הארץ.

די סארט תפלה איז די ריכטיגע "ביטול היש", א מענטש איז זיך מבטל אינגאנצן, בייגט איין פאר'ן אייבערשטן זיין אלע רצונות, זיין גאנצע ישות.

מוהרא"ש פלעגט צו זאגן אז ס'איז געווען פלעצער וואו ס'איז געווען אן עבודה צו מאכן א חוזק פון זיך, זיך אנמאכן בזיונות, אזא מין וועג פון זיך מסגף זיין, נאר אנשטאט א סיגוף פון PHYSICAL PAIN, איז עס געווען א סיגוף פון זיך פארשעמען פאר מענטשן, מען פלעגט דאס רופן "ביטול היש", מען איז אריין אין א אפטייק, און געפרעגט וואו ליגט די ברויט, און די ארומיגע האבן געקוקט

אנשטאט א סיגוף פון physical pain, איז עס געווען א סיגוף פון זיך פארשעמען פאר מענטשן, מען פלעגט דאס רופן "ביטול היש", מען איז אריין אין א אפטייק, און געפרעגט וואו ליגט די ברויט, און די ארומיגע האבן געקוקט אזוי ווי אויף איינער וואס איז נעבעך נישט מיט אלעמען, אה, די ביטול היש איז געלונגען, אלע לאכן פון מיר.

אזוי ווי אויף איינער וואס איז נעבעך נישט מיט אלעמען, אה, די ביטול היש איז געלונגען, אלע לאכן פון מיר.

פון מוהרא"ש איז געווען משמע אז די ריכטיגע ביטול איז ווען ס'גייט עפעס אין לעבן נישט ווי מען וויל, און מען האט נישט קיין קושיות אויפ'ן אייבערשטן. מען מאכט צו דאס מויל. עס איז סאך גרינגער צו בעטן א טשיז דעיניש אין די פארמאסי ווי נישט האבן טענות ווען ס'גייט נישט עפעס ווי איך וויל.

די ריכטיגע ביטול היש איז אז אפילו איך זע ס'איז שוין יארן יארן וואס איך בעט און ס'קוקט אויס ווי ס'רירט זיך נישט, בין איך נאך אלץ בטל צום אייבערשטן, כ'האב נישט קיין טענה, ס'קומט מיר גארנישט, די עיקר וואס מען דארף זיך דערהאלטן איז אויף נישט אויפהערן צו בעטן די לאנגע פארצויגענע קאמפליצירטע ישועות.

די זאך פון זיך דערהאלטן אויף תפלה איז אזוי שווער און ס'איז אזא שטארקע נסיון, אז דער רבי אליין זאגט אין שבחי הר"ן (סימן י"ב) אז ער פלעגט בעטן און בעטן, און ווען ער האט געזען אז מ'ענטפערט אים נישט פון הימל איז ער צומאל געווארן צופאלן פון דעם און נישט געגעדט צום אייבערשטן פאר עטליכע טעג.

נאכדעם האט ער זיך אנגעהויבן צו שעמען וויל ער האט זיך דערמאנט אז אוודאי און אוודאי הערט דער אייבערשטער יעדע ווארט וואס מען רעדט צו אים, אזוי, זאגט דער רבי, האט פאסירט צו אים אסאך מאל.

און די זעלבע זאך שרייבט מוהרא"ש זי"ע אויף זיך, אז ווען ער איז אריין אין עבודת השם, האט ער געהאט אזעלכע ירידות ונפילות אז ער האט כמעט געוואלט אלעס אפלאזן (שיחות מוהרא"ש חלק א' אות נפילה), און וואס האט אים געגעבן די שטארקקייט אנצוגיין ווייטער? טאקע די אויבנדערמאנטע שטיקל אין שבחי הר"ן..

א מענטש וואס דערהאלט זיך און הערט נישט אויף צו בעטן מיט עקשנות, און ווארט מיט געדולד ביז ער באקומט דאס זייניגע, ווי שענער מען ווארט און מען בעט, אלץ שענערע מתנות באקומט מען, פארדעם זאגט מוהרא"ש איז "מתנה" די זעלבע אותיות ווי "המתן" (שיחות מוהרא"ש חלק א' אות מתנה). אז מען ווארט שיין, באקומט מען שיינס.

# איך בין א איד

מיר מאכן די ברכה יעדן טאג אשר בחר בנו מכל העמים, מיר לויבן דעם אייבערשטן אז ער האט אונז אויסדערוועלט פון אלע פעלקער, ונתן לנו את תורתו, און האט אונז געגעבן דעם הייליגן שיינעם תורה, מיר זענען זוכה צו א העכערע סארט לעבן, אפגעזונדערט פון די גאנצע וועלט, אויפגעהויבן פון יעדע סארט בריאה, אזוי הייליג און ריין די אידישע לעבן

אבער נישט יעדער האט זוכה געווען צו געבוירן ווערן, און גלייך זיין א טייל פון אט די הייליגע שיינע ריינע פאלק, די שיינע רויז פון ארום די דערנער, די שיינקייט און תכלית פון די וועלט וואס רופט זיך כלל ישראל, עס איז דא וואס האבן געדארפט דורכמאכן א לאנגן און שווערן רייזע ביזן אנקומען צו זייער לאנג ערווארטעטע ציהל, די לעכצונג צו ערנערן זייער דארשטיגע זעל, דעם געוואלדיגן מינוט פון זיך אפטיילן פון די גאנצע גוי'שע וועלט, און ווערן א טייל פונעם עם הנבחר

לכבוד דעם יום טוב שבועות, דער יום טוב פון קבלת התורה, דער יום טוב ווען מיר האבן מקבל געווען עול מלכות שמים און אנגעהויבן לעבן מיט די הייליגע תורה, ברענגען מיר אייך א גאר אינהאלטסרייכע שמועס מיט א גר צדק, וואס כאטש אז איר וועט אים אנקוקן פון דרויסן וועט איר נישט חלומ'ען אז דער איד מיטן הויכן ביבער היט, לאנגע בארד און הדרת פנים איז אדורך דעם וועג ביז צו ווערן א חלק פונעם אידישן פאלק, אונזער אלעמען באליבטער חבר מו"ה בניהו אונגאר הי"ו וואס וואוינט היינט צוטאגס אינעם שיינעם שטעטל אין אפסטעיט ניו יארק "קרית ברסלב"

רבי בניהו וויקלט אונז אויף צום ערשטן מאל זיין לעבנסגעשיכטע, אלעס מיט איין ציל אז מיר זאלן שטענדיג געדענקען זענען מיר זענען ווער אין האלטן טייער און חשוב יעדן איד און פארשטייט זיך, זיך אליין



## יואל נחמן גלויבער

## לאמיר צוריקדרייען דעם זייגער, ר' בניהו, ווען און וואו זענט איר געבוירן?

איך בין געבוירן ראש חודש אלול אין שטאט מאנסי, צו גאר געהויבענע עלטערן, צדיקים וצדקניות.

וואס?... יא, דאס איז די טאג וואס איך בין געווארן א פולקאמער גר צדק, א אידיש קינד, און מיינע עלטערן זענען אברהם אבינו און שרה אמינו, אבער איך פארשטיי וואס איר פרעגט.

איך בין געבוירן אין יאר תש"נ לפ"ק אין א שטאט זשעקסאנוויל אין פלארידא. מיינע עלטערן האבן געהאט צוויי קינדער, איך מיט מיין ברודער, מיר האט מען גערופן לועס. סיי מיין טאטע און סיי מיין מאמע האבן שווער געארבעט אהיימצוברענגען געלט, מיין טאטע אלס א בויער אין א קאנסטראקשן קאמפאני, און מיין מאמע האט געטון טעלע-מארקעטינג.

מיינע עלטערן האבן אונז זייער ליב געהאט, און מיר האבן זיי אויך זייער ליב געהאט, זיי האבן זיך שטארק אוועקגעגעבן פאר אונז, און אונז שטענדיג געלערנט גוטע זאכן, צו זיין ארנטליך און גוט צו יעדן און אזוי ווייטער. זיי זענען געווען זייער רעליגיעז, זיי פלעגן אונז נעמען צו די קירכע פון די געגנט, איך האב געוויסט געוויסע זאכן פונעם אייבערשטן, איך האב געוויסט פון נח'ס תיבה, די צען נסיונות פון אברהם אבינו, קריעת ים סוף, הר סיני, די מעשה פון דוד המלך און גלית, און נאך אסאך זאכן.

אזוי האבן מיר זיך אנטוויקלט אין די קינדער יארן, ווען אלעס פארט על מי מנוחות, ביז...

ווען איך בין געווען אכט יאר אלט האבן זיך מיין טאטע און מאמע צוטיילט, איך בין געבליבן וואוינען ביי מיין מאמע.

עס איז געווען פאר מיר אנפאנג גאר א שטארקע קלאפ, איך בין געווען זייער צובראכן און צומישט פון דעם, אבער צוביסלעך האב איך זיך אנגעהויבן צוגעוואוינען צו מיין נייע לעבנ'ס שטייגער, צו לעבן בלויז מיט א מאמע, וויסנדיג אז מיין טאטע לעבט ערגעץ, אבער איך וואוין נישט מיט אים אין איין הויז.

אבער די שטיינער אין וועג האבן זיך נישט אפגעשטעלט דא. א שטיק צייט שפעטער איז מיין מאמע קראנק געווארן אויף א שווערע פארנעם, מיינע חלומות אויפן לעבן האבן אנגעהויבן צו צופאלן פארנט פון מיינע אויגן, איך האב געשפירט ווי מיין לעבן האט זיך אנגעהויבן וואקלען, איך האב פארגעסן פון אלעס וואס מ'האט מיר געלערנט אלס קינד, סיי מענטשליכקייט, ארנטליכקייט, רעליגיע, איך האב אלעס אלעס אפגעלאזט, איך האב באשלאסן אז איך וועל גיין אויסשפאנירן די וועלט, טרעפן די הנאה פון דער וועלט, איך וועל אנפילן מיין גייסט מיט עפעס וואס וועט מיר מאכן שפירן גוט מיט זיך, און פארגעסן פון אלע מיינע שוועריגקייטן.

איך האב זיך ארויסגעלאזט אויף א מיסיע וואס רופט זיך אנטלויפן פון זיך אליין, איך האב געזוכט פארשידענע וועגן צו אנפילן מיין זעל און פארברענגען די טעג, איך האב מיך אריינגעלייגט אין פארשידענע ספארטס, טעג און נעכט האב איך פארברענגט אויף דעם, מיטהאלטנדיג יעדע דעטאל אויף א נאנטע פארנעם, אז ווען איין זייט האט געווינען פלעג איך זיין אזוי פריילך, און פארקערט ווען די זייט האט פארלוירן האב איך זיך ארומגעדרייט מיט א געפיל פון טרויער.

אזוי האב איך פארברענגט א שטיק צייט, ווען איך פרוביר צו אנטלויפן פון מיין שווערע לעבן, אבער די מציאות האט מיר כסדר צוריק געפעטשט אין פנים און איך האב אנגעהויבן שפירן מער ווייטאג און דרוק.

דאן האב איך געטראכט צו גיין סערווירן אין די אמעריקאנע ארמיי, אפשר דאס וועט מיך אנפילן מיין גייסט און פארגעסן פון מיין הוה און עבר.

עס האט מיר אבער נישט צופיל געהאלפן, און אויך דאן האב איך געשפירט מיינע ווייטאגן ווערן שווערער און שווערער, איך בין געווען אינגאנצן פארלוירן, איך האב זיך געטראפן צוריק דער יונגער לועס. איך באטראכט מיר און איך זע מיר אליין אין שפיגל, און ווי מער איך וויל אנטלויפן פון זיך, טרעף איך זיך מער און מער מיט א צובראכענער פארלוירענער לועס.

דאן בין איך געקומען צו א מצב ווי איך האב איינגעזעהן אז עס איז א שאד צו פרובירן אוועקלויפן פון זיך אליין, און פרובירן צו טרעפן הנאות פון עפעס אנדערש אין די וועלט, איך דארף זעהן עפעס צו טוישן אין מיר אז איך זאל טרעפן די הנאה אין מיר.

אין יענע טונקעלע מצב, דוקא דעמאלטס ווען איך האב אראפגעלייגט די געווער, איך לויף שוין נישט אוועק, עס איז נישטא ווי צו לויפן, דער וועלט פארקויפט גארנישט, האב איך זיך דערמאנט וואס איך האב געהערט אלס קינד, די מעשה ווען די אידן זענען געווען אין מצרים און זיי האבן קוים געקענט אטעמען פון די שווערע ארבעט, האבן זיי דעמאלט געשריגן צום אייבערשטן, איך האב געהערט די מעשה אלס קינד



סתם אלס א שטיק היסטאריע וואס איז אמאל געווען, נישט אויף עפעס זיך צו לערנען, אבער אין מיין יעצטיגער מצב פון צובראכנקייט און פארלוירנקייט האב איך געטראכט אז איך וועל אויך טון די זעלבע, און איך קליינער גוי לועס האב אנגעהויבן שרייען פון טיפעניש פון מיין הארץ "באשעפער העלף מיך!!!".

אין די זעלבע צייט אין א צווייטע פלאץ אויף די אנדערע זייט וועלט איז געווען א מיידל וואס איז דורך א ענליכע דורכגאנג אין איר לעבן, און וואונדער איבער וואונדער, א קורצע צייט נאך די מעשה ווען איך האב געשריגן צום אייבערשטן האט דער גרויסער באשעפער געפירט אויף א וואונדערליכן אופן אז מיר זאלן זיך טרעפן, איך האב גערעדט בלויז ענגליש און זי האט גערעדט בלויז ספאניש, מיר האבן נישט פארשטאנען אפילו איינער דעם צווייטנס שפראך, אבער ביז א גאר א קורצע צייט האבן מיר ביידע חתונה געהאט און אנגעהויבן א פרישע קאפיטל אין אונזער שטורעמישע לעבנסגעשיכטע.

מיר האבן איינאיינעם באשלאסן צו מאכן דאס בעסטע פון אונז, זאל זיין וואס זאל זיין.

איך האב אנגעהויבן זוכן און נישטערן אין ביכער און ווי נישט...

**אויב איר קענט צוריקגיין פאר א מינוט און דערציילן איבער די צייט וואס אייער מאמע איז געווען קראנק, און אויך אביסל מער וויאזוי זי האט אויפגענומען דאס אז איר זון ציעט צו אידישקייט.**

איך האב אסאך צייט פארברענגט מיט איר אין שפיטאל, און אזוי אויך אין די זעלבע צייט האב איך זיך אפגעגעבן מיט מיין אינגערער ברודער ער זאל האבן וואס ער דארף. אנפאנג פון די פרשה האב איך באמת נישט געוויסט וויאזוי זיך צו באגיין אין אזא מצב, איך האב נישט געהאט צו וועם זיך צו ווענדן, איך בין באמת געווען פארלוירן אין דעם מצב, שפעטער אבער ווען איך בין געוואויר געווארן אביסל פונעם אייבערשטן, ווי איר וועט באלד ליינען, געדענק איך אז איך האב איך אנגעהויבן רעדן צום אייבערשטן און אים בעטן אז מיין מאמע זאל ווערן געזונט און ארויסגיין פון שפיטאל. און איך האב באמת געזען ווי דער אייבערשטער העלפט און טוט ניסים.

שפעטער נאך מיין חתונה ווען זי האט געזען אז איך און מיין ווייב הייבן אן זיך אינטערעסירן אין אידישקייט, האט מיין מאמע מיר נישט געשטערט, ס'האט נישט אויסגעזען אז דאס באדערט איר.

מיט די צייט האט זי מיר אנטפלעקט א געוואלדיגע סוד - וואס דאס האט מיר ממש אויפגעשאקלט - אז זי איז גאר א אידיש קינד, זי שטאמט פון אידן, אבער זי איז נישט אריין אין מער דעטאלן איבער דעם, און פון וואו זי שטאמט.

שפעטער ווען איך האב געוואוינט אין טשילע - וואס צו דעם וועל איך צוקומען שפעטער מער באריכות - פלעג איך איר רופן יעדן טאג, און זי האט זייער הנאה געהאט דערפון.

איין טאג שמועסנדיג מיט איר, זאגט זי מיר אז זי איז זייער צופרידן פון דעם אז איך האב א משפחה, און אז איך גיי אויף די ריכטיגע וועג. דערנאך האט זי צוגעגעבן אז זי שפירט זיך גרייט איבערצולאזן די וועלט. דאס איז געווען זייער שרעקעדיג פאר מיר צו הערן, איך האב קיינמאל נישט געהערט פון איר אזאנע ווערטער. אבער איך האב גארנישט פארדעכטיגט עפעס נישט גוט.

ממש גלייך נאכדעם האט מען איר אריינגעפירט אין שפיטאל פאר פראבלעמען מיטן אטעם, איך האב געמיינט אז דאס איז גארנישט, ווייל זי פלעגט דאס אסאך מאל האבן פארדעם. אבער ממש קורץ נאכדעם האב איך



באקומען א רוף פון שפיטאל אז זי איז אוועק פון די וועלט. דאס איז געווען ממש נישט וואס איך האב געטראכט אז דאס גייט פאסירן מיט איר, און מיט דעם האט זיך געשלאסן איר קאפיטל אויף די וועלט.

## לאמיר אריבערגיין צו די חלק פון זיך מגייר זיין, וויאזוי האט איר עס גענומען צום קומענדיגן שטאפל, צו נעמען דעם שריט אויף למעשה?

איך וויל אנהייבן מיט א וויכטיגע הקדמה צו מיין גירות.

נאך מיין גירות האב איך זיך באגעגנט מיט אסאך מאמרי חז״ל סיי אין חומש, אין גמרא, און אין ספרי קבלה וואס האבן מיר ערקלערט פארוואס טאקע איך האב זוכה געווען פון אזויפיל אנדערע, זיך מגייר צו זיין.

איך האב געזען אין ספר נועם אלימלך, אמרי פנחס, ליקוטי מוהר״ן, ויואל משה, קדושת ציון, תפארת שלמה, די ליובאוויטשער רבי ז״ל, און נאך פילע הייליגע גרויסע רבי״ס וואס זענען מסביר די גרויסקייט און די יסוד פון א גר.

אבער אלע ברענגען ארויס איין שטארקע נקודה, אז עס איז א הייליגע פינק וואס פלאקערט אין זייער הארץ און וועלן נישט זיין צופרידן ביז זיי קומען אן צו זייער תכלית צו ווערן א טייל פון דעם אויסדערוועלטן פאלק.

עס איז דא וואס גייען אפילו ווייטער און זאגן אז עס ליגט אין זיי א אידישע נשמה ממש, נאר זיי האבן נישט זוכה געווען צו געבוירן ווערן ביי אידישע עלטערן, נאר געבוירן ווערן ביי אלגעמיינע גוי׳שע עלטערן און דארפן דורכגיין א תיקון ביז זיי קומען אן צו זייער אמת׳ע שורש.

מיט דעם וועט איר פארשטיין די קומענדיגע קאפיטל אין מיין לעבן.

איך האב אנגעהויבן זוכן און נישטערן מער איבער די תורה, איך האב זיך דאן פארשאפט א תנ״ך אין ענגליש און איך האב אנגעהויבן ליינען. ווי אינטערסאנט עס זאל זיך נאר הערן, ווען איך בין אנגעקומען צו א מצוה האב איך געשפירט ווי מ׳רעדט צו מיר, איך האב








געליינט אין ענגליש די פסוק פון דבר אל בני ישראל... ועשו להם ציצית, איך האב נאך דאן נישט געזען קיין אידן, און זיכער נישט קיין ציצית, אבער איך האב געוויסט ביי מיר אז איך דארף דאס טון. איך האב געלערנט פון כשרות המאכלים וועלכע בהמות זענען כשר, פון דאן אן האב איך נישט געקענט עסן קיין טריפה'נע בהמות. ווען איך האב געלערנט וועגן שבת קודש האב איך שוין נישט געקענט גיין ארבעטן שבת, און ווען איך האב געזען וועגן פאות, האב איך פון דאן אן נישט צוגערירט נישט צו מיין בארד און איבערגעלאזט די עקן פון די קאפ אלס פיאות.

איר דארפט פארשטיין, איך האב דעמאלטס נאכנישט געקענט קיין איין איד, איך האב געוואוינט און געווען ארומגענומען מיט גוים, און נישט נאר זיי האבן מיר נישט געגעבן חיזוק אויף וואס איך טו, נאר פארקערט זיי האבן געהאלטן אז איך בין געווארן אינגאנצן צודרייט. מיינע פריינד זענען מיר געקומען מסביר זיין אלע זייערע שיטות און סברות, זיי האבן נישט געקענט פארשטיין פארוואס איך טו דאס, אבער איך פון די אנדערע זייט האב געשפירט ווי איך האב געוווינען די לאטערי, איך האב געפינען א באהאלטענע אוצר.

דאס איז וואס אונזערע הייליגע צדיקים זענען אונז מגלה. וואס איז דען די חילוק פון מיר און מיינע גוי'אישע שכנים וואס האבן געטראכט אז איך בין נישט נארמאל? איך האב אויסגעזען ווי זיי, געבוירן ווי זיי, גערעדט די זעלבע שפראך, געגאנגען אין די זעלבע סקולס, פארוואס האבן זיי נישט פארשטאנען וואס איך האב זוכה געווען צו פארשטיין?

די תירוץ איז, ווייל איך האב א נשמה, און ווען איך האב געליינט וועגן מצוות האב איך געשפירט ווי עס רעדט צו מיר, מ'מיינט מיר, איך האב מיך געטראפן אין דעם, ווען אין דער זעלבער צייט האבן מיינע גוי'אישע חברים גארנישט געשפירט.

צוריק צו מיין לעבן. איך האב דאס אלעס נישט געהאלטן ביי מיר, וואס איך האב געזען און געלערנט האב איך דאס איבערגעגעבן אויך פאר מיין ווייב, און צוזאמען האבן מיר אנגעהויבן האבן מער און מער א געפיל צו א לעבן מיט תורה און מצוות, א העכערע סארט לעבן, מיר האבן דאס אינאיינעם געזוכט און שפיאנירט.

נאך אפאר יאר איז דורך וואס במשך די גאנצע צייט זוכן אונז פאר נאך און נאך אידישקייט. ביז עס איז געקומען צו א פלאץ וואס מיר האבן באשלאסן אז אויב מיר ווילן טאקע זיך מגייר זיין מוזן מיר וואוינען אין א סביבה פון ערליכע אידן שומרי תורה ומצוות, אבער מיר האבן נישט געהאט קיין השגה וויאזוי א אידישע קהלה זעט אויס, און וואו הייבט מען זוכן פאר אזא פלאץ.

מיר האבן זיך אביסל אינטערעסירט דא און דארט ביי וועם מיר האבן נאר געקענט, ביז מיר זענען געוואויר געווארן אז אין דעם ווייטן לאנד טשילא אין זייער הויפט שטאט סאנדיעגאו איז דא א קהילה וואס רופט זיך אש התורה, מיר האבן גענומען דעם וואנדער שטעקן, און זיך אויפגעהויבן מיט פעק און זעק צו נאך א טייל פון אונזער מ"ב מסעות, און מיר האבן זיך דארט באזעצט.

פאר א יאר צייט האב איך מיך געדרייט און אריינגעגלידערט אין יענע קהלה, איך האב דארט געדאוונט מיט זייער מנין יעדן טאג. ווען מיר האבן געשטיפט אז מיר ווילן צוזאמזעצן א בית דין ווייל איך בין דאך בכלל נאכנישט אידיש, איז עס קיינמאל נישט געקומען לידי מעשה.

זעענדיג אז דא אין טשילע איז נישט קיין תכלית פאר אונז, האבן מיר באשלאסן אז מיר דארפן צוריק מופן קיין אמעריקע און אויפזוכן א קהלה וואס וועט אונז קענען העלפן מיט די גירות פראצעדור.

מיר האבן אויסגעקליבן די שטאט פענסעלוועניע, ווייל איך האב געטראפן אינפארמאציע אז מיין משפחה האט אומיגרירט פון פראנקרייך קיין פענסעלוועניע אין די צייט וואס אסאך אידן האבן דעמאלט אומיגרירט. במילא האב איך געטראכט אז דארט וועל איך אפשר קענען בעסער טרעפן מיין אפשטאם. און אויך האב איך זיך דערוויסט פון אפאר אידישע קהלות וואס געפונען זיך אין פענסעלוועניע.

אז מען רעדט שוין פון מיין אידישע אפשטאם איז אינטערעסאנט אריינצוהאקן איבערדעם אז נאכדעם וואס מיין מאמע האט מיר אנטפלעקט דעם געוואלדיגן סוד אז איר משפחה זענען געווען אידן, האב איך אויך אין יענע צייט באקומען אינפארמאציע פון מיין פעטער אז ער ווייסט פאר א פאקט אז איך בין א איד. ער האט מיר געשיקט א יחוס בוים וואס ער האט געצאלט דערפאר אסאך געלט צו נאכגיין אלע דעטאלן פון וואו אונז שטאמען. אינעם יחוס בוים האב איך געטראפן אפאר אידישע לעצטע נעמען, וואס האבן אויך אומיגרירט פון פראנקרייך קיין פענסעלוועניע יענע צייט. הלוואי וואלט איך געטראפן מער קראנטע אינפארמאציע איבער מיין אידישע אפשטאם, אבער דאס איז ביזדערווייל וואס איך האב געטראפן.

צוריק צו מיין מ"ב מסעות – מיר האבן געמופט קיין העריסבורג פענסעלוועניע ווי דארט איז געווען א שיינע קהלה, דארט איז געווען גאר א וואוילער איד מו"ה אלישע פריעדמאן הי"ו, ער האט אונז געהאלפן פון די מינוט וואס מיר זענען אנגעקומען דארטן.

איר דארפט פארשטיין, איך בין אנגעקומען אלס א פרעמדער מענטש מיט א משפחה פון פיר קינדער און וויניגער ווי צוויי טויזנט דאלער אין טאש און גארנישט מער, עס איז דאן געווען אינמיטן די קאראנא תקופה ווי יעדע ריר איז אנגעקומען אסאך שווערער, אבער גוטע אידן זענען אלץ גרייט צו העלפן. מיר האבן זיך פלאצירט אין א האטעל צימער, און איך בין געגאנגען זוכן ארבעט צו קענען אהיימברענגען עפעס געלט צום לעבן, איך האב אנגעהויבן שניידן גראז פאר א לענדסקעפינג קאמפאני, איך האב דעמאלט געמאכט 14 דאלער א שעה. אבער צוביסלעך צוביסלעך האט דער אייבערשטער געהאלפן און איך האב באקומען א בעסערע ארבעט און בעסערע פאזיציע, ביז איך האב געעפענט א אייגענע קאמפאני אין די קאנסטראקשן פעלד, איך האב געשפירט ווי אין די טונקעלקייט באלייכט מיר דער אייבערשטער מיט ניסים.

אזוי האבן מיר געלעבט א שטיק צייט דארט אין העריסבורג, מיר האבן פרובירט צו זיין צופרידן די מערסטע

וואס איז שייך, די קהלה דארט איז געווען מער א מאדערנע קהלה, אבער די מענטשן זענען געווען זייער ווארעם צו אונז, און ר' אלישע פריעדמאן איז געווען זייער טיכטיג אונז ארויסצוהעלפן מיט די גירות. אבער די פראבלעם איז געווען אז דער בית דין וואס זיי ניצן געווענליך פאר אזעלכע פראצעדורן האט זיך נישט געוואלט צוזאמזעצן צוליב קאראנא, ער האט מיר געזאגט איך זאל זוכן א בית דין ביי די היימישע שטאט מאנסי, דארט איז מען נישט אזוי שטרענג מיט די קאראנא לאקדאונס. איך האב אנגעהויבן זוכן, אין אנפאנג האב איך געמיינט אז די בית דין דארף זיין אנערקענט דורך די מדינה הטמאה כדי עס זאל דורכגיין געשמירט, אבער ביי דער פונקט האב איך בלויז געקוקט אויף א הלכה'דיגער בית דין וואס וועט קענען מיר מאכן די גירות.

איך און מיין ווייב האבן דעמאלטס געמאכט גאר אסאך תפילה צום אייבערשטן, מיר האבן זיך שוין אזוי שטארק געוואלט זעהן אלס הייליגע אידישע קינדער, אונזער הארץ האט געגארט צו דעם געהויבענעם מאמענט ווען מיר וועלן ווערן א טייל פון דעם הייליגן אויסדערוועלטן פאלק, דער אייבערשטער האט צוגעהערט אונזערע תפילות און דאן האב איך זיך דערוויסט פון א רב מיטן נאמען הרב קאלאקאווסקי שליט"א וואס העלפט ארויס אין אזעלכע פעלער, איך האב אים אנגערופן און דערציילט וואס איך וויל, פרעגט ער מיר: "דו וואוינסט אין פענסילוועניע, דו רעדסט ספאניש, דו ווילסט זיך מגייר זיין, דו זוכסט א פרומע חסידישע קהלה, דו האסט נאכנישט געהערט פון רבי אברהם גאלדשטיין שליט"א?" זאג איך אים "ניין". האט ער מיר געגעבן זיין נומער, איך האב אים תיכף אנגערופן, ער האט מיר מורא'דיג שיין אויסגעהערט און מיר געלאדענט צו קומען פאר א שבת ביי אים אין סקרענטאן, פענסילוועניע.

איך האב אנגענומען די איינלאדענונג, איך בין אריבער געפארן קיין סקרענטאן וויילן דארט אויף א שבת. איך האב זייער הנאה געהאט פון די קהילה דארט, א קורצע צייט שפעטער האב איך זיך טאקע אריבערגעצויגן קיין סקרענטאן, כדי צו קענען אויספירן דאס וואס איך און מיין ווייב האבן געוואלט - ווערן א חלק פונעם עם הנבחר.

רבי אברהם האט אנגעהויבן לערנען מיט מיר, איך האב געדאוונט אין זיין מנין, איך בין געווארן זייער איבערגענומען פון אים אין פילע הינזיכטן, ער האט מיר זייער מקרב געווען, אויך מיין פאמיליע האט ער זייער מקרב געווען, ער האט געלערנט מיט מיינע קינדער, און זיך מורא'דיג אפגעגעבן מיט זיי.

אויך איז געווען דארט די ארטיגע רב הרב פיין שליט"א, דער מרא דאתרא פון סקרענטאן וואס האט מיר מורא'דיג געהאלפן אין יענע תקופה. און ברוך השם מזל טוב דער גליקליכער מנוט איז אנגעקומען פונקליך אין זיין באשערטע צייט, און דארט אין סקרענטאן זענען מיר געווארן פולקאם א חלק פונעם אידישן פאלק, דער עצם גירות איז פארגעקומען ביי א בית דין אין מאנסי, די שמחה וואס מ'שפירט אין אזא מינוט קען מען נישט באשרייבן, נאך אזויפיל יאר פון מאטערניש און פלאג האבן מיר געגרייכט דער מינוט און געווארן הייליגע אידישע קינדער.

## ווער האט אייך געגעבן די נאמען בניהו, און פון וואו קומט דער נאמען?

איך האב באקומען די נאמען בניהו ווען איך בין געווארן א פולקאמער איד, כאטש די לעצטע שטיק צייט פארדעם גייענדיג אנגעטון ווי א איד, האב איך זיך שוין אויך גערופן מיט א אידישע נאמען, וואס איך האב גענומען דעם נאמען שוין יארן פריער.

די מעשה האט זיך אנגעהויבן ווען איך האב געזוכט און געגישטערט איבער אידישקייט האב איך זיך איינגעהאנדעלט א קליינער תנ"ך אין ענגליש איך האב דאס אדורכגעלערנט פון אנפאנג ביזן סוף, איך געדענק ווען איך האב געלערנט דברי הימים, און איך בין אנגעקומען צו די חלקים וואס איז נישט קיין חלק פון די מעשיות, נאר מער די מוסר חלקים, איז עס געווען שווער פאר מיר צו לערנען, איך האב עס געוואלט אויסלאזן, און גיין צו די מער אינטערעסאנטע חלקים וואס האט מעשיות. אבער עפעס אינעווייניג אין מיר האט מיר געזאגט אז איך זאל דאס נישט אויסלאזן, נאר אלעס לערנען פון אנהייב ביז סוף.

ווי מער איך האב געלערנט איז עס מיר געווארן גרינגער און געשמאקער צו לערנען. דאן בין איך אנגעקומען צו די חלקים וואס עס רעדט זיך פון דוד המלך, איך האב דארט געליינט פון איינס פון דוד המלך'ס גבורים א איד מיטן נאמען בניהו בן יהוידע. עס האט מיר אנגעהויבן זייער צו ציען צו דעם בניהו זעהנדיג וויאזוי ער האט געהאלפו דוד המלך מיט אזא מסירות נפש.

איין טאג האט מיר איינער געלאדענט צו א י"ט כסלו פארברענג אין חב"ד און ביים פארברענג פרעגט מיר די רב "וואס איז דיין נאמען?" זאג איך אים "בניהו", פרעגט ער "דו ווייסט ווער בניהו איז געווען?" זאג איך "יא, ער איז געווען דוד המלך'ס רעכטע האנט".

זאגט ער "דו ווייסט וואס נאך, ער איז געווען דער אב בית דין אין יענע צייט, ער איז געווען א גאון בתורה, ער האט געהאקט געפרוווירענע אייז צו גיין זיך טובל'ען און זוכה זיין צו טהרה, ער האט געשריבן א גאנצע ספר תורה אין איין טאג!" און אזוי האט ער ווייטער אויסגערעכנט די גרויסקייט פון בניהו, און האט צוגעענדיגט מיט א ברכה אז איך זאל גיין אין זיינע וועגן, אויף וואס איך האב געענפערט אמן!

שפעטער האב איך געזען שטיין אז עלטערן באקומען א זעכציגסטל רוח הקודש ווען מ'גיבט א נאמען, האב איך געזען אז די נאמען וואס מ'באקומט איז טאקע א העכערע זאך.

צוריק קיין סקרענטאן נאך מיין גירות, מיר האבן זיך דארט זייער גוט איינגעגלידערט.

איך האב איניינעם מיט ר' אברהם רענאווירט א חלק פון די שול עס צו ניצן צו קענען מאכן א נאכט פראגראם פאר די קינדער אין א חסידישע אטמאספערע, וויבאלד במשך די טאג זענען זיי געגאנגען אין די ארטיגע ליטווישע חדר, וואס איז געווען א געוואלדיגע גוטער חד, אבער מיר האבן געוואלט אז די קינדער זאלן האבן א חסידישע לופט ארום זיך, ווי אויך האבן מיר געמאכט א זומער פראגראם פאר די חסידישע קינדער מיט די האפענונג עס

צו קענען ממשיך זיין פאר די גאנצע יאר.

ר׳ אברהם גאלדשטיין שליט״א האט באמת זיך אפגעגעבן מיט אונז מיט זיין גאנצע הארץ, און איך בין אים באמת מכיר טובה פאר זיין צייט און כח וואס ער האט אוועקגעגעבן פאר אונז. אזוי אויך די גאנצע קהילה איז זייער א געשמאקע און ווארימע קהילה. איך האב שוין געמיינט אז דאס גייט זיין די לעצטע סטאנציע פון די מ״ב מסעות, אבער דער אייבערשטער האט געפירט אנדערש.

## ווען און וויאזוי זענט איר אנגעקומען קיין ברסלב?

אין יענע צייט איז אנגעקומען איין טאג קיין סקרענטאן המפיץ הגדול ר׳ נתן יאקאבאוויטש שליט״א, ער האט מיר געגעבן אפאר קונטריסים פון כ״ק מוהרא״ש זי״ע און פון דער ראש ישיבה שליט״א, אויך האט ער מיר געגעבן קונטריסים אין ספאניש אז מיין ווייב זאל קענען ליינען. איך האב עס אנגעהויבן ליינען און עס האט מיר דערמאנט שיינע זאכן וואס איך האב שוין געהאט געהערט יארן פריער פון די שיעורים פון א תלמיד פון הרב שלום ארוש שליט״א, פון התבודדות און נאך שיינע זאכן, אבער זייענדיג פארנומען מיט מיין גירות האב איך נישט צוגעלייגט קאפ צו דעם, אבער יעצט נאך די אלע זאכן וואס איך בין דורכגעגאנגען האב איך דאס געטראפן כמוצא שלל רב, איך האב אנגעהויבן ליינען און טרינקען מיט דארשט די ווערטער, איך האב געזען אין דעם די פינטל אמת, די ריינע תמימות, איך האב אנגעהויבן פון פריש טון די שיינע עצות.

אין יענע צייט האבן מיר אויך געהאט א שוועריגקייט, פון איין זייט זענען מיר געווען העכסט צופרידן פון די קהלה אין סקרענטאן, אבער ווי מער די צייט איז דורך האב איך אנגעהויבן ווערן מער און מער אומגעדולדיג וועגן חסידישע מוסדות, עס איז געווען זייער א גוטע מוסד אין סקרענטאן, אבער עס איז געווען מער אויף די ליטווישע וועג, און איך האב געוואלט ווי מ׳זאגט א״לל די ווע״י - עד הסוף מיטן חסיד׳ישן טעם. אבער דער עולם איז געווען מער וויניגער צופרידן אויך מיט די ליטווישע מוסד, איך בין געווען אביסל פארלוירן







וואס איך זאל דא טון ווייטער אין לעבן, איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אן עצה וויאזוי זיך צו פירן, אויך מיין חשובע ווייב תחי' האט אסאך מתפלל געווען פאר די בעסטע חינוך פון די קינדער און פאר די גוטס פון אונז ביידע.

דאן איז אונז בייגעפאלן א געדאנק אז אפשר זאלן מיר גיין באזוכן קרית ברסלב, מיר האבן דאך שוין געלעבט מיט די עצות און געלערנט די ברסלב'ע ספרים, איז אפשר קען דאס זיין גוט פאר אונז. נאכן איבערגיין די צדדים, און נאכן מאכן התבודדות דערויף, האבן מיר אפגעמאכט אז די ערשטע זאך וועלן מיר דאס קודם גיין באזוכן, פון דארט וועט מען שוין גרינגער קענען מאכן אן החלטה וואס מיר האבן צו טון ווייטער.

מיר האבן זיך ארויסגעלאזט חול המועד סוכות, אן וויסן פון פאררעדעם וועם און וואס מיר גייען דארט אנטרעפן. דער מנהל מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א האט אונז גראד אויפגענומען צו קומען צו זיין סוכה. מיר האבן ארומגערעדט איבער מיין סוכה וואס איך האב, איך דערמאן מיך אז איך האב אים דעמאלט געזאגט אז קומענדיגע יאר וועל איך האב א גרעסערע סוכה, ווען איך וועל שוין זיין אם ירצה השם אין ירושלים עיר הקודש מיט משיח. האט ער מיר געזאגט אז דא אין שטעטל איז אויך דא א ירושלים, איין גאס הייסט מיט דעם נאמען, און דאס איז טאקע די גאס וואו מיר זענען טאקע אנגעקומען צום סוף אפאר חדשים שפעטער...

אזוי אויך האט ער אונז געלאדענט צו קומען אויף א שבת. אזוי אויך בין איך געווען א שבת ביי מו"ה שמעון קורדוזו שליט"א. און איין שבת ביי מו"ה העניך אינדיג הי"ו.

איך מיין איך דארף קיינעם נישט מחדש זיין, און מסביר זיין וואס מ'זעט ווען מ'קומט אן קיין קרית ברסלב - ליבערטי, מיר זענען געווען אזוי אנטציקט פון די ערליכקייט און פשטות וואס מ'לעבט דארט. איך געדענק אז דער ראש ישיבה איז געווען אין שטעטל אויף א שבת ווען איך בין דארט געווען געווען. מוצאי שבת נאך מעריב האבן מיר געהאט א לענגערע שמועס אין האשקי שול, נאך אינגעלייט האבן דאס מיטגעהאלטן, איך בין דעמאלט קלאר געווארן אין אסאך נושאים וואס איך האב נישט געהאט די קלארע מהלך ביז דאן.

אויך האט ער מיר געזאגט דעמאלט אז איך זאל נישט מאכן קיין שנעלע און נישט דורכגעטראכטע החלטות לגבי מופן, נאר איך זאל עס גוט גוט איבערטראכטן און מאכן התבודדות אויף דעם.

שפעטער האט ער מיר געזאגט אז אויב איך פלאן צו מופן דארף איך וויסן די תקנות פונעם שטעטל, איך האב אים אזוי אנגעקוקט און געווארט צו הערן וואס די תקנות זענען און לאמיר זען אויב איך קען דאס מקיים זיין. האט ער





מיר געזאגט אז די תקנה אין שטעטל איז אז מען מוז האבן שלום בית, נאר אזוי קען מען דא וואוינען.

שפעטער ווען מען האט אנגעהויבן צו רעדן וועגן מופן, בין איך אריבער צו די חדר, און געהאט א זיצונג מיטן מנהל מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א און אזוי אויך מיטן מנהל מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א און מו"ה רפאל פורסט הי"ו. זיי האבן אונז זייער ווארעם אויפגענומען און געוויזן די חדר מיט די קלאסן.

אזוי אויך איז מיין ווייב געזיצן מיט די מנהלת מרת לעזער תחי' וואס האט איר געוויזן די סקול און אלעס ארום.

שפעטער האט מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו חבר הנהלה מיר געוויזן די הערליכע דירה אויף די ירושלים גאס, און געפערעגט אויב איך בין צופרידן פון דעם. און די רעשט איז היסטאריע... היינט וואוין איך דא אין שטעטל, און איך האב נישט חרטה קיין איין רגע אויף דעם החלטה, איך און מיין משפחה האבן הנאה יעדע מינוט.

פון איין זייט קען מען טאקע זאגן איז געווען שווער די חלק פון נאכאמאל דארפן מופן, אבער מיר האבן געשפירט אזוי גליקליך און זיכער, מיר האבן דאך שוין געזען א גאנצע וועלט אינדרויסן, וואס מיר האבן דא געזען איז עפעס ספעציעל וואס מ'קען נישט באשרייבן, דאס האט געמאכט די גאנצע מופן אזוי לייכט און געשמירט.

## וואס קענט איר זאגן וועגן קרית ברסלב?

די שטעטל איז א הערליכער געשמאקע פלאץ.

דעם ערשטן טאג נאכן מופן איז מיין ווייב געווארן אויפגענומען גאר שיין דורך די שכנים, מען האט איר אריבער געברענגט א פיינעם פרישטאג, מזונות און נאך גוטע זאכן. און אזוי ווערט עס נאר בעסער און בעסער.

די חדר און די סקול זענען עפעס אויסנאם ספעציעל, מיין טייערער ליכטיגער זון דוד נ"י האט געפראוועט דא זיין בר מצוה אין ירושלים שול, אלע האבן אזוי שיין ארויסגעהאלפן צוזושטעלן די שמחה. און אלע מיינע קינדער זענען ארומגענומען מיט אזעלכע גוטע חברים. אויך וויל איך ארויס ברענגען א דאנק פאר די געטרייע מלמדים פון מיינע קינדער, אלע געבן זיך אפ גאר געטריי זיי מחנך צו זיין און זיי אויסלערנען וואס עס פעלט זיך אויס.

מיין חשובע ווייב תחי' האט זיך באקענט מיט טייערע גוטע פרויען דא אין שטעטל, אויך איך האב געטראפן דא אזעלכע גוטע ערליכע מענער מיט וועם איך האב זיך באקאנט געמאכט במשך די צייט.

די שטעטל איז אזוי שיין וואוקגעשטעלט מיט אלעם וואס עס פעלט זיך נאר אויס, חדר, סקול, שולן, מקוואות, איך קען זאגן אז די שטעטל איז ממש א גן עדן. עס שיינט ארויס די סייעתה דישמיא וואס באגלייט די ראש ישיבה אויף טריט און שריט.

אבער והעולה על כולנה מוז איך זאגן איז דאס וואס מיינע קינדער באקומען אין חדר, דאס איז די ריינע לויטערע אמונה אינעם אייבערשטן, די מלמדים לייגן דאס אריין אזוי שיין, און די מערסטע בין איך צופרידן צו זען אז עס מאכט זיי באמת פריילך, זיי קומען יעדן טאג פארציילן וואס זיי האבן געלערנט מיט א געוואלדיגע שמחה!

## וואס טוט איר פאר פרנסה דא אין שטעטל?

דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן, איך האב א קאמפאני אין פענסעלוועניע וואס גיבט זיך אפ מיט רענאוואציעס און איבערמאכן הייזער. אזוי אויך האב איך ברוך השם אייגענע דירות וואס איך פארדינג. דער אייבערשטער זאל מיר ווייטער באגלייטן אזוווי ביז אהער און שענקען הצלחה.

## צום שלוס, וואס וואלט איר געוואלט זאגן פאר אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר?

איך וואלט געוואלט איבערגעבן דאס וואס שטייט אין ליקוטי תפילות פון הייליגן רבי נתן זי"ע, און ווייזן אז דאס וואס מען בעט פונעם אייבערשטן ווערט אויסגעהערט און געענטפערט.

„הייליגער באשעפער, הער אויס דאס וואס איך בעט פון דיר, זיי מגלה די אמת פאר די גאנצע וועלט, העלף אז אלע אידישע קינדער פון איבער די גאנצע וועלט זאלן זיך צוריקקערן צו דיר, העלף אלע אידישע קינדער זאלן אנערקענען אז אידישקייט איז זיס און געשמאק, דו קענסט דאך באווייזן וואונדער, באווייז דיך צו די אלע וואס זענען ווייט פון דיר, זאלן וויסן אז זיי האבן א וועג צוריק, און דו ווארטסט אויף זיי."

ווען איך ליין די תפילה פון רבי נתן, קען איך נישט גענוג דאנקען דעם אייבערשטן אז איך און מיין משפחה האט דער אייבערשטער אויסגעהערט די תפילות און מיר האבן געטראפן דעם אייבערשטן, און אנערקענט אין אים, דער אייבערשטער האט מיט אונז געטון אזאנע חסדים, און אויסגעהערט אונזערע תפילות אויף יעדן מצב ביזן ווערן א פולקאמער איד.

דער אייבערשטער זאל אויסהערן די תפילות פון אלע אידישע קינדער און אונז ברענגען משיח צדקינו במהרה בימינו.

**אמן. א גרויסן יישר כח פארן וועקגעבן פון די טייערע צייט, און איבערגעבן אייער לעבנסגעשיכטע, פון וואס מיר זענען זיכער אז אלע וואס ליינען דאס וועלן זייער הנאה האבן. מיר דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר זענען א חלק פון אזא הייליג פאלק, און מיר וועלן פון פריש אנהייבן זיך צו פרייען מיט יעדע מצוה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן במתנה,**

**ווי אויך דאנקן מיר דעם אייבערשטן אז מיר זענען מקורב צו אזא רבי וואס דערמאנט אונז כסדר די גליק און פרייד אז מיר זענען אידן, און יא, מיר דארפן זיין פריילך מיט דעם אליין, מיט פשטות יהדות, מיר גייען מיט א קאפל, בארד, און פאות, מיר זענען ארומגענומען מיט מצוות, מיר האבן א הייליגע תורה מקובל דור פון דור ביז משה רבינו ביים בארג סיני, מיר האבן א העכערע סארט לעבן, ש'כח אייבערשטער אז איך בין א איד! ■**

ר' איד:

# ווי איז דיין מאסק?
# ווי איז דיין אחריות?



## טראג א מאסק!

## זיי זאגן קלאר: א מאסק אדער א פראסק!

**סאי'ז שוין באלד צו שפעט!**

יא, די צייט לויפט און שטעלט זיך נישט אפ פאר קיינעם, אבער מיר דערמאנען זיך אז עס איז שוין דורך א האלבע צענדליג יארן פון די תקופת קאראנא, א תקופה וואס די גאנצע וועלט, אלעס, ממש אלעס, ריזיגע מעכטיגע לענדער, ריזן ביזנעסער, גיגאנטישע פאבריקן, די גרעסטע שפיטעלער, הויכע פערזענליכקייטן, ממש ממש אלעס... איז ווייטער געפירט געווארן הערליך און שיין דורך דער גרויסער באשעפער פון די וועלט דער מנהיג לבירה, יעדע זאך מיט א פונקליכקייט אזויוויי ער פירט שוין זיין וועלטעלע פאר קרוב צו 6 טויזנט יאר.

וויאזוי האבן מיר מענטשעלעך רעאגירט צום גרויסן "קאוויד עפּאכע"? ווענדט זיך שוין וועמען איר פרעגט. וואס הייסט? זייער פשוט. אז איר ווערט פרעגן א איד וואס לעבט מיט א צדיק וואס דערמאנט אים יעדן טאג און יעדע רגע אז דער אייבערשטער איז דא נעבן מיר, ביי מיר, אין מיר, און איך קען זיין קאנעקטעד (צוגעבינדן) צו אים דורך מיין מויל, דהיינו, איך עפן אויף מיין מויל און איך רעדט צו אים, איך מורמל ארויס מיט מיינע ליפן אויף מאמע לשון אידיש "באשעפער, טאטע זיסער, העלף מיך". אזא איינער האט געקענט דורכשפאצירן די תקופת קאראנא מיט א רואיגקייט, באזעסנקייט, נישט צומישט און פארלוירן, נאר קלאר און דייטליך.

אבער אז איר ווערט פרעגן איינער וואס איז נאכגעשט אנגעקומען צום צדיק, און לעבט אריינגעטון אין נייעס, חכמות און ליצנות, זיין חיזוק נעמט ער פון הרב א', התעוררות גלייכט ער צו הערן פון הרב ב', שלש סעודות תורה גייט ער צו הרב ג', שבת הגדול צו הרב ד', שבת תשובה גלייכט ער צו הערן וויאזוי הרב ה' שניידט אריין מיט א מעסער אין די "היינטיגע יונגווארג", חינוך הבנים הערט ער פון מר... (PhD) מערידזש און פעמילי ליווינג פון מר.(LCSW)

אזא איינער שווימען ארויף אסאך מחשבות פון יענע תקופה,

# 5 יאר פון קאוויד נייצן

יואל נחמן גלויבער

# פורים תש"פ

עטליכע טעג פאר פורים האט אנגעהויבן צירקולירן שמועות איבער עפעס א ווייטוס וואס האט זיך אנגעהויבן שטארק פארשפרייטן אין "כינע". מ'האפט אז עס וועט זיך נישט אריבערכאפן קיין אמעריקע.

נאך פורים הערט מען שוין פון היימישע נעמען וואס זענען אנגעשטעקט מיט דעם ווירוס, אזש עס הייבט זיך אן פארשפרייטן מער און מער.

די נייעס חברה הייבן אן ווארפן א פחד אויפן ציבור אז עס איז נישט אזוי פשוט ווי מ'מיינט... מ'דארף זיך זייער היטן... צוביסלעך צוביסלעך הייבט דער עולם אן ארייננצופאלן אין פאניק.

# חודש ניסן תש"פ

חודש ניסן איז שוין ביים שוועל, די רעגירונג הייסט צוימען יעדע סארט פארזאמלונג צו מערסטנס 10 מענטשן, מ'מוז זיין אפגעריקט 'סאושעל דיסטענסינג' כאטשיג 6 פיס איינער פון צווייטן, יעדער מוז גיין מיט א מאסק אויף זיין פנים.

די פחד גייט אריין נעקסט לעוועל, שולן און מוסדות ווערן ליידער פארשפארט, מענטשן שפארן זיך איין אין די הייזער

עס הייבט אן ארומגיין שארפע מעסעדשעס פון ארגאנעזאציעס מיט שטרענגע ווארענונגען נישט צו זיין חס ושלום קיין אויבער חכם, לא תעמוד על דם רעך, ונשמרתם מאוד לנפשותיכם וכו' וכו'

די ווארענונגען ווערן שטרענגער, די געוועזן ראפ... די געוועלניכע וויליאמסבורג, בארא פארקער ווירבלדיגער ערב יום טוב גאסן זענען ליידיג, געשעפטן ליידיג אדער פארשפארט, און אנגעצויגענע מינע אויף די פנים'ער, עס ווערט "נארמאל" צו גיין מיט מאסקעס אין גאס.

דער מצב האט אנגעהאלטן פאר אפאר וואכן, מנינים האט מען פרובירט מאכן אויף פארטשעס און דרייוו וועיס, חדרים האבן געלערנט אויפן טעלעפאן, חתונות זענען פארגעקומען אין הייזער און וויבער שולן מיט א בלויזער מנין באטייליגטע.



# ל"ג בעומר תש"פ

קיין גרויסע הדלקות זענען נישט געווען, אבער דער עולם האט זיך אנגעהויבן צאמצונעמען און צוביסלעך אנגעהויבן ארויסקריכן פון די לעכער.

אזוי האט געגומען צייט, וואכן און חדשים, ביז צוביסלעך איז אלעס צוריק צו "נארמאל" דער עולם איז געקומען צו זיך.

מיר ברענגען אייך א צווייי זייטיגע אינטערוויו. צום ערשט האלטן מיר אפ א שמועס מיט א חשובער אינגערמאן, א פרישער מקורב ר׳ י.ג. הי"ו וואס וויקלט אונז אויף יענע תקופה פון קאראנא, אבער דאן איז ער נאכנישט געווען מקורב צום הייליגן רבי'ן, און ער דערציילט אונז וויאזוי ער איז זיך באגאנגען אין יענע תקופה.

דאן האלטן מיר אפ א שיינער שמועס מיט אונזער גוטער חבר וידיד כל בית ישראל דער חשובער מנהל הכולל מו"ה ר׳ משה ארי׳ שניטצלער שליט"א, וואס שילדערט אונז די טעג פון קאראנא מיט זיין אייגנארטיגע געשמאק, אבער והעולה על כולנה, מיט א העכערע בליק, מיט די גלעזער פון א תלמיד היכל הקודש, וואס האט מען געטוהן, געטראכט, גערעדט אין יענער תקופה, אט גארטלט אייך אונטער און האט בעז"ה הנאה פון א געשמאקער שמועס!

**א גוטן ר׳ י. מ. וואס קענסטו דערציילן פון יענער אנהייב פון די תקופה די התחלת "ימי קאראנא"**

איך מיש צוריק דער זייגער מיט 5 יאר, איך בין דאן געווען א כולל יונגערמאן, געלערנט אין איינע פון די חשובע כוללים אין וויליאמסבורג, דאס לעבן איז אנגעגאנגען ב"ה רואיג שיין אזויווי געהעריג.

א וואך פאר פורים האב איך געהאט א חתונה אין די משפחה, עס איז געווען א גרויסע חתונה מיט אלע פיטשעווקעס, דער עולם האט נישט גע'חלומט וואס עס קומט ביז אפאר טעג ארום, ביי איינע פון די שבע ברכות האב איך שוין באמערקט א פעטער וואס זייפט זיך אפ די הענט ביים סינק, און איז מסביר פאר זיינע ארומיגע אז ער טוט דאס זיך צו היטן פון די נייע ווייררוס וואס דרייט זיך ארום, איך האב דאן אנגעהויבן הערן אז עס איז דא א ווייררוס אין טשיינע און יש אומרים אז ס'דא מענטשן אין אמעריקע וואס האבן דאס שוין אויך געכאפט.

פורים איז נאך אנגעגאנגען געהעריג, אבער תיכף נאך פורים האט אראפגעטראסקעט די באמבע, צוביסלעך צוביסלעך האט איך אנגעהויבן הערן אז דער האט עס, און דער אויך, איך האב אין אנפאנג נישט פארשטאנען וואס איז דאס אנדערש פון יעדע אנדערע ווייררוס ווי למשל די פלו, מ'האט עס און עס גייט אוועק, אבער די מצב אין גאס האט אנגעהויבן ווערן ערנסטער און מער אנגעשטרענגט.

מיין כולל האט געמאלדן אז דערוויייל איז נישטא קיין כולל ביז ... מ'האט אליינס נישט געוויסט וואס עס גייט פאר, עס האט געהערשט א געוואלדיגע צעמישעניש.

מיטאמאל האב מען געהערט אז די רעגירונג הייסט צושפארן שולן, מקוואות, חדרים, סקולס, איך האב נישט געוויסט צו ס'איז עכט, אדער איך חלום, אבער די שול אליין האט לײדער איבערצייגט פאר יעדן די ווארהייט ווען עס איז געהאנגען מודעות אויף די שולן אז עס ווערט ליידער פארשפארט ה"י, איך בין געווען שאקירט ווי שנעל מ'האט געפאלגט, דאס האט געמאכט טראכטן אז עס איז גאר נישט קיין געלעכטער, מ'דארף טאקע זיין שטארק דערשראקן.

**וואס האסטו למעשה געטון?**

ווי געזאגט, איך האב געזען די רעאקציע פון די רבנים און עסקנים האב איך פון דעם פארשטאנען אז עס האנדלט זיך טאקע פון א ערנסטע מחלה און מ'דארף זען זיך זייער צו היטן.

איך האב זיך דאן איינגעשפארט אין מיין (וויליאמסבורגע) הויז. מיין ווייב האט אהיימגעברענגט פון איר אפיס די קאמפיוטער, און זיך קווארטירט אין אונזער קליינעם דירה, איך בין נישט ארויס אין ערגעץ נאר פאר וויכטיג, אבער נישט אין שול, מקוה, כולל, וכו׳.

עס האט דאן אנגעהויבן ארומגיין גאר שארפע מעסעדשעס פון א געוויסער עסקן וואס האט אזוי אנגעשראקן דעם עולם, ער האט גערעדט קעגן די וואס האלטן זיך קלוגער פון יעדן און פאלגן נישט אויס די אנווייזונגען, לא תעמוד על דם רעיך, איך קען זאגן, דאס האט זיכער אסאך צוגעגעבן צו דער דעמאלטסדיגער פחד אין גאס.

אויך איז דעמאלטס ארומגעפארן אזעלכע מעסעדשעס מיט נעמען פון שולן וואס מ'איז געוואויר געווארן אז זיי זענען יא אפן באהאלטענערהייט, אז זיי לייגן אין סכנה גאנץ כלל ישראל און מ'וועט זיי פאר איביג געדענקען אלס די רוצחים וואס האבן מפקיר געווען אידיש בלוט, לחרפת ולדראון עולם.

עס איז אזוי אנגעגאנגען פאר אפאר לאנגע וואכן.

**וויאזוי האט אויסגעזען די גאס אין יענע תקופה?**

די גאסן זענען געוועןליידיג. ס'איז נישט געווען ווי צו גיין, דער עולם האט געלעבט אין פחד, מ'האט געהערט יעדן טאג נאך נעמען פון מענטשן וואס מ'האט אריינגעפירט אין שפיטאל, די שפיטעלער אליין זענען דאן געווארן א שרעקליכע מקום סכנה, עס האט נישט געמעגט זיין קיין באזוכער, ממילא האבן די איינגעשטעלטע געקענט טון מה שעולה על רוחם, ממש וואס זיי האבן געוואלט, זיי האבן נישט געטוהן זייער מינימאלער ארבעט, געלאזט מענטשן אויסגיין פון הונגער און דארשט, און זיי

האבן נישט פאר קיינעם געדארפט אפגעבן דין וחשבון, ווייל זיי זענען גאר געווען היראו"ס, העלדן אז זיי קומען נאך בכלל אריין צו די ארבעט.

אין אנפאנג האט מען דאס נישט געוויסט, האט מען אריינגעפירט יידער מענטשן רעכטס און לינקס, ווער עס האט געשפירט סיי וואספארא פראבלעם מיטן אטעמען אדער ענליך האט מען תיכף אריינגעפירט אין שפיטאל וואס איז געווען כמעט ווי א וואָ"ן ווע"י אי"ן, ממש א גזירה למיתה. ווען מען האט געכאפט וואס עס גייט פאר, האט מען אלעס פרובירט אז מען זאל נישט דארפן צוקומען אריינצופירן אין שפיטאל וואס ווי געזאגט איז דעמאלטס געווען א שטח הפקר און נאך ערגער.

מיין חבר האט מיר דעמאלטס מודיע געווען אז מ'האט אריינגעפירט סיי זיין שווער און אויך זיין שוויגער אין שפיטאל, מ'האט זיי תיכף ארויפגעלייגט אויף רעספירעיטארס, זיין שווער איז יידער אוועק נאך אפאר טעג, און זיין שוויגער האט דאס מיטן אייבערשטנס הילף איבערגעלעבט, זי איז זייער לאנג געליגן אין שפיטאל און כסדר געפרעגט ווי איר מאן געפינט זיך, מ'האט איר געענפערט אין א צווייטע אפטיילונג... ער ווערט בעסער... ערשט ווען זי איז אהיימגעקומען האט מען איר דערציילט די אמת.

וואו מ'איז געגאנגען האט מען געדארפט אנטון א מאסק אויפן פנים, געשעפטן האבן דאס דעמאלטס פארקויפט ווי א הויפט ארטיקל, עס האט געקענט קאסטן צוויי דריי דאלער א פאפירענע מאסק, שפעטער איז עס געווארן ביליגער.

### וואס איז געווען מיט חתונות?

אלע זאלן האבן זיך פארשפארט, עס איז געגאנגען צוביסלעך. איך געדענק מ'האט געשמועסט אז ביי פרדס פיגא און פרדס צבי הויבט מען אן צו צוימען וויפיל מענטשן קענען אריין, עס איז געשטאנען דארט שומרים, איך בין נישט דארט געווען, ס'איז נאר וואס מ'האט דעמאלטס גערעדט.

אבער עס האט נישט גענומען צו לאנג, און חתונות האבן אנגעהויבן פארצוקומען מיט בלויזע מנין אין הייזער, (ממש א קולט...) און אפילו דאס איז אויך געווען באוואכט און בסוד סודות ווי עס קומט פאר.

איינע פון מיינע חברים האבן דעמאלטס חתונה געהאט, עס איז פארגעקומען אין די ווייבער שול פון א בית המדרש, איך האב נישט געהאט קיין קלער אפילו צו גיין, למעשה רופט מען מיך אן אז מ'האט געבעטן למען שמחת חתן וכלה זאלן די חברים אריבערגיין נאכן מצוה טאנץ אביסל משמח זיין, איך האב זיך גע'יישוב'ט צו יא צו נישט למעשה זעמיר געגאנגען, 9 אזייגער איז שוין געווען נאך מצוה טאנץ, די מחותנים זענען געגאנגען מיט הענטשיך אויף די הענט, און מיר האבן געטאנצן אביסל, עס איז געווען טאקע א גוטע זאך פאר מיר צו טאנצן אביסל נאכן פארוויילן אזויפיל טעג ארום די פיר ווענט פון מיין הויז.

### פאר ווי לאנג איז דאס אנגעגאנגען?

א לאנגע צייט. ווען מען זיצט אינדערהיים איינגעשפארט זענען זאכן אויס אסאך לענגער, ממילא איז דאס געווען לאנג, און אויך שווער.

דורכאויס די ערשטע שטיק צייט האט מען גארנישט געהערט פון די רבנים, דאס האט שטארק צוגעגעבן צו די צעמישעניש וואס האט דעמאלטס געהערשט. ערשט נאך אפאר וואכן האט דער רב פון די געגענט ווי איך בין אויפגעוואקסן געגעבן א דרשה אויפן טעלעפאן ווי ער האט אדרעסירט די מצב, ער האט געוויינט רוב צייט פון די דרשה, צום סוף האט ער געענדיגט מיט דברי חיזוק. די שולן און חדרים האט מען דערוויל געלאזט פארמאכט.

דאן האט זיך אנגעהויבן פארמירן די טעלעפאן חדרים, ווי מלמדים האבן געמאכט קאנפערענצן מיט אלע קינדער און אזוי פארגעלערנט, אזוי האט מען צוגעגרייט די קינדער צו פסח.

### וואס קען מען דערציילן פון יענעם פסח?

דער עולם איז אריין אין פסח מיט געמישטע געפילן, פון איין זייט פחד און שרעק פון די קאראנא, פון די אנדערע זייט האבן מענטשן אנגעהויבן שטארק רעדן אז משיח

"אויך איז דעמאלטס ארומגעפארן אזעלכע מעסעדשעס מיט נעמען פון שולן וואס מ'איז געוואויר געווארן אז זיי זענען יא אפן באהאלטענערהייט, אז זיי לייגן אין סכנה גאנץ כלל ישראל און מ'וועט זיי פאר אייביג געדענקען אלס די רוצחים וואס האבן מפקיר געווען אידיש בלוט, לחרפת ולדראון עולם."



וועט קומען דוקא אין אזא סארט יאר, דאס איז געווען אונזער איינציגע טרייסט אין אזא מצב.

עס האט געהערשט דעמאלטס אזא התעוררות תשובה, מ'האט געזען אז עס איז גארנישט דא, די אלע מחלוקת'ער אז מיר זענען גרעסער, מיר זענען די עכטע, אלעס איז צופאלן ווי א זייפן בלאז, יעדער איז אינעם זעלבן פעקל... דעמאלטס איז טאקע געווען א גרויסע נייעס אז צוויי גאר גרויסע אדמורי"ם שליט"א, וואס די קהלה איז צוטיילט, האבן זיך נאך לאנגע יארן די ערשטע מאל אנגערופן אויפן טעלעפאן דורש בשלום זיין איינער דעם צווייטן.

מ'האט זייער געהאפט אז ביי יענעם יאר שפוך חמתך ווען מ'וועט עפענען די טיר, וועט מען עכט זען אליהו הנביא.

למעשה יענע יאר האט יעדער געמאכט פסח פאר זיך, קינדער זענען נישט אזוי סאך געגאנגען צו די עלטערן, מ'האט זיך דאך געוואלט באהיטן.

מנינים האט מען געמאכט אויף פארטשעס און בעק יארדס, אבער אויך מיט די אלע אנווייזונגען פון סאושע"ל דיסטענסינ"ג אז מ'זאל זיין אפגעריקט איינער פון צווייטן.

פאליציי איז דעמאלטס ארומגעגאנגען און ליידער צושטערט אסאך אזעלכע מנינים.

**וואס איז געווען די מצב נאך פסח?**

נאך פסח האבן זיך זאכן נאכנישט עכט געטוישט, אבער ווי לענגער די צייט האט זיך געצויגן, אלס מער האט דער עולם אנגעהויבן כאפן אז מ'נעמט אונז אויף א רייד (וואס די ברסלב'ע האבן שוין געכאפט גלייך ביים ערשטן טאג... אבער שוין, לאמיר זיך נישט בויען אויף יענעם...) שטילערהייט האט מען זיך אנגעהויבן צוזאמנעמען דא און דארט קליינע מנינים.

ווען עס איז געקומען ל"ג בעומר זענען נישט פארגעקומען די אלע גרויסע הדלקות וואס קומען פאר יאר יערליך במעמד אלופי אלפי ישראל, ווי למשל אין קרית יואל, ווי עס קומט יערליך פאר איינע פון די גרעסטע הדלקות אין די וועלט, איז דעמאלטס געפראוועט געווארן א סעודה אויף א פריוואטן שטייגער פאר געקליבענע אידן.

אין וויליאמסבורג זענען געווען געוויסע וואס האבן פרובירט מאכן הדלקה, פאר געוויסע איז עס געלונגען און פאר געוויסע איז די פאליציי אנגעקומען און געטיילט טיקעטס.

ווען עס האט זיך דערנענטערט צום גרויסן הייליגן יום טוב שבועות, האט דער עולם שוין געשפירט זאט מיט די אלע באגרעניצונגען, און מ'האט זיך שוין געוואלט ארויסזען אבער די רעגירונג אינסטאנצן האבן דעמאלטס געהייסן אז נאר זאכן וואס זענען עסענש"ל דאס מיינט גאר לעבנס וויכטיג מעגן זיין אפן, און אין די ליבעראלע ניו יארק האבן זיי בכלל נישט פארשטאנען אז ביי אונז אידן איז א בית המדרש זייער וויכטיג, דאס האט געעפענט די אויגן פאר אסאך אידן איבער די פארפוילטע ליבעראלע געזעצן, אין די צייט וואס די גוים האבן זיך שוין צוזאמגענומען פאר זייערע געמיינע מעשים, האבן זיי געהאלטן גאר א וואכזאם אויג אויף אונז היימישע אידן, אז מיר זאלן זיין געזונט, זיי האבן גאר

# 5 יאר פון קאוויד ניינצן

געמיינט אונזער טובה...

דאן האט א געוויסע אדמו"ר שליט"א אנגעקלינגען צום ווייסן הויז, און געפאדערט היתכן, אונז היימישע אידן ווערן געצילט דא אין ניו יארק פון די שטרענגע באגרעניצונגען, דאס איז געווען א פרייטאג, ווען דער דעמאלטס'דיגער און יעצטיגער פרעזידענט טראמפ האט דערקלערט אז יעדע רעליגיעזע פלאץ ווי מ'קומט דאווענען - להבדיל בין קודש לטמא-הייסט א עסענש"ל וויכטיגע פלאץ, וואס מעג לעגאל זיין אפן.

אבער דא אין די דעמאקראטישע ניו יארק איז גאנץ וויייניג אנגעאנגען פאר די ערוויילטע באאמטע וואס דער פרעזידענט זאגט, און זיי האבן זיך נישט גערירט פון זייער שטעלונג, האט מען דאן אנגעהויבן צוביסלעך - אונטער זייער נאז - צו עפענען שולן און חדרים וכו'.

זייער א אינטערסאנטער און מערקווירדיגע פונקט דארף מען ארויסברענגען, אין יענע צייט איז געווען א גאווערנער אין ניו יארק, ער האט געהייסן ענדראו קאומאו (יא, ער לויפט יעצט פאר מעיאר אין ניו יארק סיטי) ער האט דעמאלטס געמאכט א טעגליכע נייעס קאנפערענץ וואו ער האט אדרעסירט אלע תושבי ניו יארק, ער האט געגעבן אפדעיטס וואו זאכן האלטן, און ווער עס פאלגט אויס די בעסטע זיינע באפעלן. עס איז דאן געווארן זייער פאפולער זיינע אויפטריטן, און ער איז געווארן ווי א וועג ווייזער פאר אלע אנדערע שטאטן וויאזוי צו באהאנדלען א ווירוס, פארשטייט זיך אז ווי מער זיין פאפולעריטעט איז געוואקסן איז זיין גאווה מיטגעוואקסן מיט גרויסע פראצענטן, אזש אז מען האט אים שוין פארזיגלט ביי מאנכע אלסווייסערס אלס דער קומענדיגער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן, זיין כבוד איז געווען גאר גרויס אין לאנד, ער האט דאן ארויסגעגעבן א בוך וואס איז מסביר וויאזוי ער האט געפירט די מלחמה מיט קאראנא, פארשטייט זיך אן צו דערמאנען אפילו אז עס איז דא א גאט וואס פירט דער וועלט.

ער איז געווען אזוי בא'גדול'ט ביי זיך, אז ער האט זיך ערלויבט צו טייטלען אין געוויסע פעלער אויף היימישע געגנטער אז דארט איז די ווירוס זייער שטארק פארשפרייט, דער שפיץ איז געווען ווען ער האט זיך נישט געשעמט און ברבים גערעדט גאר געמיינע דברי כפירה אינעם אייבערשטן, און זיך געקרוינט ממש ווי א אפגאט ווען עס קומט צו קאראנא.

דער אייבערשטער האט דאן געוויזן פאר די גאנצע וועלט וואס מיינט משפיל גאים עדי ארץ, און ממש פונקט ווי המן, ווען ער איז שוין געווען ביים שפיץ האט דער אייבערשטער געפירט אז עס איז אונטערגעקומען א סקאנדאל ווי עטליכע פון זיינע שטאב ארבעטער האבן זיך אפגערעדט אויף אים, די רעדערייען זענען געווארן העכער און שטערקער, ביז זיינע אייגענע דעמאקראטישע פריינד האבן אנגעהויבן פארלאנגען אז ער מוז אפטרעטן, די דרוק איז געווארן שטערקער און שטערקער, זיינע בושות האבן אנגעהויבן צו וואקסן, ווען יעדן טאג קומען ארויס נייע פארשעמענדע אינפארמאציע אויף אים, אפילו דער דעמאקראטישער פרעזידענטביידן (ווער געדענקט נאך?...) האט אויך עמטליך פארלאנגט אז די סקאנדאלן זענען צו פארשעמענד און שלעכט און ער מוז אפטרעטן, צום סוף האט ער טאקע רעזיגנירט אינמיטן זיין טערמין און ארויס אבל וחפוי ראש.

עס איז געווען א שטארקע לימוד אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט.

צוריק צו די דעמאלטס'דיגער









**"דורכאויס די ערשטע שטיק צייט האט מען גארנישט געהערט פון די גרויסע, דאס האט שטארק צוגעגעבן צו די צעמישעניש וואס האט דעמאלטס געהערשט. ערשט נאך אפאר וואכן האט דער רב פון די געגענט ווי איך בין אויפגעוואקסן געגעבן א דרשה אויפן טעלעפאן ווי ער האט אדרעסירט די מצב, ער האט געוויינט רוב צייט פון די דרשה..."**

לעבנסשטייגער.

מען האט צושטאטליך אנגעהויבן עפענען שולן און חדרים, די פאליציי איז דעמאלטס ארומגעגאנגען מיט אן אכזריות און קענטליכער עשו שונא ליעקב, און אנגעדרייט כאאס ווי זיי האבן נאר געקענט.

אין יענע צייט איז געווען א מעשה אין א שטאט מיניאפוליס אין מינעסאטע וואו די פאליציי האט דערשטיקט א פארברעכער צום טויט, עס האבן דאן אויסגעבראכן פראטעסטן אין דער גאנצער לאנד ווי מ'האט זיך אנגענומען פאר די געמיינדע וואס זייערע זיידעס זענען אמאל געווען קנעכט אין אמעריקע, די סלאגאן איז געווען בלע"ק לייוו"ס מעטטע"ר, זיי האבן מארשירט איבעראל, אפילו אין די היימישע וויליאמסבורג האבן זיי מארשירט אין די טויזנטער.

ווי ווייטאגליך עס הערט זיך, האבן די אויטאריטעטן דאס צוגעלאזט און גאר מחזק געווען, ווען אין די זעלבע צייט האבן זיי ביי די היימישע אידישע געגנטער שטרענג אינפארסירט אז עס זאלן זיך נישט צוזאמנעמען מער ווי צען מענטשן, און פארשטייט זיך גיין מיט מאסקעס ווייל זיי זארגן זיך זייער פאר אונזער געזונט און וואוילזיין, זיי האבן געשיקט פאליציי אין די שולן, גראסעריס, פארקס אין די היימישע געגנטער.

די היפאקראטיע האט געשריגן מיט אלע פארבן.

איך בין דעמאלטס צוריקגעגאנגען אין כולל, אבער מען האט אונז געקענט מודיע זיין פון איין מינוט צום צווייטן אז מען זאל נישט קומען, ווייל פאליציי איז יעצט דארט.

**פאר ווי לאנג איז דאס אזוי אנגעגאנגען?**

דעמאלטס איז געווען א תקופה פון א שיינע פאר חדשים, וואס די אידישע צענטערן זענען געווען אפן אומלעגאל, עס איז געווען א שטאטע און לאנגזאמער טויש צוריק צום נארמאל וואס האט גענומען זייער לאנג, אפילו ביז כמעט א יאר נאך קאראנא האבן נאך חתונה זאלן געהאט זייטיגע טירן, און באדעקטע פענסטער...

און דא קום איך אריין מיט מיין פערזענליכע נס הצלה.

בערך א יאר נאך קאראנא האט דער אייבערשטער ברוב רחמיו וחסדיו געטון מיט מיר דער געוואלדיגער חסד חינם, און מיר מקרב געווען צו די דרשות פונעם ראש ישיבה שליט"א און מיין לעבן האט זיך געגעבן א דריי איבער פון גוט, צו אן א שיעור זייער גוט, איך האב אנדעקט אזא זיסער שיינער וועג צום לעבן אין אלע הינזיכטן, וואס מען קען רעדן שרייבן טעג און נעכט, און עס וועט נישט זיין גענוג צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן פאר דעם.

דעמאלטס האב איך אויסגעהערט






# 5 יאר פון
# קאַווידנ ניינצן

דרשות פון דער ראש ישיבה פון די צייט פון קאראנא און איך האב געטראכט צו מיר, וואס!?! עס זענען געווען מענטשן וואס האבן עכט אזוי געלעבט?! הלוואי וואלט איך געהערט אזעלכע שיינע דרשות אין קאראנא! אזעלכע זיסע פשוטע תמימות'דיגע אמונה ווערטער!

עס איז געווען ביי מיר א בחינה פון ויחד יתרו פון איין זייט האב איך מיר אזוי געפריידט און זיך באלעקט די פינגער, איך האב אין יענע שטיק צייט גארנישט אנדערש געהערט! איך האב אין א געוועגליכע טאג אויסגעהערט בערך 3 צו 4 שעה דרשות פונעם ראש ישיבה! איך קען נישט מסביר זיין דעם טעם וואס איך האב געשפירט, איך בין נישט געווען געוואוינט צו די סארט דיבורים, איך בין ממש דורך א מח שווענקונג.

אבער פון די אנדערע זייט האט מיר געשטאכן, וויאזוי אנדערש וואלט איך אנגעקוקט די גאנצע שרעקעדיגע קאראנא, איך האב ערשט דעמאלטס געהערט די קאראנא ניגונים וויאזוי דער ראש ישיבה האט ממש צובלאזן און חוזק געמאכט פון דעם קאראנא, און אריינגעשיינט דוקא אין דעם צייט ווען איך האב דאס אזוי שטארק געדארפט און נישט באקומען פון ערגעץ, די הייליגע זיסע ריינע אמונה.

אבער דער ראש ישיבה שליט"א לערנט אויס, אז מ'זאל קיינמאל נישט קוקן אויף צוריק, און ספעציעל פרישע מקורבים וואס טראכטן, אה, ווען איך זאל ווען הערן די שיעורים אלס בחור, אלס יונגערמאן, אלס זיידע וכו' דעמאלטס וואלט איך... אה, ווען איך וואלט ווען מקורב געווארן פריער וואלט איך נאך געקענט זען מוהרא"ש זי"ע... און די אלע מחשבות וואס קומען צוברעכן א מענטש דארף מען אוועקווארפן און וויסן אז דער אוצר ליגט אין מיר, יעצט, דא, ווי איך געפין זיך, און ניצן די אלע עצות וואס דער רבי האט אונז געגעבן צו זיין אן אמת'ער גליקליכער איד!!

מ'קען ווען ארויסגעבן גאנצע ביכער און בענדער וואס כלל ישראל איז דורך בתקופת קאראנא אבער איך מיין אז דאס איז אין גאר גאר קורצן ארויסגענומען די הויפט קרישקעלעך פון מיין דעמאלטס'דיגער קוק ווינקל.

**א גרויסן יישר כח פאר אייער צייט צו מאכן דעם אינטערוויו, דער עולם וועט בעז"ה זייער הנאה האבן צו ליינען און זיך צו לערנען!**

## און יעצט לאמיר זען וואס האט זיך געטון די אנדערע זייט מטבע... מו"ה משה ארי' שניטצלער הי"ו טיילט מיט קרישקעלעך מתקופת הקאראנא - בטעם היכל הקודש, אויב ביי אים האט אויך געהערשט די שרעק, טראמא, יאוש, פון יענע צייטן...

**א גוטן ר' משה ארי', וואס קענסטו אונז דערציילן פון די אנפאנג תקופת קאראנא?**

ס'איז געווען יענע שווארצע פרייטאג, איך האב שוין געהערט פון פארדעם אז ס'קומט עפעס... מ'גרייט צו טויזנטער בעטן אין מיימאנעדיס שפיטאל פאר די צוקונפטיגע געפאלענע... מ'האט דערשראקן דעם עולם אויף א נעקסט לעוועל.

יענע פרייטאג האב איך זיך אביסל אראפגעלייגט לכבוד שבת, ווען מיטאמאל הייב איך אן שפירן ווי ס'מ'יר נישט גוט, עס הייבט זיך מיר אן דאכטן אז איך אטעם נישט, עס איז געווארן ערגער און ערגער... איך הייב שוין אן צו זען אין מיינע מחשבות דעם טויט.

איך בין געווארן אזוי דערשראקן, אבער נישט פון די קאראנא, נאר ווייל איך האב געזען וואס פחד קען טון צו א מענטש, וויאזוי די נישט גוטע קענען איבערנעמען קאנטראל פון דעם מענטש.

איך האב דאן אפגעמאכט ביי מיר, זאל זיין וואס זאל זיין, יא טויט נישט טויט, איך מוז גיין צום צדיק. דאס איז די נעקסטע זאך אויף מיין טשעק ליסט, איך דארף גיין קיין ברסלב, ווען איז די נעקסטע געלעגנהייט? היינט נאכט.

בין איך ארויס פון מיין שטוב פרייטאג צונאכטס, און איך שפאציר אראפ בעדפארד עוועניו, די גאסן זענען געווען תהו ובהו, פוסט און ליידיג, אלע האבן זיך באהאלטן אין די לעכער, מען האט נישט געזען קיין מענטש. עס איז געווען א שרעק.

איך קום אן אין ישיבה און איך טרעף בערך 20 30 מענטשן, דערשראקן, עס הערשט א טויט שטילקייט.

דו האסט שוין אמאל געזען ווי א מענטש כאפט אן א שווארצע וואלקן און גיט דאס א צוברעקל? דאס האט דער ראש ישיבה דעמאלטס געטון.

ס'האט געהערשט א פחד אין שול, מ'האט געענדיגט דאווענען, דער עולם וויל אהיימגיין, און דער ראש ישיבה רופט אויס: קיינער גייט נישט אהיים. מ'קען נישט אזוי אהיימגיין! דער ראש ישיבה האט געליינט אונזערע פנימער און פארשטאנען



אז מיר זענען בלויז א שפיגעלע פון וואס עס טוט זיך אפ אין די גאס, און מ'דארף דא חזר'ן אמונה מיט א שטארקייט, דוקא אין אזא צייט לערנען און אריינשיינען אין אידישע הערצער די ליכטיגקייט און חיזוק פון הייליג'ן רבי'ן.

דער ראש ישיבה האט געהייסן צוזאם ריקן אפאר טישן, און יעדער האט זיך געזעצט צום שיעור.

איך וועל דיר זאגן דעם אמת, איך געדענק נישט אפילו וועלכע שטיקל דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט, אבער בלויז צו הערן דער ראש ישיבה פארלערנען, דאס האט מיר שוין בארואיגט.

עס האט מיר אזוי באנומען די עזות דקדושה! די גאנצע וועלט שרייט קאראנא! פחד! בהלה! צעמישעניש! און דא הער איך אזעלכע זיסע ווערטער, ממש ווי קאלטע וואסער אויף א דארשטיגע זעל.

איך האב דעמאלטס אביסל פארשטאנען די שיחה פון הייליגן רבי'ן אז משיח וועט איינעמען די וועלט אן קיין שאס פילוואר. א מינוט פארדעם איז געווען א שווארצע וואלקן, דערשראקענע מענטשן, און דער ראש ישיבה האט עס געגעבן א צוברעך, אבער א צוברעך! איך האב דעמאלטס געהערט די אנדערע זייט פון די מעשה, ביז דאן האב איך געהערט איין זייט מעשה, אז מ'דארף זיין טויט דערשראקן, און יעצט הער איך א זיסע שיינע ניגון, דער אייבערשטער פירט די וועלט! אה! פארדעם אליין האט זיך געלוינט צו מקורב ווערן, צו פילן אויף די אייגענע ביינער וואס עס מיינט לעבן מיט א צדיק.

נאך א קרישקעלע פון יענע שבת, דער ראש ישיבה האט מיר אנגעכאפט די הענט, און געזאגט: "געדענק דעם שבת ווייל מענטשן גייען פארגעסן". וכך הוה. מענטשן פארגעסן שוין, אלעס איז געווען פארשפארט, ליידער, שולן, חדרים, סקולס.

**וויאזוי האט א תלמיד היכל הקודש זיך אן עצה געגעבן מיט א מקוה?**

ש'כח אייבערשטער אז איך הער אויס מיין ראש ישיבה וואס לערנט מיר אויס וויכטיגע זאכן פארן לעבן, איינע פון די זייער וויכטיגע זאכן איז, גיין אין מקוה יעדן טאג.

עס זענען דעמאלטס געווען ערליכע אידן וואס טראץ די אומגעהויערע דרוק האבן זיי געלאזט אפן זייער מקוה, עס האט דאן געקאסט 10 דאלער יעדן טאג די מקוה, אבער איך פאלג וואס צדיקים לערנען מיר.

**קיינער האט דיר נישט אפגעשראקן, סכנת נפשות וכו'?**

מיינע אויגן זענען געווען געוואנדן צו דער ראש ישיבה, גארנישט אנדערש איז נישט אריין אין מיין קאפ. ווען איך האב געהערט די אלע ווילדע לאזונגען האב איך זיך גוט אונטערגעלאכט.

איך געדענק זיך דעמאלטס ארומגיין אין די גאסן פון בארא פארק מאכן הפצה, דער עולם איז געווען אזוי דארשטיג, יעדער האט דאך געדארפט א קליין לעפעלע חיזוק, דעמאלטס האט מיר איינער באמערקט פון פענסטער, ער האט געזען אז איך גיי נאך צדקה, האט ער געעפענט א קליינע שפאלט פונעם פענסטער און ארויסגעשריגן אין העברעאיש "בלויז פאר די חוצפה פון גיין יעצט נאך געלט אינדרויסן, פארדעם אליין גיב איך דיר נישט".

5 יאר פון
# קאוויד ניינצן

אבער ברוך השם מ׳האט געקענט זען דעם עולם נעמען גאר שיין.

**וואס איז געווען מיט די ברסלב׳ע חדר און סקול?**

ברסלב האט פראקלאמירט אז מיר טיילן ווייטער לופט צום לעבן, צו קענען דורכלעבן די ווירוס פארשטייט זיך, אין דעם איז אריינגערעכנט דאווענען יעדן טאג מיט מנין, אויסלערנען די קינדער אמונה, תורה ויראת שמים.

דער ראש ישיבה האט געגעבן די דרשות אין ישיבה, און געשריבן בריוו אז אין ברסלב טיילט מען עסן... דו ווייסט וועלכע סארט עסן?..

די פאליציי איז א שטיק צייט געווען גאר אגרעסיוו אין וויליאמסבורג, זיי זענען געגאנגען פון געשעפט צו געשעפט, און זיכער געמאכט אז מ׳פאלגט אויס אלע זייערע אנווייזונגען, זיי האבן געטיילט טיקעטס ווי ס׳האט זיך זיי געדאכט אז מ׳קומט נישט נאך די גיידליינ״ס, פארשטייט זיך נאר ביי די היימישע אידישע געגנטער, די פלעצער ווי מ׳קומט זיך צוזאם פאר נישט גוטע זאכן, דארט זענען זיי נישט אנגעקומען... איך מיין אז צום סוף האט מען מבטל געווען די אלע טיקעטס און שטראפונגען, אבער איך בין נישט זיכער, מ׳דארף עס זיכער מאכן ביי די נייעס אגענטורן.

על כל פנים, איין טאג האבן זיי זיך די פאליציי דערוויסט פון אונזער סקול, זיי זענען דאן אנגעקומען און געפרעגט, היתכן, קינדער נעמען זיך צוזאם לערנען אין אזא צייט פון סכנה.

די טיטשער דארט, האבנדיג די קאפ אויפן פלאץ, האט זיי געענטפערט, אז דא נעמט מען צוזאם מיידלעך פון די געגנט, און מ׳איז זיי מסביר וויאזוי טאקע אפצוהיטן די אלע געזעצן צו זיין באווארנט פון די קאראנא, - ממש ווי ביי די יוונים - ברוך השם זיי זענען געווען צופרידן און אפגעלאזט.

**וויאזוי האסטו באטראכט די לאקדאונס פון דיין קוק ווינקל?**

איך האב גלייך געשפירט אז מ׳טוט דא איבערגעטריבענע שריט וואס איז בכלל נישט הילפבאר אין אזעלכע פעלער, נאר פארקערט גאר, אבער די פחד און בהלה וואס האט דעמאלטסט געהערשט אין די גאסן האט נישט געלאזט טראכטן גראד און ריכטיג.

ווער בין איך בכלל געווען אריינצורעדן אין אזעלכע זאכן, דאס לאזט מען פאר דר. פאוטשי, ווער געדענקט נאך די נאמען? (אמאל געווען א העלד, געלעבט פאר די וועלט, און יעצט...)

איך וועל דיר זאגן אן אינטערסאנטע זאך וואס דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין די בריאה.

אלע גרויסע אקעאנען וואסער ריקן זיך כסדר, עס שטייט נישט אויף איין פלאץ, וויאזוי ריקט זיך עס? די וואסער אליין גיבט ארויס לופט, וואס ווערט א ווינט, און די ווינט ריקט די וואסער אהער און אהין. עס איז זייער אינטערסאנט, אזוי האט דער אייבערשטער געמאכט.

וואס געשעט ווען די וואסער ריקט זיך? ער האלט זיך פריש.

די זעלבע איז ביי דעם מענטש. כדי ער זאל זיין געזונט און פריש מוז ער ארויסגיין באקומען פרישע לופט, נייע לופט, נישט בלייבן מיט די זעלבע לופט איינגעשפארט אין א צימער, אפילו לאמיר זאגן ח״ו א מענטש האט א ווירוס וואס איז נישט גוט ער זאל זיין אויסגעשטעלט צו קעלט, מוז ער אבער נאך אלס זיין אפן צו פרישע לופט, עס איז נישט גוט אז עס צירקולירט די זעלבע לופט די גאנצע צייט און זיכער נישט זיין איינגעשפארט, ווער רעדט נאך פון אפאר וואכן?! אבער דער דעמאלטסט׳דיגער פחד און בהלה אין די אלגעמיינע גאס האט דאס נישט געלאזט טראכטן.

ש׳כח אייבערשטער אז איך האב א צדיק, וואס לערנט מיר כסדר וויאזוי צו האלטן מיין קאפ גראד, און וויסן אז דער אייבערשטער מאכט אלעס, און איך קען שטענדיג רעדן צו אים.

**לאמיר אריבערגיין צו די קאראנא ניגונים. ווי איך פארשטיי מאכסטו די גראמען?**

יא ברוך השם, די אלע ניגונים בכלל גייט צו אז דער ראש ישיבה קומט אויף מיט א געדאנק, און איך

**"דאס מיינט לעבן מיט א צדיק. דא האסטו עס געקענט זען קריסטאל קלאר. אין צייט פון בהלה און צעמישעניש יעדער לויפט זיך באהאלטן אין די לעכער, הערט מען די זיסע קול וואס דערמאנט אונז אז דער אייבערשטער מאכט אלעס, פירט אלעס, און נעמט קעיר פון מיך און פון דיך אויף יעדע קליינע ריר, דעס טוט דער הייליגע רבי מיט אונז."**

לייג דאס אריין אין גראמען אין א ניגון.

דער ראש ישיבה האט געזען ווי דער עולם איז אזוי דערשראקן און צומישט, און האט גלייך פארשטאנען וואס עס פעלט, איינער דארף פשוט דערמאנען דעם עולם אז דער אייבערשטער איז איבראל, אלעמאל, אויך ביי קאראנא.

איז מען דעמאלטס אויפגעקומען מיטן ניגון, 'די עצה פאר קאראנא איז אמונה, די עצה פאר קאראנא איז אמונה......' דאס איז געווען די ערשטע ניגון, מ'האט עס געמאכט אויף דער ניגון פון המעביר בניו, דערנאך איז געווען 'די עצה פאר קאראנא איז פאטשען מיט די הענט... דער אייבערשטער מאכט אלעס אליין, באלד קומט שוין די גאולה צו גיין, מיר וועלן דאס איבערלעבן...' און נאך שיינע מעסעדזשעס וואס דער ראש ישיבה האט ארויסגעשיקט אין פארעם פון א ניגון.

עס איז ארויס דעמאלטס זייער שטארק אויף די גאס די אלע ניגונים, ווייל ענדליך הערט מען אזעלכע זיסע פשוטע ווערטער וואס מ'פלעגט אונז בארואיגן ווען מיר זענען געווען קליינע קינדערלעך, יעצט האט מען געדארפט בארואיגן גרויסע טאטעס...

איך קען רעדן און רעדן וויאזוי דער ראש ישיבה האט פשוט געהאלפן מענטשן איבערלעבן קאראנא, וואס מענטשן האבן מיר דערציילט וויאזוי דער ראש ישיבה האט זיי געראטעוועט ביי קאראנא ממות לחיים!

## צום שלוס, וויאזוי טאקע האסטו עס געמאכט?

דעם מיינט לעבן מיט א צדיק. דא האסטו עס געקענט זען קריסטאל קלאר. אין צייט פון בהלה און צעמישעניש יעדער לויפט זיך באהאלטן אין די לעכער, הערט מען די זיסע קול וואס דערמאנט אונז אז דער אייבערשטער מאכט אלעס, פירט אלעס, און נעמט קעיר פון מיך און פון דיך אויף יעדע קליינע ריר, דעם טוט דער הייליגע רבי מיט אונז.

ווען מ'האט געפרעגט דער רבי, אז עס איז דא נאך אסאך ערליכע אידן אבער זיי רעדן נישט אזויפיל פון תפילה און התבודדות, עס זעט נישט אויס ווי אזא עיקר, האט דער רבי געזאגט, אמת זיי זענען ערליכע אידן אבער איך רוף זיי אן פליטעס (נישט מסודר אין קאפ), ווען משיח וועט קומען וועלן זיי ווערן זייער צומישט און דערשראקן, אבער מיינע לייט, וואס האבן מיך געפאלגט, אסאך גערעדט צום אייבערשטן און זיך מתבודד געווען, די וועלן זיין אזוי רואיג ווי נאך א זיסע שלאף.

אזא באגריף האט מען געקענט זען ביי קאראנא.

דו קענסט פרעגן די זעלבע זאך וועגן חתונה מאכן, וואס איז דאס אז א פשוטער פארדינער זאל דארפן חתונה מאכן זיין קינד פאר זיבעציג צו אכציג טויזנט דאלער?!? און דאס הייסט נאך ביליגערהייט... איז דען דא א גרעסערע טשטוש המוחין און נא"ן סענ"ס ווי דעם?!? אבער דא האלטן נאך מענטשן אינמיטן די בהלה, ממילא וועט מען אויפקומען מיט אלע מינע כעלעמע עצות ותחבולות, אבער נאר נישט די ברסלב'ע וועג...

אבער ברוך השם איך האב א צדיק, דער רבי מאכט מיר טראכטן וואס איז לעבן און וואס איז וויכטיג, אויף וואס דארף איך האלטן מיין פאקוס, און נאר דורך לערנען דער רבי"ס ספרים, און הערן די שיעורים קען איך האלטן מיינע אויגן גראד צום ציל, און נישט ווערן פארדרייט פון גארנישט.

און דער זעלבער צדיק האט מיר געלערנט וויאזוי צו האלטן מיין קאפ גראד ביי קאראנא, נישט ארייינצופאלן אין אומזיסטע שרעק, נאר לעבן צוגעבינדן צום אייבערשטן ווי א טאטע צו א איינציג באליבטער קינד.

## עפילאג

שכח אייבערשטער אז מיר האבן אייך געקענט ברענגען אזא שיינער דאפלטער שמועס איבער א תקופה וואס האט בשעתו געשאקעלט א וועלט, און איר האט געקענט לייענען און זען וואס דער רבי טוט מיט אונז פשוט 2025 אידעלעך, און דא האט איר די סוד וואס איר האט שוין פון לאנג געוואלט וויסן, וויאזוי מענטשן קענען שטיין פון דער זייט און זעהן דער וועלט מיט א ניכטערן בליק, אנגעפילט מיט אמונה אינעם אייבערשטן, און נישט ווערן איבערגענומען און פארלוירן פון קיין שום דרויסנדיגע השפעה אויך אין צייט פון בהלה, דאס איז ווי איבערצייגונג אינעם כח הצדיק אז עס איז קאי וקיים און די רבי מאכט פון אונז גאר שיינע זאכן!

לאמיר זען וואס מיר קענען טון אריינצוברענגען די שטארקע און לעכטיגע שיינע עצות פאר נאך אידישע קינדער, מ'קען נישט וויסן אז אפשר גייט יעצט פאר א קאראנא ביי דיין שכן אדער קרוב אינדערהיים, אפשר איז יעצט כאאס און בהלה, א ווירוס האט זיך אנגעשטעקט ביי דיין חבר אין מח, אפשר גייט דיין חבר אנגעטון מיט א שיינע מאסק, אינדרויסן זעט ער אויס געסעטלט, דו טראכסט ער דארף דען דעם רבי'ן? אפשר איז דאס א בלויזער מאסק און אינעווייניג איז ער אובד עצות, אינגאנצן פארלוירן, צובראכן, צומישט, און מיט א קארטל, גליון, קונטרס קען ער געוואויר ווערן פון די ברסלב'ע רבי'ס שיינע עצות וואס וועט אים מאכן שיינען און לייכטן און זיין א ערליכער פרייליכער רואיג'ער איד!

מיר האבן געטראפן א אוצר, דעם רבי'נס פייער, און געדענקט, פייער ווערט נישט קלענער ווען מען פארשפרייט עס, נאר אדרבה, עס ווערט שטערקער און גרעסער!

טייערע ברודער חזק חזק ונתחזק!! און א גוט יום טוב!

מיר וועלן זיך פרייען צו זעהן אייערע הערות, געדאנקען, וכו'. שיקט צו: yoelnachmen@gmail.com



# א מעשה
## פון א צדיק

# סְלַאוִויטָא דְרוּק

פַאר אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בּוּזְשֶׁעוֶוען הַשְׂכָּלָה אוֹיפְ'ן וֶועלְט, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן זֵייעֶרֶע בִּיכֶער כְּדֵי אַרַיינְצוּכַאפְּן תְּמִימוּת'דִיגֶע אִידְן אִין זֵייעֶרֶע טָמֵא'נֶע נֶעץ, אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן הֵיילִיגֶע סְפָרִים, וַוייל בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט הָאבְּן זֵיי אַרַיינְגֶעלֵייגְט דָארְט זֵייעֶרֶע פּוּסְטֶע רֵייד.

אִין יֶענֶע צַייט אִיז גֶעוֶוען צַדִיקִים וָואס הָאבְּן גֶעפִילְט אַז עֶס אִיז גָאר וִויכְטִיג צוּ עֶפֶענֶען אַן אֵייגֶענֶעם בֵּית הַדְּפוּס, אַזוֹי וֶועט מֶען זִיכֶער מַאכְן אַז עֶס גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דָארְט נָאר הֵיילִיגֶע אוּן אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע סְפָרִים. דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אָוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט דִי בֵּית הַדְּפוּס פוּן סְלַאוִויטָא וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּתְּפוּת פוּן אַפָּאר הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.

צוּם עֶרְשְׁט הָאבְּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ הֶערְלִיכֶע שַׁ"ס וָואס אִיז צוּכַאפְּט גֶעוָוארְן בַּיי אַלֶע הֵיימִישֶׁע אִידְן, דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן תַּנַ"ךְ, סִדוּרִים, סִפְרֵי חֲסִידוּת, אוּן נָאךְ. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ וֶועלֶעכֶע סֵפֶר עֶס הָאט נָאר גֶעשְׁמֶעקְט הַשְׂכָּלָה'דִיג הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעדְרוּקְט.

דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע מַשְׂכִּילִים הָאבְּן דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בֵּית הַדְּפוּס וָואס מַאכְט זִיכֶער נָאר אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן הֵיילִיגֶע אוּן אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע סְפָרִים, הָאבְּן זֵיי פְּרָאבִּירְט וָואס זֵיי קֶענֶען נָאר אָנְצוּמַאכְן צָרוֹת דוּרְךְ זֵיי מַסֶר'ן פַאר דִי רוּסִישֶׁע רֶעגִירוּנְג. אָבֶּער וָואס זֵיי הָאבְּן נָאר פְּרָאבִּירְט צוּ טוּן הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, אוּן אַזוֹי אִיז דִי בֵּית הַדְּפוּס אָנְגֶעגַאנְגֶען שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער.

דִי סִטְרָא אַחֲרָא הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אַז עֶס אִיז דָא אַזַא הֵיילִיגֶע אוֹר אוֹיף דִי וֶועלְט. הָאט פַּאסִירְט אֵיין טָאג אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג אַז דֶער בִּינְדֶער אִינֶעם בֵּית הַדְּפוּס - וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גוֹי - הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל אָנְגֶעטְרוּנְקֶען, עֶר אִיז גֶעוָוארְן שִׁיכּוֹר אוּן הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען אוּן אַזוֹי גֶעשְׁטָארְבְּן אוֹיפְן פְּלַאץ.

פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן אִינֶעם שְׁטָאט אִיז דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט צוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאסְטֶער שִׁיכּוֹר, אָבֶּער דִי מַשְׂכִּילִים הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּ דֶעם, אוּן אָנְגֶעמַאכְט אַ רַעַשׁ, אַז דָאס הָאבְּן גָאר דִי אִידְן אִינֶעם בֵּית הַדְּפוּס אָנְגֶעמַאכְט. זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי רוּסִישֶׁע רֶעגִירוּנְג פַארְצֵיילְן אַז דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים ר' שְׁמוּאֵל אַבָּא אוּן זַיין בְּרוּדֶער ר' פִּנְחָס הָאבְּן אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען דֶעם גוֹי צוּם טוֹיט. אוּן לֵיידֶער הָאט דִי רוּסִישֶׁע רֶעגִירוּנְג אָפְּגֶעקוֹיפְט דִי לִיגֶענְט, אוּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ פְּסַק אַז מֶען דַארְף זֵיי אַיינְשְׁפַּארְן פַאר דְרֵיי יָאר אִין קִיוּב, דִי רוּסִישֶׁע רְשָׁעִים הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעפַּיינִיגְט מִיט אַכְזָרִיוּת, אָבֶּער דִי צְוֵויי צַדִיקִים הָאבְּן עֶס מְקַבֵּל גֶעוֶוען בְּאַהֲבָה וִויסֶענְדִיג אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט!

נָאךְ דְרֵיי יָאר הָאט דִי רוּסִישֶׁע רֶעגִירוּנְג אוּנְטֶער דֶער רָשָׁע נִיקְאָלַיי דֶער עֶרְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ בַּאפֶעל אַז מֶען גֵייט זֵיי מִשְׁפָּט'ן מִיט שְׁלֶעק, עֶס גֵייט זַיין צְוֵויי שׁוּרוֹת פוּן בַּאוָואפֶענְטֶע סָאלְדַאטְן וָואס גֵייעֶן הַאלְטְן שְׁטֶעקְנֶעס מִיט רַייט שְׁמַייסֶערְס, אוּן דִי צְוֵויי צַדִיקִים וֶועלְן אַדוּרְכְגֵיין אוּן כַאפְּן הוּנְדֶערְטֶע קְלֶעפּ, אוּן אוֹיב גֵייעֶן זֵיי עֶס אַדוּרְכְלֶעבְּן גֵייט מֶען זֵיי שִׁיקְן קַיין סִיבִּיר פַאר זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן.

עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִין יָאר תקצ"ט אִיז דִי פְּסַק אוֹיסְגֶעפִירְט גֶעוָוארְן, מֶען הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעטוּן, אוּן צוּגֶעבִּינְדְן זֵייעֶר הֶענְט פוּן אוּנְטְן, אוּן זֵייעֶר פִיס הָאט מֶען אוֹיךְ צוּגֶעבִּינְדְן מִיט אַייזֶענֶע קֵייטְלֶעךְ אַז זֵיי זָאלְן דַארְפְן גֵיין שְׁטַייטְלִיךְ.

אֵיין זַאךְ הָאבְּן דִי צַדִיקִים אַיינְגֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל זֵיי לָאזְן טְרָאגְן זֵייעֶר קַאפְּל אוֹיפְן קָאפּ. אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן אַדוּרְכְגֵיין, אוּן עֶס אִיז גֶעפְלוֹיגְן מַכּוֹת רֶצַח פוּן אַלֶע זַייטְן. דֶער עֶרְשְׁטֶער אַדוּרְךְ צוּ גֵיין אִיז גֶעוֶוען ר' שְׁמוּאֵל אַבָּא אוּן עֶר הָאט עֶס אַדוּרְכְגֶעלֶעבְּט, עֶס אִיז מַמָּשׁ גֶעוֶוען אַ נֵס.

וֶוען ר' פִּנְחָס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אִיז פְּלוּצְלִינְג זַיין קַאפְּל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, וִויבַּאלְד זַיין הַאנְט אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעבִּינְדְן הָאט עֶר עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֵייבְּן, אָבֶּער מִיט אַ אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע קָאפּ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, אִיז עֶר פָּשׁוּט גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין, אוּן אַזוֹי שְׁטֵייעֶנְדִיג הָאבְּן דִי סָאלְדַאטְן מִיטְן גַאנְצֶע אַפֶּעטִיט אַרַיינְגֶעשְׁמִיסְן אַכְזָרִיוּת'דִיגֶע מַכּוֹת, אוּן אֵיינֶע פוּן דִי סָאלְדַאטְן הָאבְּן אִים גֶעשְׁלָאגְן אוֹיף זַיין רֶעכְטֶע אוֹיג פוּן וָואס עֶר אִיז לֵיידֶער בְּלִינְד גֶעוָוארְן אוֹיף דִי אוֹיג זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן. לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אֵיינֶע פוּן דִי סָאלְדַאטְן זִיךְ מְרַחֵם גֶעוֶוען אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיין קַאפְּל, אַזוֹי אִיז עֶר אַדוּרְךְ דִי צְוֵויי שׁוּרוֹת פוּן מַכּוֹת רֶצַח.


מסכת
עבודה זרה
מן
תלמוד בבלי
עם פירושי ותוספות ופסקי תוספות ורבינו אשר ופסקי הרא"ש ופירוש המשניות מהרמב"ם ז"ל
הרב אלפסי
חכמת שלמה
מהרש"א
מהר"ם
מעדני יום טוב ודברי חמודות
בסלאוויטא
בשנת

וִויבַּאלְד עֶר הָאט בַּאקוּמֶען שְׁטַארְקֶע וֵוייטָאג אוֹיף זַיינֶער אוֹיגְן הָאט מֶען אִים אַרַיינְגֶעפִירְט אִין שְׁפִּיטָאל. דִי גֶעטְרֵייֶע גוּטֶע פְרֵיינְד הָאבְּן צוּגֶעזֶען דִי גָאר גְרוֹיסֶער יְסוּרִים וָואס דִי צְוֵויי צַדִיקִים הָאבְּן, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען שְׁתַּדְלְ'ן בַּיי דִי רֶעגִירוּנְג אַז מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט שִׁיקְן קַיין סִיבִּיר, אוּן זֵיי הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶע'פּוֹעֶלְ'ט בַּיים קֵייזֶער נִיקְאָלַיי דֶעם אַכְזָר אַז אַנְשְׁטָאט סִיבִּיר גֵייט מֶען זֵיי אַרַיינְלֵייגְן אִין תְּפִיסָה פַארְן לֶעבְּן אִין שְׁטָאט מָאסְקֶעוֶוע.

דִי צְוֵויי צַדִיקִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַלֶעס מְקַבֵּל גֶעוֶוען בְּאַהֲבָה. אַזוֹי אִיז אַדוּרְךְ זִיבֶּעצְן יָאר פוּן שְׁמַאכְטְן אִין תְּפִיסָה. אִין יָאר תרט"ז נָאךְ וָואס נִיקְאָלַיי דֶער רָשָׁע אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן אֲלֶכְּסַנְדֶר דֶער צְוֵויטֶער אִיז גֶעוָוארְן קֶענִיג פוּן רוּסְלַאנְד, הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן אַ בַּאפְרֵייאוּנְג פַאר אַלֶע אַרֶעסְטַאנְטְן, דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי צְוֵויי צַדִיקִים אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה, קְרַאנְק אוּן שְׁוַואךְ. זֵיי זֶענֶען צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין סְלַאוִויטָא. דְרֵיי יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז ר' פִּנְחָס נִפְטָר גֶעוָוארְן אִין שְׁטָאט סְלַאוִויטָא, אוּן אַכְט יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַבָּא נִפְטָר גֶעוָוארְן אִין שְׁטָאט טֶעפְּלִיק.

מוֹהֲרַ"ןא"ש הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אַז אִין אַלֶע דוֹרוֹת הָאט מֶען גֶעהַאט צָרוֹת פוּן דִי גוֹיִם יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם וָואס הָאבְּן בַּאפוֹילְן צוּ פַארְבְּרֶענֶען דִי גְמָרָא, אוּן לֵיידֶער הָאבְּן זֵיי מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ פַארְבְּרֶענֶען טוֹיזֶענְטֶער סְפָרִים, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע קֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן בִּפְרַט גְמָרָא. אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אַלְץ זֶענֶען גֶעקוּמֶען צַדִיקִים מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז דִי תּוֹרָה זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְגֶעסְן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט' עֶרֶךְ גְמָרָא)



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## קי"ט

### פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט אַז זַיין פֶּעטֶער, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע גֶעפוּנְט זִיךְ אִין טוּלְטְשִׁין, הָאט עֶר גֶעהֵייסְן צוּגְרֵייטְן אַ וָואגְן וַוייל עֶר וִויל פָּארְן צוּ אִים. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוָואלְט מִיטְפָּארְן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶער נִישְׁט גֶעלָאזְט. אִין יֶענֶע צַייט וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען בַּיי זַיין פֶּעטֶער, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען בַּיי ר' יוּדְל, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן בַּיי אִים זֶענֶען גֶעוֶוען כְּתָבִים, אָפְּגֶעשְׁרִיבֶּענֶע תּוֹרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נָאךְ פוּן אֵיידֶער רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶענוּמֶען דִי כְּתָבִים צוּ לֵיינֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעקוּקְט דֶערִינֶען דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת, אוּן כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע נַאכְט. אוּן דַאן הָאט עֶר זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז יֶעצְט הָאט עֶר אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט מְקַיֵּים צוּ זַיין וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן צוּ זַיין אוֹיף צְוֵויי טֶעג מִיט אַ נַאכְט, וַוייל דִי גַאנְצֶע נַאכְט הָאט עֶר מְעַיֵּין גֶעוֶוען אִין דִי כְּתָבִים, אוּן צוּמָארְגְנְס וֶועט דֶער רֶבִּי דָאךְ צוּרִיק קוּמֶען אַהֵיים אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט צוּ שְׁלָאפְן, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועט עֶר דַארְפְן אַהֵיימְפָארְן אוּן עֶר וֶועט וַוייטֶער נִישְׁט קֶענֶען שְׁלָאפְן. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, אִיז רֶבִּי נָתָן צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ זַיין שְׁטָאט, קַיין נֶעמִירוֹב.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, הָאט זִיךְ ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁטַארְקְן דִי מְנִיעוֹת פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אוֹיף אַ שְׁוֶועדֶע פַארְנֶעם. זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט הֶערְן פוּן אֵיין זַאךְ, אַז עֶר זָאל טוּן עֶפֶּעס פַאר פַּרְנָסָה.

זַיין גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע אִיז גֶעקוּמֶען רֶעדְן צוּ אִים, מְ'הָאט אַסַאךְ פְּרוּבִּירְט אִים אִיבֶּערְצוּרֶעדְן עֶר זָאל גֵיין אַרְבֶּעטְן אוּן מַאכְן גֶעלְט, זֵיי הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט אִים, "שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָארְן וָואס דוּ בִּיסְט אוֹיף קֶעסְט בַּיי דַיין טַאטֶע, אוּן יֶעצְט לֶעבְּסְטוּ אִין אַזַא שְׁטַארְקֶע אָרֶעמְקֵייט, וֶוען וֶועסְטוּ שׁוֹין עֶפֶּעס טוּן פַאר דִיר אַלֵיין? פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער? מִיר וֵוייסְן טַאקֶע אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר שְׁטַארְק נָאר אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, פוּן דֶעם קֶענְסְטוּ זִיךְ טַאקֶע נִישְׁט שֵׁיידְן.

מִיר ווִילְן אָבֶער נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט גֶענְצְלִיךְ אוֹיפְהֶערְן לֶערְנֶען תּוֹרָה, חַס וְשָׁלוֹם, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען מִיר אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַן עֵצָה אַז מִיר וֶועלְן אַרוֹיסְדִינְגֶען פַאר דִיר אַ גֶעשֶׁעפְט, דַיין וַוייבּ וֶועט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין גֶעשֶׁעפְט, דוּ וֶועסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט דַארְפְן פַארְנֶעמֶען מִיט דֶעם, נָאר אֵיין זַאךְ דַארְפְסְטוּ צוּזָאגְן, אַז דוּ וֶועסְט פָּארְן קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב אוֹיף אַיינְצוּקוֹיפְן דִי סְחוֹרָה. אוּן כָאטְשׁ וָואס דוּ וֶועסְט טַאקֶע דַארְפְן אַוֶועקְגֶעבְּן פַאר דֶעם צוּמָאל עֶטְלִיכֶע טֶעג, וֶועסְטוּ אָבֶער לְכָבוֹד דֶעם הָאבְּן אִינְצְוִוישְׁן לַאנְגֶע גוּטֶע צַייטְן וָואס דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שְׁטֶערוּנְגֶען פוּן קֵיינֶעם אוּן פוּן גָארְנִישְׁט, דוּ וֶועסְט קֶענֶען לֶערְנֶען פְלַייסִיג אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי דַיין הַארְץ בַּאגֶערְט אָן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען".

אַזֶעלְכֶע סָארְט גֶעדַאנְקֶען אוּן טַעֲנוֹת הָאבְּן זֵיי כְּסֵדֶר גֶערֶעדְט מִיט אִים, רֶבִּי נָתָן הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חֵשֶׁק דֶערְצוּ, אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה הָאט בֶּאֱמֶת נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע צַייט וֶוען זִיךְ צוּ טַעֲנֶה'ען מִיט אִים, וַוייל אַ גַאנְצְן טָאג אִיז עֶר גֶעזֶעסְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען עֶסְן הָאט עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּהַאלְטְן אֲפִילוּ נִישְׁט אֵיין מִינוּט מֶער פוּן וִויפִיל סְ'הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְזָרֵז גֶעוֶוען גְלַייךְ צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם לֶערְנֶען אוּן צוּ זַיין עֲבוֹדַת ה'.

דִי מִשְׁפָּחָה הָאט דַאן בַּאשְׁלָאסְן אַז מְ'וֶועט שִׁיקְן צוּ אִים זַיין שְׁוָואגֶער, זַיין וַוייבְּ'ס בְּרוּדֶער, אַז עֶר זָאל רֶעדְן מִיט רֶבִּי נָתָן אִיבֶּער דֶעם.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה



געספאנסערט דורך:
נסיעה
טרעוועל

שמואל אייכנשטיין

# דער צדיק פון באפעלא



# הרב ראבינאָוויץ נפטר געוואָרען

מר. יעקב שילער, פון באפאלא, מעל־
דעט אונז אז הרב הג' ר' יוסף ראבינא־
וויץ איז דארט נפטר געווארען לעצטען
מאנטאג. דער פערשטארבענער איז זייט
צוויי יאהר געוועזן רב פון אלע אנשי
ספרד ונוסח האר"י ז"ל. ער איז געוועזן
א גרויסער למדן און בקי און דערצו א
בעל מדות טובות. אלע שוהלען פון בא־
פאלא זיינען געווען פערטרעטען ביי דער
לוית.

# פאַרוואָרט

געווען איז עס נאך בעפאר עס איז ארויסגעקומען דעם הערליכן 'מעבדות לחירות' פראיעקט פארגאנגענעם יום טוב פסח העבר עלינו לטובה, ווען אונזער - קיינמאל צופרידן פון טון גענוג - רעדאקטאר אברהם הערש נ"י האט שוין אנגעהויבן טרייבן אז מען דארף זיך נעמען אין די הענט אריין און אריינטאנצן אינעם נעקסטן פראיעקט, וכך הוה, תיכף נאך וואס דער מעגא פסח אויסגאבע איז אריין צום דרוק, איז געקומען א מעסעדזש ווי פאלגענד "וואס איז דיין פלאן פאר שבועות?".

יעצט אזוי, גיין שרייבן נאכאמאל אז מען איז געגאנגען און געפארן און געקומען איז דאך שוין געווען לעצטע מאל, און ווער ס'וויל שטארק קען ארויסנעמען דעם פארשטויבטן בלעטל פונעם פסח קאך און עס איבערליינען.

איז מען געגאנגען זוכן און מטכס עצה זיין ביי פולע אידן איבער וואס קען דען זיין גענוג אינטערעסאנט פאר אונזער היימישע עולם וואס זענען גארנישט קיינע נאראנים און ווילן נישט פאלן פאר עפעס וואס איז נישט פון דער העכסטע ניווא. איז געבליבן אז מען דארף טרעפן א פלאץ אדער געדאנק וואס וועט פארציילן פארן עולם אינטערעסאנטע זאכן.

מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אויפן יאגד צו טרעפן עפעס גוטס, אויפן בילד קענט איר זען א זיצונג וואס איז אפגעהאלטן געווארן אינאיינעם מיט די רעדאקציע פון די בלעטל אין סאמע טאג פון אסרו חג פסח אין שטוב פון מו"ה שמואל בער שניצלער הי"ו, בשעת טויזנטער אידן זענען געווען פארנומען צו שנעל אויפעסן די לעצט פארבליבענע פסח'דיגע קעיק כדאי נישט עובר צו זיין אויף בל תוסיף, איז מען שוין ביים בלעטל געווען פארנומען צו פלאנירן העפטיג וואס איר זאלט ליינען הארט נאכן עסן די טשיז קעיק שבועות.

דארט ביי ר' בערל נ"י אינדערהיים איז ארויפגעקומען גאר גוטע געדאנקען איינס נאכן צווייטן זאכן וואס וואלטן געקענט זיין גאר אינטערעסאנט און באלערנד, אבער איין זאך איז ארויפגעשווימען דערנאך וואס יעדע געדאנק איז ארויפגעקומען אויפן טיש און דאס האט אראפגעווישט אלע געדאנקען פון די מאפע, און דער סיבה וואס האט אפגעהאלטן פולע צוקונפטיגע פראיעקטן גייט ווי פאלגענד.

עס איז פארהאן אויף דער וועלט א ראש ישיבה וואס רעדט איינמאל און נאכאמאל און נאכאמאל אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט און מען דארף טון זיינע געבאטן, און נאר אויב מען פאלגט וואס דער אייבערשטער הייסט האט מען א גוט לעבן, אינדערצווישן נאך אסאך שיינע זאכן וואס מען קען הערן ביי די הערליכע שיעורים וואס דער ראש ישיבה שליט"א גיבט פאר אונז כסדר.

אלס רעזולטאט פון דעם, איז געבליבן אז מען קען נישט פארן צו א פלאץ וואס קען זיין אפילו נאר אביסל א שאלה אז ס'וועט זיין א פראבלעם פון שמירת עיניים, בפרט יעצט ווען די זוממער קומט שוין אן און די גאסן פון פילע פלעצער ווי מיר האבן געקלערט פון באזוכן הייבן אן אויסקוקן אזוי ווי זיי קוקן אויס ליידער, האבן מיר איינשטימיג באשלאסן אז אונזער ארגינעלע פלאן פון פארן קיין מאנהעטן באשרייבן א ספעציפישע גאר אינטערעסאנטע צייט אין אידישע היסטאריע פון אמעריקע איז אראפ פון טיש, ניטאמאל ווילן מיר עס ארויפברענגען אויפן געדאנק, אפילו נאך עטליכע גאר רייכע געדאנקען איז געווען אויפן טיש גרייט - הערליכע אינטערעסאנטע זאכן וואס האבן בלויז געווארט אז מיר זאלן קומען און עס באשרייבן, האבן מיר באשלאסן אז מען וועט עס אוועקלייגן פאר א שפעטערדיגע צייט.

האבן מיר זיך צוריקגעזעצט צום עדיטאריעל טישל און גענישטערט אהין און צוריק און מיטן כח פון זיך צוריקהאלטן פון טון זאכן וואס מען טאר נישט און נאכן בעטן דעם אייבערשטן פאר גוטע געדאנקען, האט דער אייבערשטער פאר אונז אריינגעשיינט א מורא'דיגע געדאנק וואס וועט מיט'ן באשעפער'ס הילף ברענגען אן אינפארמאטיווע אינטערעסאנטע באשרייבונג לכבוד יום טוב, דער געדאנק איז איינגעפאלן אין די לעצטע מינוט, נאכדעם וואס ס'האט אויסגעקוקט אז מיר ווילן נישט האבן וואס צו געבן פאר די ליינער וואס ווילן לכבוד שבועות נישט אריינברענגען קיין פרעמדע ליינווארג און האלטן די שטוב ריין פון כל מיני מכשולות, און מען קען עס בלויז תולה זיין אין די פולע תפילות



**אשרינו שיש לנו ראש ישיבה כזה!**

# דער צדיק פון באפעלא

וואס אונז אלע האבן געמאכט אז מען זאל קענען צושטעלן פאר אנ"ש שיינע אינטערעסאנטע זאכן צו ליינען פאר יום טוב, אן קיין שום מכשול פאר אונז און פאר אונזערע ליינער.

איז לאמיר אייך פארשטעלן "דער צדיק פון באפעלא" וואס ווי איראניש ס'הערט זיך איז דאס א היפש באקאנטער צדיק אבער אין די זעלבע צייט א גאר אומבאקאנטער צדיק, ווען רוב אידן אפילו פון די וואס פארן כסדר מתפלל זיין אויף זיין ציון ווייסן ניטאמאל זיין נאמען און בעיקר, וואס זוכט א רב בישראל א גדול בתורה, א ריכטיגער חסיד'ישער רבי אינעם פארשטופטן באפעלא? מיר ווילן מיטן אייבערשטן הילף זען ווער דער צדיק איז געווען און ווי אזוי ער איז אנגעקומען קיין באסטאן, דאס אידישע לעבן אין באסטאן, און בעיקר דער חורבן וואס קומט ארויס ווען מען לייגט נישט אריין קיין כוחות אין חינוך פאר די קינדער. די פולע רעפארם טעמפלס און קאנסערוואטיווע סינעגאגעס וואס האבן געפירט צו דעם הערליכער ארטאדאקסישן שול ווי דער צדיק איז געווען רב און וואס איז ליידער געווארן דערפון.

לכבוד חג השבועות שטעלן מיר צוזאם די אלע ארטיקלען אינאיינעם אין א פראיעקט צו באקאנט מאכן דעם הייליגן "צדיק פון באפעלא".

אשרינו שיש לנו ראש ישיבה כזה!

## די רייזע

"ס'איז געבליבן אז מען פארט קומענדיגע וואך זונטאג אבער מיר ווייסן נאכנישט וואו, שבועות קומט שוין און מען דארף זיך געבן א שאקל" האב איך געזאגט פאר ר' יואל וועבערמאן נ"י ווען די צייט האט אנגעהויבן דרוקן אויפן געוויסן, און אלע אונזערע פריערדיגע אפציעס זענען אראפ פון טיש. "אברהם הערש נ"י זאגט אז אין פיר וואכן דארף מען גיין צום דרוק און מען קען עס נישט מאכן שפעטער".

ס'זעלבע איז געווען מיט ר' ישראל דוד העסקל, איך האב אים גערופן זאגן אז מען פארט.

איי, פרעגט זיך די שאלה ווי מען פארט? כ'ווייס נישט, אבער דאס איז קלאר אז נאך וואס מען האט סוקסעספול באוויזן דעם פארגאנגענעם יום טוב אהערגעשטעלט א רייכע אויסגאבע און מען האט באווארפן די רעדאקציע מיט קאמפלימענטן מוז מען פארקוקן פון אלעס און ברענגען נאכאמאל שיינע זאכן פאר אנ"ש.

דאן האבן מיר פארברייטערט אונזער פראיעקט ווען מיר האבן איינגעלאדנט דער מולטי-טאלאנטפולער מו"ה בנציון ברוין נ"י זאל אריינטאנצן אינעם פראיעקט און אונז ארויסהעלפן ווען ס'וועט זיך נאר אויספעלן, אויך מיט די זעלבע מהלך פון פריער, אים אנגערופן אן געזאגט אז מיר האלטן אינמיטן אויסארבעטן א מעכטיגע גדאנק, אבער חוזק זענען מיר געווען ווען מיר האבן נישט געוואוסט וואס צו זאגן ווייטער קיין דעטאלן, שוין, כפרת עוונות.

אבער ברוך השם אז בשעת'ן רעדן מיט ר' אברהם הערש א טאג דערויף איז אריינגעקומען א בליץ "מען פארט קיין באפעלא". אברהם הערש איז ברוך השם א פארשטענדליכער איד און מיר האבן זיך צוזאמגערעדט, מיר האבן געשמועסט אביסל און דערנאך האט מען אנגערופן יעדן עקסטער און זיי דערציילט פון די אנטוויקלונגען, צוזאמגערופן א טעלעפאנישע זיצונג יענעם אויפדערנאכט ווי מיר האבן אינאיינעם אויסגעארבעט עפעס א שטיקל פלאן, און מען האט זיך גאר מחזק געווען אז דער אייבערשטער וועט העלפן.

אזוי האט מען אנגעהויבן פלאנירן ווייטער ווי אזוי עס צו מאכן אינטערעסאנט און באלערנד, דער עיקר פראבלעם האט געשטעקט אין די בילדער חלק, ווען פאר פילע ליינער, בפרט די אינגערע, איז גאר וויכטיג עס זאל זיין אינטערעסאנטע בילדער, און פון באפעלא איז נישטא היינטיגע צייטן ליידער פון וואס צו כאפן בילדער, האבן מיר אנגעהויבן זוכן ווי עס קען זיין וויזואל אינטערעסאנט פארן ארטיקל, מיר האבן אנדעקט אן אנטדעקעניש אז הארט דערנעבן פון באפעלא געפונט זיך די וועלט בארימטע ניאגרא פאלס, וואס איז באקאנט צו זיין פון די גרעסטע נפלאות הבורא וואס מען קען נאר זען און ווערט באטראכט



אסרו חג מיטינג



די ניאגרא וואסערפאל

דורך געוויסע ווי דער וועלטס אכטע וואונדער, מיר האבן עס גראד ארויפגעלייגט אויף די ליסטע און באשלאסן אז דארט וועט מען גיין טאקע דאס ערשטע פלאץ.

דאס האט ארויפגעלייגט נאך א שטאפל צום ארטיקל ווייל אלס א געוועזענער קאנאדישער איינוואוינער האב איך באשלאסן אריינצוכאפן דעם גאנצן מיטקומענדן עולם אין מיין פאסטקע און זיי אלע אריינשלעפן קיין קאנאדע פאר עטליכע מינוטן, כאפן בילדער און שנעל צוריק פארן קיין אמעריקע. איך האב טאקע געלאזט מעלדן פאר אלע אז מען זאל אנגרייטן די פאספארטן און זיכער מאכן אז עס איז נאך פעליג, און ח"ו נישט פרובירן אונטערצוברענגען די עקאנאמיע פון קאנאדע מיטן אריינברענגען סיי וועלכע פרוכט אדער ענדליכע שעדליכע זאכן...

ווען געוויסע האבן געוואלט אריינווארפן אביסל 'עקשאן' האבן מיר דעבאטירט אויב איינער זאל פארן פון פאראויס מיט עטליכע צובראכענע שטיינער און דאן וועלן מיר מאכן א 'היסטארישע אויפדעקונג' און טרעפן אלט פארלוירענע מצבות אינעם פארשטופטן באפעלא... דער פלאן איז נישט צושטאנד געקומען וויבאלד א תלמיד היכל הקודש וועט אין אפאר איבעריגע מינוט אריינשטופן א פרק משניות און נישט זוכן צו מאכן סענזאציעס...

אן עקסטערע יישר כח פאר אונזער רעדאקטאר וואס האט ארויסגעהאלפן מיט אלעם שלא על מנת לקבל פרס, און פולשטענדיג ארויסגעהאלפן בלב ובנפש צו ארויסברענגען דער ארטיקל צו רעאליטעט.

## תפילה פאר אלעס

צום ערשט האבן מיר אויסגערעכנט בערך ווי לאנג די וועגן וועלן נעמען און ווען די צייטן צו דאווענען קומען אויס, ווי ס'איז באקאנט ביי די יוצאי ישיבתנו הקדושה אז אן דאווענען מיט מנין איז נישטא קיין שום הצלחה פאר גארנישט.

ס'ערשטע האבן מיר געזוכט א בית המדרש אין באפעלא וואס דאס וואלט נאטורליך געווען די אינטערעסאנסטע, אבער מיט שוידער האבן מיר געזען ווי אזוי אידישקייט קוקט ליידער אויס דארט, ס'איז גאר לאכעדיג צו זען ווי א פלאץ מיט א פרוי אלס רב און א כאר פון פרויען מיט מענער און א חזן אן קיין קאפל פאררופט זיך אלס שול, ווי אזוי קען דען א פרוי זיין רב? דער ענטפער איז אז ווען דער פריערדיגער רב איז אוועק האט מען געזוכט א פרישע רב, איז אפיר געקומען אז די ספעציפישע מרת... האט גאר גוט געקענט די נוסח, ממילא האט מען איר גענומען אלס רב... ליידער ליידער.

די סך הכל פון מנינים אין באפעלא באשטייט פון צוויי מנינים אין צוויי באזונדערע חב"ד שולן אינעם געגנט, וואס איז אויך היפש פרי אינעם טאג, ווי אויך האבן מיר געזוכט א מקוה אינעם גאנצן געגנט און ארום און עס איז נישט געווען צום האבן, אדער קען גאר זיין אז עס איז בעצם יא דא, נאר די ארטיגע איינוואוינער זוכן עס צו באהאלטן פון די כסדר קומענדיגע באזוכער.

נמנו וגמרו אז מען גייט דאווענען ביי אונז אין קרית ברסלב מיטן ערשטן ותיקין מנין הארט פארן זון אויפשיין, און אזוי אויך אריין כאפן א טבילה אינעם היזיגער מקוה, אריינצוכאפן פאר די נייע גרויסע מקוה ווערט גרייט, און זיך ארויסלאזן אין וועג אריין תיכף נאכן דאווענען.

יעצט האט זיך אנגעהויבן א פרישע פרשה ווען צווישן אונז איז געווען געוויסע וואס האבן געוואלט זיך לאזן וואויל גיין מיט א גרויסארטיגע אויטא, אבער נאך אסאך היפיצירונגען איז געבליבן אז מיין רויטע קארעטע וואס איז באקאנט אלס דער 'פענסי קאר' וועט זיין אונזער מכניס אורח אויפן וועג.

ווי פארשטענדליך איז דאס אלעס געקומען מיט מאסן תפילות אויף שטאפלען ווי קיינמאל געזען בעפאר, ווי אויך האבן מיר זיכער געמאכט און אויסגעשטעלט די צייט פלאן אז ביינאכט זאל מען שוין זיין צוריק אינדערהיים בשעה טובה.

## חביבים ישראל

מוצאי שבת קודש פרשת תזריע-מצורע האבן מיר זיך געוואלט ארויסלאזן ערלעדיגן עטליכע קלייניגקייטן ווי למשל אנפילן דעם טאנק מיט ברענשטאף צו קענען ארויפארן



די טראמעטאזירנדע גרעניץ מיט קאנאדע

# דער צדיק פון באפעלא

תיכף נאכן דאווענען, האבן מיר געזען אז ס'האט זיך אונטערגערוקט א פאנטשער, וואס כשמו כן הוא מיין אונטערשטע רעדל האט זיך אנטזאגט פון ווערן אנגעבלאזן און זיך באזעצט מיט א מערהייט אויף דער ערד, כ'האב שוין געזען בהקיץ ווי די גאנצע נסיעה פארט כאדאראם, אבער ווען כ'האב געגרופן ידידי הרוצה בעילום שמו ארויסצוהעלפן מיט די סיטואציע, האב איך מיך דערמאנט אז אין דער ברסלב'ע שטעטל איז איינגעפירט אז ווען א איד דארף הילף ווערט אפילו די לבנה זיך אפהאלטן פון רוקן ווייטער אויפן האריזאנט ביז יענער איז א געהאלפענער, וכך הוה ביי אונז, ידידי נ"י האט אריינגערופן צו די הויפטקווארטירן פון 'חביבים' און בעפאר איך האט געקענט געבן א האפטשא זענען פיר אינגעלייט מיט די ווייסע זאקן - קענטיג אז ביי זיי איז אויך געווען שבת ממש יעצט - געווען ביים אויטא המדובר, זיי האבן אראפגענומען דעם חוצפה'דיגן רעדל און ארויסגענומען דעם נאגל וואס האט זיך באקוועם געמאכט דארט און געלאזט אלע לופט אנטליפן און אנשטאט דעם געלייגט עפעס אנדערש וואס זאל הערמאטיש פארשטאפן דעם לאך.

כ'וועל אייך זאגן דעם אמת, איך בין בשעת מעשה געווען אויפן טעלעפאן מיט ר' אברהם הערש נ"י צו פינאליזירן די לעצטע פארבליבענע הכנות ווי אויך צו אפרעדן מיט ר' אלי קנאלל פון 'נסיעה טרעוול' צו באשטעטיגן אז א 'נסיעה דארף גיין מיט "נסיעה"', איך האב בכלל נישט אנטייל גענומען אין די ארבעט פון מחנך זיין מיין רעדל, אבער ווען כ'האב געענדיגט מיט די באערדע און צוריקגעקומען זען ווי מען האלט האב איך חוץ זאגן א יישר כח און א גוטע וואך נישט געהאט מער וואס צו טון.

אנטשולדיגט פאר די שכנים וואס זענען געשטערט געווארן פון דעם הויכן לופט פאמפ צוריק אנצופילן דעם ליידיג פון לופט געווארענעם רעדל, מען האט ענק אלע געזען ארויסשטעקן דעם נאניע פון פענסטער אפגעזען ווי שטארק איר האט נאר פרובירט עס צו באהאלטן...

## גוט מארגן ליבערטי

ווער פארשטייט דען דעם געפיל פון אויפשטיין נאך א שלאף פון קוים צוויי שעה אריין אין א בריעדיגע מקוה מיט פנים'ער וואס בלויז מיטן קוקן פרעגן זיי "וואס טוען דא די בלעטל חברה אזוי פרי פארטאגס?"

ברך השם אז מיר האבן זיך דערוועקט נאך א גאר קורצע נאכט שלאף, ווען איך האב געגרופן דעם עולם זען אויב יעדער איז טאקע אויף איז די שמועס מיט ישראל דוד געגאנגען בערך אזוי.

אני הקטן: "העלא?", דער ענפער האט נישט געשפעטיגט צו קומען "אם אין אני לי מי לי, וכשאני לעצמי מה אני, ואם לא עכשיו אימתי." בכלל נישט פארשטייענדיג וואס ער וויל מיך זאגן האב איך פרובירט אן אנדערע טאקטיק ווי כאילו כ'בין טאמעוואטע "וואס?" זיין ענטפער איז געווען ווי פאלגענד "שמאי אומר עשה תורתך קבע אמור מעט ועשה הרבה, והוי מקביל את כל האדם בסבר פנים יפות."

און אזוי האב איך פארשטאנען אז ער איז שוין לאאאאאנג אויף און ער האלט טיף אינמיטן זאגן משניות.

ברסלבע קאמיוניקאציע...

דער FBI אגענט וואס הערט אונטער מיינע טעלעפאן רופן האט גראד ווייטער געשיקט דעם רוף צו זיינע אויבערהארן מיט א דיקע רויטע שטריך 'גאר פארדעכטיגט'... ערגעץ ביי די הויכע פענסטערס זענען פאראן אפאר אירע וואס האלטן נאך וואכן פון שלאפלאזע נעכט ביים פרובירן צו דעשיפרירן דעם נייעם קאוד...

פאר בנצי נ"י האב איך געגעבן א ברייטהארציגע טרעמפ פון ירושלים קיין האשקי, ווי מיר זענען אנטפאנגען געווארן מיט פולע גוט מארגנ'ס פון די אידן וואס שטייען אויף פרי און פון די אידן ביי וועם ס'איז נאך עכט מוצאי שבת אבער אזוי ווי מען דאווענט שוין שחרית האבן זיי באשלאסן אז מען גייט זיך מיטכאפן.

נאך א הערליכע שחרית און תיקון הכללי האבן מיר זיך תיכף ארויסגעזען פון בית המדרש. אזוי ווי ס'איז מקובל ביי אנ"ש צו טאנצן נאכן דאווענען, זענען מיר פשוט ארויפגעפארן האשקי און דענמען און געלאזט דעם קאר טאנצן אויף אלע לעכער זיך צו פרייען אז מיר זענען אידן, ברוך השם אז מיר האבן נאך טאג



**ביים מחנך זיין די רעדל**



**זיך ארויסלאזנדיג אין וועג אריין**

באזיגט דעם יצר הרע און אנגעטון טלית און תפילין.

## והיה ראשיתך מצער

צום ערשט ארויס פון שטעטל זענען מיר ארויף אויפן 17 די פארקערטע ריכטונג, דאס הייסט אז אנשטאט מען זאל אונז פירן קיין קרית יואל, מאנסי און אלע אנדערע פלעצער ווי שטעטל'ישע אידן פארן שטענדיג, זענען מיר געפארן אויף ארויף ווייטער פון די היימישע אידנטום, אגב מען קען דאנקען דעם אייבערשטן אז די שטעטל איז נישט ווייטער ארויף אויפן זיבעצן, ווייל גראד נאך שטעטל איז די וועג גאר געדרייעט און היפש מח שווינדל'דיג, צו דעם איז צוגעקומען אז כ'האב כסדר געקוקט אויפן שפיגל צום הינטערשטן טייל אויטא זיכער צו מאכן אז די מיטרייזענדע פירן זיך אויף ווי עס פאסט, ביז כ'האב געמאכט דעם דראסטישן באשלוס און אוועקגעדרייט דעם שפיגל אינגאנצן אויף ארויף.

נאך זיין אויף די וועגן אן ערך פון צוויי שעה האבן מיר זיך אפגעשטעלט אינעם טרויעריג בארימטן שטאט בינגהעמטאן, וואס איז גאר באקאנט פאר די וואס פארן ארויף אויפן שאסיי נומער זיבעצן און זענען די טאוולעך אז נאך אזויפיל און אזויפיל מייל איז בינגהעמטאן, אגב איז די שטאט באקאנט אלס דער טרויעריגסטער שטאט אין גאנץ ניו יארק סטעיט, פונקטליך פארוואס ווייס איך נישט.

אט דארט האבן מיר זיך אפגעשטעלט פרובירן צו מתקן זיין דעם פלאץ מיטן זיך וואשן נטילת ידים און מאכן אן ערליכע המוציא, פון דארט זענען מיר געפארן ווייטער א שטרעקע פון כמעט דריי שעה ווי מיר האבן געמאכט א קורצע אפשטעל פאר געזאלין אין א פלאץ וואס הייסט למספרם bath, כ'מיין אז פון דארט קומט די לשון "ער פירט מיך אין באד אריין". ביים אריינגיין און ארויסגיין האבן מיר געשפירט א היפשע קעלט וואס האט געפירט צו דעבאטעס אויב מען זאל מאכן אן אפשטעל קויפן עטליכע שאלן פארן עולם, מיט אביסל תפילה האבן מיר זיך דערזען הארט נעמען א גרויסע שאפינג צענטער וואס איין געשעפט נאכן צווייטן האבן געהאט אלעס חוץ פון שאלן, גם זו לטובה.

פון דארט זענען מיר געפארן ווייטער ארויף, דער וועג ווייזער האט אונז געגעבן א וועג וואס האט דערמאנט פון די וועגן קיין אומאן, א שמאלע געסעלע מיט ריזיגע ליידיגע פעלדער אויף ביידע זייטן מיט הויכע בערג פונדערווייטנס.

אויפן וועג זענען מיר אדורכגעפארן די שטאט באפעלא אבער זיך נישט אפגעשטעלט נאר ווייטער געפארן מיט ציל צו דערגרייכן קאנאדע וואס שנעלער.

מיינע מיטרייזנדע האבן זיך געלאזט הערן אויף די העכטע טענער אבער נישט מיט טענות נאר מיט הויכע בלעטער גמרא, אזש ווען אברהם הערש נ"י האט אריינגערופן אייניגע שעות אריין אינעם רייזע האט זיך אים געדאכט אז מיר האבן געטראפן אן אלטע שול ערגעצוואו און מיר האבן זיך אריינגעזעצט אהין פארברענגען דעם טאג...

אגב איז געווען א מורא'דיגע מעשה פון תפילה אויפן וועג, ווען מיר זענען ארויסגעפארן פון ליבערטי איז געגאנגען א שטיקל רעגן וואס האט פארשווערט די זע קראפט ביים פארן, אבער ווי מער מיר האבן זיך דערנענטערט קיין קאנאדע איז עס צוביסלעך געווארן שוואכער און שוואכער, עס האט אינגאנצן אויפגעהערט רעגענען הארט ביים גרעניץ.

## וואוילע קינדער ווארטן שיין

ווען די טאוולען האבן געוויזן אז מיר זענען שוין אין דער שטאט ניאגרא האבן מיר די ערשטע זאך געהערט, דאס הייסט אז פאר מען קען זען סיי וועלכע זכר פון סיי וועלכע וואסערפאלן, קען מען הערן דעם נאטורליכן גערויש וואס מיליאנען גאלאנען וואסער מאכט ווען זיי פאלן אראפ און קלאפן זיך אן אויף די אונטערשטע וואסערן, אזוי זענען מיר אריינגעפארן טיפער אריין צו דעם גרעניץ פון קאנאדע וואס געפינט זיך פונקט אינמיטן שטאט.

צו מסביר זיין מער פונקטליך וואס דא גייט פאר, די שטאט ניאגרא איז צעטיילט מיט א וואסער וואס לויפט אדורך פונקט אינמיטן שטאט, אינמיטן די וואסער געפינט זיך די גרעניצן פון אמעריקע און קאנאדע, אריינצוגיין קיין קאנאדע דארף מען אדורך פארן א בריק



**די אומאן'ע געפיל אויפן וועג**



**ווארטנדיג ביים גרעניץ**

# דער צדיק פון באפעלא

וואס ווערט גערופן דער אינטערנאציאנאלע רעגנבויגן בריק, ווען מען קומט אן אויף די אנדערע זייט פונעם בריק איז מען שוין טעכניש אין קאנאדע אבער מען דארף נאך אדורכגיין דעם גרעניץ.

דארט איז דא די שרעק אנווארפענדע גרעניץ וועכטער וואס שטייען מיט גרויסע הונט און אויסגעשטרעקטע ביקסן...

עה, כ'מאך א דזשאוק, אבער אויב מיינט איר אז די גרעניץ וועכטער אויפן באן פון פוילן קיין אוקריינע זענען דאס וואס מיר זענען אדורך, איז עס בכלל נישט אזוי, נאר עס איז פארהאן אויפן הייוועי א שורה מיט טאל בודקעס (איינער געדענקט נאך וואס דאס איז?), דארט שטייט איינער מיט א דראענדן געזוכט  און נעמט די פאספארטן פון איטליכן פונעם אויטא וואס פארט אדורך, זיי פרעגן עטליכע פראגעס אזוי ווי, פארוואס זענט עטס געקומען, ווי לאנג ענק פלאנען דא צו זיין, און אזוי ווייטער.

מיר זענען אריבער דעם גרעניץ איינס צוויי ברוך השם, ווען פאר מיר איז נאר געבליבן צו לעקן מיינע וואונדן פון די טראומע און אנגסט ווען איינמאל אריבערגייענדיג דעם קאנאדישן גרעניץ מיט עטליכע יאר צוריק איז מיין נאז נישט געפאלן פארן וועכטער און ער האט מיך פארדעכטיגט אין צווייפלהאפטיגע אקטיוויטעטן, די חברה האבן מיר געשיקט צו די זייט, און אויסגעפאקט די גאנצע קאר צו זיכער מאכן אז כ'שווערץ נישט אריין קיינע פארבאטענע סחורה אזוי ווי פרוכט אדער ח"ו אזוינע ענדליכע שעדליכע זאכן וואס לייגן די נאציאנאלע זיכערהייט פון קאנאדע אין געפאר...

## פארבינדן פון אויבן

פונעם גרעניץ זענען מיר צוגעפארן צום הויכן "סקיילאן טורעם פון ניאגרא", דאס איז א גרויסע בנין הויעך 775 פיס, דאס איז בערך אכציג שטאק הויעך, וואס אין דעם גאנצן בנין איז גארנישט דא חוץ פון די דריי שטאק גאנץ אויבן וואס פארמאגט א נישט כשר'ע רעסטוראנט און א רינדעכיגע טעראסע ארום דעם בנין פון ווי מען קען זען די וואסער פאלן פון דערהייעך. מען פארט ארויף צו די אבזערוואציע דעק אויבן מיט א גלאזערנע עלעוועיטאר פון אינדרויסן און מען קען מיטהאלטן ווי מען ווערט ווייטער און ווייטער פון די ערד און נענטער צום הימל... איינע פון אונזערע אנוועזענדע האבן ערנסט געמיינט אז ס'איז זיינע לעצטע מאמענטן, שפירנדיג ווי אט אט פאלט ער אריין פון די הויכקייט אריין אינעם וואסער... אבער ברוך השם מיר זענען איבערגעגאנגען די שרעק און געבליבן לעבן עס צו דערציילן.

פון אויבן האבן מיר געזען די הערליכע וואסער פאלן מיט אינגאנצן אן אנדערע בליק, ווען מען זעט ווי דער אייבערשטער נעמט יעדעס ברעקל וואסער עקסטער און הייסט אים, "יעצט פאל אראפ," און דאס ערגענצט דעם הערליכן בילד. פון דארט האבן מיר אויך געקענט זען דעם גאנצן שטאט ניאגרא און אויך דעם שטאט באפעלא וואס איז היפש ווייט, אומבאגרינדעטע שמועות אז פון דארט קען מען זען ניו יארק סיטי האט זיך ארויסגעשטעלט אלס פאלש. דער וועג אראפ איז שוין געווען פיל גרינגער.

מיר זענען צוריק געגאנגען צום קאר און ארויסגעפארן צו קענען גיין נאנטער צום וואסער און באטראכטן די וואסערפאלן פון די נאנט, דא האב איך באוויזן אפענע מופתים פאר מיינע מיטפארער ווען איך האב זיי געוויזן אז ס'איז פארהאן איין פלאץ אינעם גאנצן געגנט ווי מען קען פארקירן דעם אויטא בחינם, און מיר זענען געווען פון די איינציגסטע קארס וואס האבן ארויסדערווישט דעם געהיימניס און נישט געגאנגען פארקן אין די גרויסע לאטס ווי מען צאלט שווערע געלטער.

אנדערש ווי ווען מיר זענען געפארן קיין וואשינגטאן און געזוכט פארקירונג פארן וואגן א לאנגע צייט און מיר זענען סתם אויפגעהאלטן געווארן, זענען מיר דאסמאל גראד געגאנגען צום ענין און זיך ארויסגעלאזט צום וואסער, אזוי ווי דער וועטער נביא שקר האט געהאט געסטראשעט מיט א שווערע רעגן זענען געווען גאר ווינציג מענטשן דארט, וואס האט אונז איבערגעלאזט מיט אסאך פלאץ צו קענען באטראכטן דעם נפלאות הבורא.

ווי אויך האבן מיר געקענט שפירן די 'מיסט', אין קורצן איז דאס ווען די וואסער פון אויבן קראכט אריין אין די אונטערשטע לעיק שפרינגט נאטורליך די פיצעלע וואסער טראפעלעך צוריק אביסל, אויב איר ווילט קענט



די פאנאראמא פון אויבן



די רעגנבויגן בריק וואס צוטיילט אמעריקא מיט קאנאדע



די גלאזענע עלעוועיטער

איר דאס פרובירן מיט אייער נעגל וואסער, גיסט פונעם טעפל אריין אינעם שיסל וועט איר זען אז פיצילע טראפן וועלן ארום שפריצן און נאס מאכן דעם גאנצן צימער, אבער ווען מען רעדט פון די זעלבע זאך נאר טויזנטער מאל די סומע וואסער פון אייער נעגל וואסער טעפל מיינט דאס אז די טראפעלעך וואסער וואס שפרינגען צוריק מאכן נאס דעם גאנצן אומגעגנט, און אפילו מיר וואס מיר זענען געשטאנען מיט הונדערטער פיס העכער פון דער טייך זענען מיר געווארן היפש דורכגעווייקט, מען האט כסדר געדארפט ווישן דעם לענס פון די קאמערע פון די טראפענס וואסער וואס האבן זיך באזעצט אויף דעם. אביסל צייט מיט אסאך בילדער שפעטער, האבן מיר פארלאזט דעם שטח און געפארן צוריק צו די גאלדענע אמעריקע, טאקע דארט אין קאנאדע פארנדיג אויף ווילד פרעמדע שאסייען איז געשען גרויסע אנטוויקלונגען אין מכון עצתו אמונה, מיר האפן אז אנ"ש וועלן גאר בקרוב זען די שנעלע רעזולטאטן און הנאה האבן, פרטים יבואו.

אויפן וועג צוריק קיין אמעריקע איז דער גרעניץ וועכטער געווען היפש מער פריינטליך צו אונז און אונז ווילקאמירט (פרישע ווארט) צוריק 'אהיים', וואס זאל איך אייך זאגן? מען טאר נישט כאפן קיין בילדער ביים גרעניץ אבער אויב איך וואלט געוואלט אראפ לייגן ווי אזוי איוואן דער שיכור פון דער אלטער היים האט אויסגעקוקט קען מען אים צוגלייכן צו יענעם גרעניץ וועכטער. הפנים נאכן זיכער מאכן אז מיר האבן גארנישט געקויפט אין קאנאדע און מיר האבן נישט קיין ציל צו אריינשווערצן זאכן אומלעגאל פון קאנאדע האט ער אונז אריינגעלאזט, פונעם גרעניץ איז געווען ממש איניגע מינוטן ביז קיין באפעלא, און דער הייליגער ציון איז ממש א מינוט פונעם הייוועי, אויפן וועג זענען מיר אדורך געפארן דעם פלאץ ווי ס'איז געשטאנען דער שול פונעם צדיק פון באפעלא און היינט איז פארהאן דארט א גרויסע ליידיגע פעלד.

## דער שול

אין אמעריקע האבן די אידישע קהילות זיך געבויעט ווי פאלגענד, עס האבן זיך געמאכט א הייפעלע אידן אין סיי וועלכע פלאץ אויפן אמעריקאנער קאנטינענט וואס האבן זיך געטראפן א פאראייניגטע ציל, על פי רוב זענען דאס געווען אימיגראנטן פון א געוויסט פלאץ אינדערהיים וואס האבן געהאט די זעלבע מנהגים און מסורה, און זיי האבן זיך צוזאמגענומען און געעפענט א קאנגרעגעישאן, א קהילה (נישט אויף צו דרייען... זיי האבן באמת געעפנט א שול).

א קאנגרעגעישאן איז באשטאנען פון אן עדה אידן וואס האבן געזוכט זיך צו האלטן צוזאמען, זיי האבן אויפגענומען א באורד וואס זאל פירן זייער קאנגרעגעישאן לויט ווי אזוי דער עולם וויל, דער באורד האט געדארפט אויפנעמען א רב וואס זאל פירן די קהילה. פארקערט ווי היינט וואס יעדער וואס וויל זיין א רבי עפנט א בית המדרש ביי זיך אין בעיסמענט און נאכדעם זוכט ער מנין, איז געווען דעמאלטס אז עס זענען געווען קבוצות אידן וואס אסאך פון זיי האבן שוין געהאט ריזיגע בתי מדרשים און זיי האבן געזוכט א רב.

דער חורבן פאר די ערליכע אידן איז געווען אז אזוי ווי דערמאנט אז יעדע צוזאמקומעניש פון אידן האבן געקענט עפענען א שול, האט דאס אנגעברענגט אז נישט ערליכע אידן זאלן אויך עפענען סינעגאגעס.

פאר די נישט ערליכע אידן איז געווען פיל גרינגער צו האבן א בית המדרש ווייל מען האט געקענט נעמען סיי וועלכע פלאץ און עס אנרופן בית המדרש, קיין מחיצות האבן די נישט ערליכע אידן נישט געדארפט ליידער, און קיין ספרי תורה איז נישט געווען שווער צו טרעפן ווייל א פסול'ע איז אויך געווען גוט פאר זיי, א רב איז נישט געווען שווער צו טרעפן ווייל סיי וועלכע איד וואס האט געקענט עברי האט בדיעבד געקענט ווערן רב אזוי לאנג ווי יענער האט געקענט רעדן ביים קידוש...

איין זאך אויף וואס זיי האבן מקפיד געווען איז געווען אז דער חזן זאל יכול'ן מיט א גאנצע כאר וואס זאל אונטערפייפן בשעתן דאווענען. אויף אזוי ווייט אז מיט די צייט איז דער חזן געווארן דער הויפט מחותן אין די סארטן טעמפלס אזוי ווי ער האט געדארפט קענען עברי און אביסל פונעם דאווענען, צווישן די זאכן וואס די סארטן סינעגאגעס שטעלן צו פאר די מיטגלידער פונעם קאנגרעגעישאן איז אז דער חזן האט געלערנט אינאיינעם מיט יעדע אינגל וואס ווערט בר מצוה די פסוקים פון די הפטרה, און אז פאר מען שטארבט לערנט דער







די קנאקערס ביים קנאקן

# דער צדיק פון באפעלא

חזן די פסוקים וואס מען זאגט וכו' וכו'. מיט די צייט איז דער רב געווארן מער א סימבאלישע פאזיציע, און אין רוב פעלער איינער וואס קען נישט קיין חילוק צווישן ברטנורא און בבא בתרא... ווי לאנג יענער האט געהאט עפעס א מאיסטעטישער בארד איז אלעס געפארן כשורה...

אזוי איז געווען מיט 135 יאר צוריק ולמספרם 1890 ווען א קבוצה פון אידן וואס זענען אריגינעל געקומען פון די אוקריינע-רוסלאנד אומגעגנט, און זענען אנטלאפן פון די אימפעריעליסטישע צארן אין רוסלאנד קיין באפעלא האבן געעפנט א נייע קאנגרעגיישאן מיטן נאמען 'אהבת שלום,' דער נאמען אליינס ברענגט ארויס וואס איז אלס אריבער אויף די אידן וואס זענען אנטלאפן פון די פולע רדיפות אין רוסלאנד און האבן געזוכט א שטילע ווינקל צו דינען דעם אייבערשטן. דאס איז געווען די ערשטע און איינציגסטע ארטאדאקסישע קהילה אין באפעלא, מיט אן אפגעטיילטע שול מיט כשר'ע מחיצות און נאר א שומר שבת האט געקענט ווערן א מעמבער אין די קהילה.

אין די ערשטע יארן האבן די אידן פון אהבת שלום נישט געהאט קיין אייגענע בית המדרש און זיי האבן געדאווענט אין די הייזער פון די אנגעשלאסענע מעמבערס.

מיט צוויי יאר שפעטער האבן זיי זיך איינגעהאנדלט א גרויסן בנין אויף א זייטיגע געסל אין באפעלא און דארט אפיציעל אוועקגעשטעלט זייער שול און אויף געגרינדעט דארט אן ערליכע תלמוד תורה.

מיט צען יאר שפעטער האט די קאנגרעגעישאן צוגעבויט אין פארנט פונעם שול א הערליכע פָארזאל וואס האט ארויסגעשטארט מיטן ווייזן פאר סיי וועלכע דורכגייער אז דא איז דא א שול. דער שול איז געבויט געווארן אלס אן ארטאדאקסישע שול מיט א באזונדערע גאלעריע פאר די עזרת נשים מיט א כשר'ע מחיצה. אינטערעסאנט איז אז דער שול איז געבויט געווארן מיט טרעפ וואס לויפן פון די מזרח וואנט אראפ צום ערשטן שטאק אז דער רב מיט דער בעל תפילה זאלן קענען גיין גראד צום ברעטל און נישט דארפן אריינקומען פון הינטן און אדורך גיין דעם גאנצן בית המדרש כדאי נישט אויפצוהאלטן דעם עולם. עס איז באשריבן פון יענע צייטן אז דורכאויס די שבתים און ימים טובים זענען געווען בערך 700 מתפללים אינעם שול.

די קהילה האט אויך אפגעקויפט א שטח אינעם לאקאלן בית החיים, ווי אלע מעמבערס פונעם שול האבן באקומען א אויסגעצאלטע חלקה, און טאקע אין יענעם חלק פונעם בית החיים ליגט דער צדיק פון באפעלא.

ווי די יארן זענען אדורך געלאפן איז דער גאנצער שטאט באפעלא צוביסלעך אונטער געגאנגען, מערסטנס צוליב וואס די גרויסע פעקטאריס פון ארום האבן זיך צוגעמאכט, די מיטגלידער פון אהבת שלום זענען צוביסלעך עלטער געווארן און אוועק פון דער וועלט, די איבעריגע אידן וואס האבן געוואלט אויפציען די קינדער אין אן ערליכע סביבה זענען געווען געצווינגען זיך צו אוועק ציען פון שטאט, צוביסלעך איז דער בית המדרש געבליבן אן מנין. אין יאר 1954 למספרם איז דער שול אפיציעל פארמאכט געווארן און מיט עטליכע יאר שפעטער איז עס ליידער געווארן פארקויפט פאר א קירכע, אביסל שפעטער בערך אין יאר 2000 למספרם האט די קירכע אויך איבערגעלאזט דעם בנין אויף הפקר.

דער גרויסער שיינער בנין האט אנגעהויבן שימלען, מיט עטליכע יאר שפעטער האט די לאקאלע באפעלא קאונסיל באשטימט אז דער בנין איז אין א סכנה פון איינפאלן און שעדיגן די גאנצע ארומיגע לאנדשאפט און מען מוז איינווארפן דעם געביידע, א גרופע פון לאקאלע אקטיוויסטן האבן פרובירט זיך אנטקעגן שטעלן דאס איינווארפן אזא היסטארישע געביידע, אנשטאט דעם האבן זיי געמאכט א פלאן ווי אזוי איבערצובויען די שול אז מען זאל עס קענען פרעזערווירן פאר היסטאריע, די פעדעראלע רעגירונג האט אפילו באשטימט געלט צו אביסל פאררעכטן דעם דאך אז עס זאל נישט זיין קיין סכנה, אבער למעשה איז די שטאט געקומען אין שיינעם טאג און איינגעווארפן די געביידע, און מיט דעם געענדיגט די פיזישע איבערבלייבעניש פון קהל אהבת שלום.

דער שול שטייט שוין נישט, און די ספרים ליגט שוין לאנג אין שמות, אבער וואס איז פארגעקומען אין די עטליכע צענדליגע יארן



ביהמ"ד אהבת שלום אין איר פולסטן פראכט



דעם ביהמ"ד פון אינעווייניג הארט פארן איינווארפן, מערקט אינדערמיטן דעם דראפ סיליג וואס פלעגט זיין אפן צום צווייטן שטאק עזרת נשים



ביים איינווארפן דעם שול



דעם שטח היינט צוטאגס



Mr. & Mrs. N. Miller
requests the honor of your presence to attend a
בר מצוה
of our son Samuel
which will be held at the
Congregation Ahawath Sholem
on Saturday Morning, December 22, 1917
at 10 o'clock
Reception Sunday, December 23
at 17 W. Peckham St. at 6 P. M.

אן איינלאדענונג צו א בר מצוה אין שול

וואס דאס פלאץ האט געשיינט מיט תורה ותפילה בלייבט לנצח נצחים.

## על הצדיקים

פון דארט זענען מיר געגאנגען ווייטער צום ציון, ווען מיר זענען אנגעקומען צו דעם אידישן בית החיים פון באפעלא, האבן מיר אנערקענט אז מיר זענען ווייט פון די איינציגסטע אידן וואס האבן געמאכט דעם לאנגן וועג אהין, עטליכע קארס וואס האבן אויסגעקוקט אידישליך זענען געווען פארקירט (ווי אזוי קוקט א קאר אויס אידישליך? טראכט אליינס...) מיט א שיינע צאל אידן וואס זענען אריינגעגאנגען און ארויסגעקומען, מיר האבן געפרעגט דעם ערשטן איד וואס מיר האבן געטראפן צו ס'איז דא א שטיבל ווי מען קען זיך אויפפרישן און צורעכט מאכן איידער מען גייט אריין צום ציון ווי ס'פאסט זיך ווען מען גייט צו קברי צדיקים, דער ענטפער איז געווען אז ס'איז גארנישט דא, זענען מיר צוגעפארן צום ערשטן גאז סטאנציאן וואס מיר האבן געזען, פון דארט זענען מיר געקומען אויף צוריק און געטראפן דעם פלאץ היבש ליידיגער ווי פארדעם.

אריינקומענדיג אינעם אוהל האבן מיר געשפירט א געוויסע סארט געפיל וואס איז אוממעגליך צו באשרייבן, אזא געפיל ווי ווען מען גייט אריין אין א צימער אנגעפילט מיט טרערן און בקשות פון טויזענטער אידן איבער די לעצטע עטליכע צענדליגער יארן.

אין איינצעלע איד וועמען יואלי נ"י האט דערקענט איז געשטאנען אין די זייט מיט א תהלים און געכליפעט, וואס האט גאר אסאך צוגעגעבן צום געפיל, מיר האבן אלע אפגעמאכט צו טון ווי עס שטייט, "כל המבקש רחמים על חבירו, והוא צריך לאותו דבר - הוא נענה תחילה", און מתפלל געווען פאר זיך און פאר אלע אידן וואס דארפן א ישועה, א פושקע צו געבן א פרוטה לצדקה האב איך נישט געטראפן דארט האב איך עס געמוזט לאזן ביי מיר אין טאש צו געבן ווען מען קומט צוריק, תיקון הכללי'ס זענען געווען בשפע און מיר האבן אויסגעזאגט תיקון הכללי ווארט ביי ווארט און נאכדעם גוט מתפלל געווען און זיך מתבודד געווען.

אט דארט האבן מיר געלאזט די מחשבות לויפן פריי און זיך אליינס געפרעגט, וואס זוכט א גאון שבישראל, א ריכטיגע רבי'שע אייניקל מיט אלע מפרשים אינעם פארשטופטן באפעלא, און ווער איז דער צדיק בכלל געווען אז טויזענטער אידן מאכן דעם לאנגן וועג אהער דורכאויס דעם גאנצן יאר און בפרט אינעם טאג פון זיין יארצייט.

ווי מיר ווילן אי"ה באשרייבן ווי אזוי דער צדיק איז אנגעקומען אויף באפעלא דארפן מיר קודם אריינקריכן טיפער ווי אזוי זאכן האבן אפגערירט אין אמעריקע אין יענע יארן, קנאפע הונדערט פופציג יאר צוריק און דאס האט אנגעהאלטן ביזן צווייטן וועלט קריג ווען פולע רבנים און אדמורים זענען אנטלאפן פונעם ליידיג געווארענע אייראפע.

דער ענטפער איז ווי פאלגענד.

## דער צדיק פון באפעלא

דער גרויסער גאון און צדיק הרב אליהו יוסף ראבינאוויטש זצוק"ל איז געבוירן בערך אין יאר תרי"ט צו זיינע עלטערן, זיין טאטע איז געווען הרב הגאון גדליה אהרן מליניץ זצוק"ל א זון פון רבי יצחק יואל מליניץ זצוק"ל וואס האט דאן געוואוינט אין א שטעטל אין אוקריינע מיטן נאמען סאקאליוועק, זיין מאמע הרבנית בילא ע"ה איז געווען א טאכטער פון הרב שמואל אברהם אבא מסלאוויטא זצ"ל.

ווען דער קליינער אינגל אליהו יוסף איז געווען קוים עטליכע יאר אלט זענען זיינע עלטערן געווען געצווינגען צו אנטלויפן פון זייער שטאט סאקאלאוו צוליב די רדיפות פון די אוקריינישע אנטיסעמיטן וואס האבן יעדע שטיק צייט זיך צוזאמגענומען אין א צווייטע געגנט און ענג געמאכט פאר די ארטיגע אידן, אפטמאל ביז רציחה, הרב גדליה אהרן זי"ע איז געלאפן קיין פאדאליע, א שטאט וואס האט געטוישט הענט צווישן מדינות אסאך מאל און איז היינט א טייל פון אוקריינע, האט דאן געהערט פאר רומעניע און דארט האט רבי אליהו יוסף זצ"ל אנגעהויבן וואקסן און תורה ועבודה.

רבי אליהו יוסף זצ"ל האט געהאט צוויי עלטערע ברודער, רבי יצחק יואל זי"ע - רב אין



אינעווייניג ביים ציון



מערקט די תיקון הכללי'ס



א טייל פונעם אידישן ביה"ח אין באפעלא

# דער צדיק פון באפעלא

קאנטיקאוויצקא און הרב פנחס הי"ד וואס איז געווען רב העכער פערציג יאר אויף זיין טאטנ'ס רבנות שטול אין סקאליוועק, און איז ליידער גע'הרג'עט געווארן ווען די אוקריינישע רוצחים האבן דורכגעפירט א פאגראם אין סקאליוועק.

ווען רבי אליהו יוסף זצ"ל איז געווארן בר מצוה און מען האט געזוכט פאר אים א פאסיגע שידוך, האט דער גרויסער צדיק יעקב ישראל אויערבאך זצ"ל, דער הויפט רב פון טשערקאס אוקריינע, וואס איז געווען א מחותן מיט די גרעסטע צדיקים פון יענע צייטן, אזוי ווי דער דברי חיים און דער מיטעלער רבי פון ליובאוויטש, גאר שטארק געוואלט נעמען דעם אינגן עלוי פאר אן איידעם, און דער שידוך איז געשלאסן געווארן בשעה טובה ומוצלחת.

גאר ווייניג איז באקאנט פון די צייטן ווען דער צדיק פון באפעלא איז געווען א בחור, און ווי אויך פון הארט נאך זיין חתונה, אבער דאס איז ברייט באקאנט אז דער צדיק האט געלערנט בחברותא מיט זיין שוואגער הרב הקדוש רבי מרדכי דוב מהארנסטייפל זצ"ל, דער ראש השלשלת פון די הארנסטייפל גזע.

די פרישע פארפאלק האבן זיך באזעצט אין די שטאט קעשינוב מאלדאווע, ווי דער צדיק איז געזיצן און געלערנט טאג און נאכט, ווי פארשטענדליך זענען געקומען אנבאטן פון גרעסערע און קלענערע שטעט אז דער אינגער רבי אליהו יוסף זצ"ל זאל ווערן זייער רב, דעלעגאציעס און ראשי קהלה פון איבעראל האבן פרובירט צו משכנע זיין דעם צדיק אז ביי זיי איז דאס מערסטע פאסיג צו זיין רב, אבער רבי אליהו יוסף זצ"ל האט אלעמען אפגעזאגט און אוועקגעלאפן פון יעדע סארט רבנות פאסטן וואס מען האט נאר געשטופט זיין וועג, צוליב וואס ער האט געוואלט בלייבן לערנען און נישט זיין פארנומען מיט די טרדות וואס זיין רב פון א שטאט קומט מיט.

ביקש יוסף לישב בשלווה קפץ עליו רגזו, בערך ווען רבי אליהו יוסף זצ"ל איז געווארן דרייסיג יאר אלט איז אין שטאט קעשינוב געקומען וואוינען א וויסטער אנטיסעמיט וואס האט אנגעהויבן העצן די לאקאלע גוים אנטקעגן די אידן און די געמיטער האבן ליידער געפירט צום טרויעריג באקאנטער קעשינוב פאגראם ווי פופציג אידן זענען ליידער גע'הרג'עט געווארן דורך די אוקריינישע רוצחים, רבי אליהו יוסף זצ"ל האט געדארפט אנטלויפן פון קעשינוב און ער האט זיך אריבער געצויגן קיין אמעריקע ווי ער האט זיך באזעצט אינעם לאוער איסט סייד אין מאנהעטן ווי אלע ארטאדאקסישע אידן האבן געוואוינט אין יענע צייטן.

רבי אליהו יוסף זצ"ל האט זיך ווייטער געפירט זייער באשיידן אז מען זאל נישט כאפן ווער ער איז, עס איז געווען דאן גאר שווערע צייטן פאר די אידן אין אמעריקע וואס האבן געזוכט צו זיין ערליך, מיט איינציגע יארן פריער האבן די ערליכע אידן פון מאנהעטן פרובירט צו אריינברענגען אן ערליכער רב פון אייראפע וואס זאל אביסל צוריקשטעלן אידישקייט אויף די פוס, זיי האבן דעמאלטס געטראפן א רב פון ווילנא הרב יעקב יוסף זי"ע וואס האט מסכים געווען צו קומען קיין אמעריקע און אנהאלטן דאס אידישקייט דא און מען האט אים געשטעלט אלס דער רב הכולל פון אלע ערליכע אידן אין אמעריקע, אבער די נישט ערליכע אידן האבן געשטעלט א שרעקליכע ווידערשטאנד קעגן דעם רב און פרובירט אויף אלע וועגן צו דערגיין די יארן פארן רב, ביז מיט ממש אפאר יאר נאך וואס דער רב איז אנגעקומען קיין אמעריקע איז ער ליידער נישט געזונט געווארן פון די פילע צרות וואס די נישט ערליכע אידן האבן אים פרובירט אפצוטון און אוועק פון דער וועלט.

רבי אליהו יוסף זצ"ל איז אנטלאפן פון סיי וועלכע רבנות פאזיציע נישט וועלנדיג האבן דעם זעלבן שיקזאל, אבער אין די זעלבע צייט האט די אויבנדערמאנטע ארטאדאקסישע קהילה אהבת שלום אין באפעלא זיך גאר געמוטשעט סיי מיטן טרעפן אן ערליכער רב וואס זאל פירן די קהילה ברוחניות און אויך א שטארקע פירער וואס זאל פירן אלע אנגעלעגנהייטן פון די קהילה בגשמיות, און אויך שטיין פעסט קעגן די נישט ערליכע קהילות וואס ווי פריער דערמאנט האבן זיי נישט געהאט קיין שום שוועריקייטן, און רבי אליהו יוסף זצ"ל האט אזוי ווי יעדע צדיק וואס וויל באמת זיצן און לערנען רואיג און נישט דארפן האבן צו טון מיט קיינעם, אלעס געלייגט אין די זייט און אין שנת תרס"ט זיך אריבערגעצויגן קיין באפעלא און געווארן דער




דער ציון פון אינדרויסן



הרב ראבינאָוויץ נפטר געוואָרען

מר. יעקב שילער, פון באפאלא, מעל־
דעט אונז אז הרב הג' ר' יוסף ראבינא־
וויץ איז דארט נפטר געווארען לעצטען
מאנטאג. דער פערשטארבענער איז זייט
צוויי יאהר געוועזן רב פון אלע אנשי
ספרד ונוסח האר"י ז"ל. ער איז געוועזן
א גרויסער למדן און בקי און דערצו א
בעל מדות טובות. אלע שוהלען פון בא־
פאלא זיינען געוועזן פערמאכט ביי דער
לויה.



**Buffalo News**

*(From Our Correspondent.)*

RABBI JOSEPH RABINOWITZ DEAD.

Rabbi Joseph Rabinowitz, of the Congregation Brith Sholem, Anshe, Russia, died last week, at the age of fifty-four years. His death has caused a great deal of grief in the orthodox community, for the deceased rabbi was beloved by a large circle of friends, and was noted for his piety, his modesty, and his exceptional learning. He was officially connected with Brith Sholem congregation, but was also greatly interested in the general religious and educational welfare of the Jews of his section. Although only a few years in Buffalo, he at once made his influence felt in many directions.

Rabbi Rabinowitz was born in Justingrad, Province of Kiev, in 1856. His father was a famous rabbi. He came to Buffalo in 1908, and at once became popular and beloved by all the Jews in the city. He passed away Monday evening,

צייטונג אויסשניטן פון דאן

רב אינעם אויבענדערמאנטן ארטאדאקסישן שול אויף דזשעפערסאן סטריט.

פון באפעלא האט רבי אליהו יוסף זצ"ל איבערגענומען די קהילה און איר צורעכט געמאכט, אין די צייטן וואס רבי אליהו יוסף זצ"ל האט געוואוינט אין באפעלא איז אויפגעשטעלט געווארן די ערשטע און איינציגסטע ערליכע אידישע חדר, ווי אויך זענען מיר עטליכע תשובות וואס רבי אליהו יוסף האט געשריבן בנוגע די פולע עגונות וואס האבן זיך דאן געפונען אין אוקריינע, ווי רבי אליהו יוסף זצ"ל האט פרובירט אויפצוקומען מיט אלע וועגן זיי צו באפרייען, צווישן זיינע ווערטער צו די גרויסע רבנים וואס האבן נאך דאן געוואוינט אין אייראפע זענען ווי פאלגענד:

"סוף דבר, לבי לחוקקי ישראל, מי לד' אלי, מקום הניחו לי להתגדר בו, ואתם גם אתם שחרו מכחכם לתקנות עגונות, אני פתחתי לכם פתח כפתחו של מחט, ואתם פתחו לי פתח כפתחו של אולם, ויחשב לכם לצדקה כי פי ה' דובר, וחי בהם".

מיט וויניגער פון צוויי יאר פון ווען רבי אליהו יוסף זצ"ל האט זיך אריבערגעצויגן קיין באפעלא איז ער ליידער פלוצלינג נפטר, די צייטונגען פון דאן פארציילן אונז אז אנדערש ווי אין ניו יארק ווי ס'איז ליידער געווען הפקר אין אידישקייט, איז רבי אליהו יוסף זצ"ל געווען גאר שטארק רעספעקטירט אין באפעלא אפילו ביי די קאנסערוואַרטיווע און רעפארם אידן, ער האט געהאט א גרויסע לויה, און איז מטמין געווארן אינעם שטח פון קהילת אהבת שלום, ווערנדיג דערמיט דער ערשטער ציון פון א חסיד'שער רבי אין אמעריקע.

דער אוהל וואס מען זעט היינטיגע צייטן איז געבויט געווארן אין צוויי פאזעס, דער ערשטער טייל פונעם אוהל וואס איז העכערן שטיין איז געבויט געווארן עטליכע יאר נאך וואס הרב אליהו יוסף זצ"ל איז נפטר געווארן, דעם טייל צו לינקס איז געבויט געווארן מיט בערך צען יאר צוריק.

און אזוי איז דער ציון א תל תלפיות פאר הונדערטער אידן וואס גיסן זיך אויס זייערע הערצער צום אייבערשטן און פועלן אויס אלעס גוטס.

## קיין ירושלים וועלן מיר גיין

בשעת מעשה האט אנגעהויבן גיין א שטיקל רעגן וואס איז געווארן צוביסלעך שטערקער אזש ווען מיר האבן זיך ארויסגעלאזט צוריק צום אויטא איז שוין געווען א בחינה פון א מבול, אבער ברוך השם מיר האבן זיך שנעל צוריק אריינגעלייגט אין קאר פרובירנדיג דאס בעסטע נישט צו נאס מאכן דעם געזעלשאפט ארום, מיט א שנעלקייט האבן מיר זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג אהיים איש על מחנהו ואיש על דגלו, מיטן ציל צו זיין אינדערהיים ווען די קינדערלעך זענען אינדערהיים, נישט סתם צו נוצן די פוילע תירוץ פון קברי צדיקים צו אנטלויפן פונדערהיים.

א הערליכע וועג אהיים האט נאכגעפאלגט אנגעפילט מיט שיחות חברים וואס איז א גרויסע שאד אז ס'איז נישט געווארן רעקארדירט, חוץ איין טייל וואס איז ארויף אויף קול ברסלב ווען דער מייסטערהאפטיגע אינטערוויוער הרב יואל טייטלבוים שליט"א האט אריינגערופן נישט וואוסענדיג אז מיר פארן צוזאמען און גערעדט מיט אונז יעדער עקסטער, ווער קען דען באשרייבן ווי אזוי ברסלב'ע חסידים רעדן פון זייער סיפור התקרבות און ווי זייער לעבן שיינט און לייכט ווען מען פאלגט דער ראש ישיבה אויף טריט און שריט.

אגב, ווען מיר זענען אנקומען אהיים און אראפגעלאזט די חברה אין האשקי שול אפנעמען איטליכע באזונדער זייער קאר, האט מיר דאס הארץ געצויגן קיין ירושלים רחוב בקודש, זיך איינדרייענדיג אויף רחוב ירושלים האב איך געוואלט רופן אברהם הערש נ"י אים לאזן מעלדן אז ברוך השם אלעס איז אריבער בשלום, ווי נאר ער האט אויפגעהויבן האט ער נישט געלאזט אויסרעדן נאר גענומען די מייק פאר זיך, "רעד נאכנישט פון ווי מען פארט פאר די ראש השנה בלעטל... לאמיר קודם ארויסברענגען דעם יעצטיגן פראיעקט צום שיין פון די זון און נאכדעם וועט מען רעדן וואס ווייטער..."









ביים לערנען שיעורים כסדרן אינטערוועגנס

# דער צדיק פון באפעלא

## א רירנדע מעשה

דערציילט דורך דעם בעל המעשה (פרטים און נעמען געטוישט)

מיין עלטסטע טאָכטער, א גאר גערעטענע מיידל האט זיך ליידער געעלטערט אבער גארנישט אין פריידן ביז זי האט דערגרייכט די יארגאנג פון 26, פאר עפעס א סיבה וואס האט אויסגעקוקט העכער פון אונזערע השגות איז קיין שום שידוך נישט געגאנגען, וויפיל מיר האבן פרובירט און געבעטן דעם אייבערשטן האט אויסגעקוקט ווי ס'איז דא א עפעס וואס האלט עס צוריק.

איך בין אין יענע צייטן אסאך געגאנגען אויף קברי צדיקים מתפלל זיין, און ווען מיין ברודער שלמה האט מיך געלאדענט צו קומען מיט אים צום ציון פונעם ליניץ-סאקאליווקער רבי, רבי אליהו יוסף ראבינאוויטש זצ"ל, האב איך גלייך מסכים געווען צו גיין מיט אים אויפן נסיעה.

דער צדיק איז באגראבן געווארן אין אהבת שלום בית עולם אויף פיין רידזש ראוד אין באפעלא, אין אן אוהל וואס האט ארויסגעשטארצט פון די ארומיגע געגנט. זיין קבר איז געבליבן אומקלאר ביז בערך דרייסיג יאר צוריק, ווען געוויסע חוקרי הדורות האבן אנטדעקט זיין ציון און זייט דעמאלטס איז פארהאן א שטענדיגע שטראם פון מתפללים, און פילע ישועות וואס מען הערט ארויסקומען פון דארט.

שלמה און איך האבן באשטימט פלענער צו פארלאזן אונזערע היימען אין ברוקלין און פליען פון דזשעי-עף-קעי קיין באפעלא. דער פלי רייזע אליין איז געווען קורץ, און איך האב אויסגענוצט די צייט ארום צו קוקן און זען אויב עס זענען דא נאך אנדערע פרומע אידן אויפן עראפלאן. איך האב באמערקט נאר איין אנדערע חסיד'ישע איד אויפן פליגער, ער האט אויסקוקט מער עלטער, ס'האט מיר אויסגעקוקט ווי ער פארט אויף א ביזנעס רייזע.

ווען מיר זענען אנגעקומען אין אהבת שלום בית עולם, איז דער קליינע ציגעלנע געביידע וואו דער רבי'נס קבר געפינט זיך בכלל נישט געווען שווער צו געפונען, מיר זענען אריין אין דעם שטילן ליידיגן צימער און גלייך געעפנט אונזער תהילים און אנגעהויבן דאווענען. בערך פינף מינוט שפעטער איז דער איד וואס איז געווען מיט אונז אויפן פליגער אנגעקומען.

איך האב נישט קיין אנונג וואס האט מיך באטראפן, אבער פאר עפעס א סיבה בין איך אריבערגעגאנגען צו אים און אים געפרעגט אויב ער איז געווען מיט אונז אויפן פליגער פון דזשעי-עף-קעי, ווען ער האט געענטפערט אז יא האב איך פאר א סיבה - וואס מוז זיין אז דער אייבערשטער אליינס האט צוגעפירט - אים געפרעגט די פאלגענדע שאלה, "ביסטו א ברודער פון אברהם איצקאוויטש?"

"יא, איך בין דוד איצקאוויטש." האט ער געענטפערט, קלאר איבערראשט.

"איך ביך א זון פון יעקב גרין" האב איך געענפערט.

איך האָב געזען ווי זיין פנים ווערט בלאס און איך בין געווען זיכער אז איך ווייס פארוואס.

מיין טאטע, יעקב גרין, און דוד איצקאוויטש'ס ברודער, אברהמי, זענען געבוירן געווארן אין דעם זעלבן שפיטאל דעם זעלבן טאג פון דעם זעלבן יאר. זייערע פאטערס זענען דעמאלטס געווארן בעסטע פריינט און מיין טאטע און אברהמי איצקאוויטש זענען געווארן פריינט און אויפגעוואקסן אינאיינעם אין מאנסי, ניו יארק. מיין זיידע און אברהמי'ס עלטערן פלעגן זיך וויצלען אז זיי זענען גרייט יעדן טאג צו אריינגעבן פאפירן צו אדאפטירן איינער דעם צווייטן וויבאלד זיי פלעגן סיי ווי זיין כסדר איינער ביים צווייטנ'ס הויז, אפילו נאכדעם ווי די אינגלעך זענען אויפגעוואקסן און חתונה געהאט, האט די נאנטע פריינטשאפט אנגעהאלטן צווישן אונזערע משפחות, קינדער זענען געקומען און געגאנגען צווישן אונזערע הייזער.

ביזן טאג וואס עס האט זיך אויפגעהערט. אפילו יעצט, מיט 30 יאר שפעטער, האט קיינער פון די קינדער פון ביידע זייטן נישט געוואוסט וואָס האָט געפירט צו דעם דראסטישן ריס צווישן די צוויי, אלע בקשות צו לאדענען אונזערע פריינט צו אונזער שטוב זענען באגעגנט געווארן מיט אַ שטיינערדיגע שטילקייט.

עס איז געווארן ווי מיר האבן זיך קיינמאל נישט געקענט... יעדער פון די צוויי משפחות האבן געצויגן צו אן אנדערע וועלט וואו די אנדערע משפחה האט שוין נישט עקזיסטירט. בענטשערס פון זייערע שמחות מיט זייערע נעמען ארויפגעדרוקט זענען פלוצלינג שוין נישט געזען געווארן אין אונזער הויז, זייערע נעמען זענען קיינמאל מער נישט דערמאנט געווארן אין שמועסן. ווען די טאטעס האבן זיך באגעגנט אויף דער גאס, האט אברהמי געקוקט גלייך פאראויס און מיין טאטע האט מיט א שנעלקייט אריבערשפאצירט צום אנדערע זייט גאס.

אבער דא האבן מיר זיך געטראפן, איך מיט מיין ברודער שלמה, און דוד דער ברודער פון אונזער טאטע'ס געוועזענער חבר אברהמי.

איך בין ארויסגעלאפן אינגאנצן צעטומלט נישט וואוסענדיג וואס האט מיר באטראפן, און די ערשטע זאך גערופן מיין טאטע, "טאטי, וועסט נישט גלייבן ווען איך האב געטראפן ביים ציון פונעם צדיק פון באפעלא, איך האב געטראפן א ברודער פון אברהמי איצקאוויטש, מיר זענען די איינציגסטע דא און מיר זענען געקומען מיטן זעלבן פליגער".

זיך כאפענדיג א סעקונדע נאכן ענדיגן רעדן אז כ'וואלט נישט געדארפט רופן ח"ו צו מצער זיין מיין טאטע אויב דאס דערמאנען דעם נאמען פון זיין שונא פאר אן אומבאקאנטע סיבה וועט אויפברענגען שווערע געפילן, איך האב געווארט מיט אנגסט אז מיין טאטע זאל עפעס זאגן.

מיין טאטע'ס ענטפער איז געווען ווי פאלגענד, "איך הער, איך הער, איך דארף גיין, איינער רופט מיך אריין וויכטיג".

איך בין צוריקגעגאנגען צום ציון און ווייטער געזאגט תהלים, אבער מיינע ווירבלענדע געדאנקען האבן עס שווער געמאכט זיך צו קאנצענטרירן.

דוד איצקאוויטש מוז אויך האבן געהאט א שטורעם אין זיין קאפ, ווייל פינף מינוט שפעטער האט ער פארמאכט זיין תהילים און צוגעקומען צו מיר.

"מיר זענען אידישע קינדער," האט ער געזאגט אן הקדמה, "און מיר גלייבן אז גארנישט פאסירט דורך צופאל. דו ביסט דא ווייל דו דארפסט א ישועה, און איך בין דא ווייל איך דארף א ישועה. איך ווייס נישט וואס איז געשען צווישן אונזערע משפחות, אבער עס איז שוין 30 יאר, און מיר מוזן פרובירן עס צו פאררעכטן."

איך האב אים געזאגט אז איך בין מסכים מיטן גאנצן הארץ אז ס'זאל ווערן שלום, איך האב גוט געדענקט ווי יעדעס מאל ווען מיינע געשוויסטער וואס זענען געווען קלענער און נישט אזוי שנעל אויפגעכאפט אז דעם נאמען 'אברהמי איצקאוויטש' טאר נישט געהערט ווערן אין אונזער הויז און נאך יא גערעדט פון זייער משפחה פון צייט צו צייט, איז מיין טאטע'ס פנים איינגעפאלן יעדעס מאל ווען דעם נאמען איז אויפגעברענגט געווארן.

איך האב אבער געזאגט פאר דוד אז איך קען אים נישט קיין סאך העלפן ווייל אלס כיבוד אב קען איך נישט ארויפברענגן דעם גאנצן נושא צו

# דער צדיק פון באפעלא

מיין טאטע, אבער אדרבה אויב ער קען עפעס טון וועל איך אים פרובירן צו העלפן ווי אזוי נאר מעגליך.

פארן אהיימפארן האב איך אויסגעטוישט טעלעפאן נומערן מיט דוד און מיר האבן אפגערעדט אז מיר וועלן בלייבן אין קאנטעקט.

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין ברוקלין, האב איך פארציילט פאר מיין טאטע מיין גאנצע נסיעה קיין באפעלא און צווישן די שורות האב איך געהערט אז ער איז זייער נייגעריג צו הערן וועגן אברהמי'ס ברודער וואס מיר האבן געטראפן, האט ער אינמיטן אנגעהויבן רעדן אזוי ווי אן עלטערער איד רעדט פון די פארגאנגענהייט, "דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס אברהמי האט מיר אלס אפגעטון" און פארציילט און פארציילט וועגן אברהמי אלעס וואס איז געווען פארבארגן פאר מיר די לעצטע דרייסיג יאר, אבער איך האב פארשטאנען צווישן די שורות אז עכט ווארט מיין טאטע אז איך זאל עפעס טון דערוועגן, און אז ער וויל באמת נישט ווייטער טראגן דעם שווערן געוויכט פון מחלוקת אויף זיין געוויסן.

אבער אלס זון האב איך נישט געקענט מער רעדן מיט מיין טאטע וועגן די גאנצע נושא, איך האב אנגערופן דוד און אים דערציילט אז עס איז זיין ארבעט צו גיין ווייטער, ווייל אלס ברודער האט ער מער אפציעס אויפן טיש.

ווען איך האב נאכאמאל גערעדט מיט דוד, האט ער מיר פארציילט אז ער האט גערעדט מיט זיין ברודער וועגן מיין טאטע און זיין ברודער האט אויסגעבראכן אין א געוויין וואס ער האט נישט געהערט קיינמאל, איך האב פארשטאנען פון זיינע ווערטער אז ביי זיין ברודער איז די גאנצע מעשה אסאך שווערער.

דאן האט דוד באשלאסן צו ווערן מער פראאקטיוו.

"לאמיר זיין ווי אהרן הכהן," האט ער צו מיר געזאגט. "מיר וועלן עס מאכן אויסזען פאר יעדן פון זיי אז דער צווייטער וויל זיך פאררעכטן."

מיר האבן באשלאסן צוזאמען צו באשטעלן א פרעכטיגער טאץ פון פירות און עס שיקן צו מיין טאטע מיט א שיינע צעטל צוגעלייגט ווי כאילו ס'איז פון אברהמי, און געטון דאס זעלבע צו אברהמי, מיט א שיינע צעטל ווי כאילו ס'איז פון מיין טאטע.

א פאר שעה שפעטער האט מיין טאטע מיך גערופן, אבער ווען איך האב געענטפערט דעם טעלעפאן, האב איך נאר געהערט שטילע געוויין.

"אברהמי האט מיך גערופן," האט ער געזאגט בשעת'ן ארויסלאזן אן אטעם. "אברהמי האט מיך גערופן."

האט ער איבערגעזאגט. "ער האט מיר געזאגט מחול לך מחול לך מחול לך, און איך האב עס אים איבערגעג'חזר'ט, מיר האבן שלום געמאכט".

די מעשה וואלט זיך געקענט ענדיגן דא, און ס'איז גענוג אינטערעסירט אזוי ווי ס'איז און ווי דער אייבערשטער פירט זיין וועלט מיט א פונקטליכקייט, און ווי מיר האבן פונקט געטראפן דוד ביים ציון פונעם הייליגן צדיק פון באפעלא, און אז מיר זענען געווען די איינציגסטע דארטן און זיך גלייך געטראפן איינס דעם צווייטן אפילו מיר האבן זיך קיינמאל פארדעם געהעריג באקענט, און ווי דאס האט געקענט ברענגען נענטער דעם אייבערשטן צו אונז ווי ס'שטייט אז דער אייבערשטער'ס נאמען איז שלום.

אבער ברוך השם די מעשה האט א מער דראמאטישע ענדע.

מיין טאכטער פון 26 איז מיט א פיר וואכן שפעטער געווארן א כלה בשעה טובה ומצלחת.



איינמאליג?

# ניין,
# טויזנטער
# מאל!

*sruliHeskel

# סדר דרך הלימוד
## אויפן ברסלבין שטייגער

אײ וועסטו פרעגן ווי אזוי קען איך ווערן א שלום בית מאכער אויב איך אליין האב נישט קיין שלום בית... דאס איז נישט קיין פראבלעם... קיינער האט נישט קיין שלום בית!

די קולות גייען אין די הויכע טענער, ס'פארט איין מיטינג נאכן צווייטן, די גרויסע הכנות אין אונזערע אפיס קארידארן פאר דעם גרויסן 'סאטמארק' עקספא וואס קומט פאר אין קוים א וואך, נאך דא אזוי פיל וואס דארף געטון ווערן, א טוץ קליענטן זענען אויפן סקעדשול היינט פאר מיטינגען וואס מ'דארף זיך אלס צוגרייטן פארן גרויסן שאו.

איין קאסטומער האט פארלאזט דעם אפיס מיט א קלארע סטראטעגיע פונקטליך וואס ער גייט אלס ברענגען, הענגען און זיך ארויסשטעלןביים שאו און אין צען מינוט קומט דער נעקסטער קליענט.

מיין מיטארבעטער געבט מיר א שטיקל הקדמה אויפן נעקסטן קליענט: "הער אויס, ער מוטשעט זיך זייער, ער גייט נאר צום שאו אויף צו יוצא זיין השתדלות, ער איז אויסגעלאשן לגמרי, מיט זיינע אויגן זעט ער נאר אז ס'איז דערנאך..."

דעריבער קען מען נישט מאכן פאר אים קיין צודרייטע זאכן, נאר מיר וועלן עס מוזן האלטן גאר פשוט אז ס'זאל אים נישט זיין קאסטבאר, אבער אין די זעלבע צייט זאל אים עס מיטן אייבערשטן'ס הילף קענען ברענגען עפעס ביזנעס.

די זייגער קלאפט דריי און דער בחור איז דא! ער קומט אריין, ער זעצט זיך צום טיש און מיר הייבן אן דורכגיין און דיסקוסירן געדאנקען מיט פלענער, מ'גייט דורך די קאסטן און אזוי קומט ארויף א געדאנק און גראד פארט עס אראפ פון טיש וחוזר חלילה....

פלוצלינג געבט ער א זעץ אין טיש, זיינע אויגן לייכטן אויף, א שמייכל פון באק צו באק באווייזט זיך אויף זיין פנים, "איך האב עס!" געבט ער א רוף אויס מיט שטאלץ - "איך גיי ווערן א שלום בית מאכער!"

יא! דאס איז עס! איך ווער א שלום בית מאכער, נישט דא קיין אווערהעד, מ'דארף גארנישט משקיע זיין און די גאנצע געלט איז מזומן - שחור, וואס קען זיין בעסער ווי דעם?

איי וועסטו פרעגן ווי אזוי קען איך זיין א שלום בית מאכער אויב איך אליין האב נישט קיין שלום בית? ס'גארנישט, קיינער האט נישט קיין שלום בית!

דאס גיי איך טון!

איך כאפ זיך אן אין טיש און איך בייס זיך מיינע ליפן, איך געב זיך שטילערהייט א געזונטע ציפ צו מאכן זיכער אז איך חלום נישט און דאס וואס איך האב יעצט בייגעוואוינט האט ווירקליך פאסירט....

איך דאבל טשעק מיינע אויערן צו מאכן זיכער אז ס'ארבעט גוט...

ס'קלינגט מיר אין קאפ די שיעורים "ווי אזוי קען ער דיך העלפן אויב קען ער זיך אליינס נישט העלפן?" "אויב א מענטש נעמט געלט צו מאכן שלום בית איז ער א גנב" וכו'....

א סקרוך שמייסט אדורך די ביינער ווען מ'זעט בחוש אז דאס וואס דער ראש ישיבה זאגט אלס ביי די שיעורים איז גארנישט קיין גוזמאות נאר ליידער די ביטערע מציאות...

אפגעשמועסט האב איך מיט בערי שניצלער און שמילי אייכנשטיין אז היות מיר ווילן אלע פארן צו די סאטמארק ביזנעס שאו - וואס איז פארגעקומען דעם פארגאנגענעם דאנערשטאג פרשת בה"ב - לאמיר פארן אינאיינעם און נאכן שאו וואס קומט פאר אין מאנסי וועלן מיר שוין אריינפארן אין שטאט אריינכאפן צו קענען זיין ביי די אינגעלייט שיעור ניין אזייגער.

אזוי האבן מיר טאקע געטון. מיר האבן זיך געלאזט אין וועג אריין בערך פיר אזייגער, מיר זענען אנגעקומען בערך האלב נאך פינף. די שאו איז טאקע זייער שיין געווען, מ'האט געזען דארט גאר אינטערעסאנטע בוטס וואס געוויסע ביזנעסער האבן אוועקגעשטעלט, ווי אויך זענען געווען ביזנעסער וואס האבן זיך געהאט א קליין פשוטע טישל פון די זייט און לאו דווקא אז דער וואס האט משקיע געווען ווייס איך וויפיל געלט און אהערגעשטעלט פיתום ורעמסס האט מער מצליח געווען ווי דער מיטן פשוטן טישל ביי די זייט...

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר מענטשן וואס האבן געפרעגט אויב זאל

## דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**




מען זיך אוועקשטעלן ביי שאו'ס נעמען בוטס און ארויסשטעלן וואס די ביזנעס האט אלס צו פארקויפן וכו' האט דער ראש ישיבה געזאגט ס'ווענד זיך - אויב ווילסטו האבן מער קאסטומערס (קאָפּ-ווייַ) דאן יא איז עס א גוטע עצה... אבער אויב ווילסטו מאכן מער געלט - געלט וועט דיר דאס נישט ברענגען, געלט קומט פונעם אייבערשטן!

די זייגער קלאפט שוין זיבן דרייסיג און

די שאו איז אפיציעל געקומען צו אן ענדע, די שיינע אויפגעשטעלטע בוטס וואס האבן געקאסט שווערע אלפים זענען ביז מינוטן פארוואנדלט געווארן אין א הויפן מיסט און מיט דעם איז די שאו אפיציעל געווארן געשלאסן.

מיר כאפן זיך אריבער צו שיינערס שול וואס איז ממש א שפאן אוועק צו כאפן מנחה און מיר לאזן זיך ארויס צום שיעור.

אונזערע הערצער האבן פארפעלט א קלאפ ווען דער וועגווייזער האט אונז מודיע געווען אז מיר וועלן ערשט אנקומען קיין 27 סקילמאן אום 9:26!

מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן קענען אנקומען גענוג פרי נאך צו קענען זיין ביים שיעור און שכוח אייבערשטער אז דער ראש ישיבה איז טאקע אריינגעקומען אביסל שפעט צום שיעור אז ווען די שיעור האט זיך אנגעהויבן זענען מיר שוין געווען אויפן וויליאמסבורג בריק און מיר האבן אריינגעקלינגען דעם האטליין צו קענען מיטהאלטן.

דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן דעם שיעור און בערי רופט זיך אן יעצט גייט דער ראש ישיבה נאכזאגן דעם רבי רבי אלימלך וועגן די שטיקל פון אמונה... און וואונדער איבער וואונדער גייט נישט דורך קיין צען סעקונדעס און דער ראש ישיבה זאגט נאך טאקע דעם שטיקל.

איב האב געזאגט פאר די מיטרייזנדע אינעם קאר אז פאר עטליכע יאר צוריק האט דער ראש ישיבה געזאגט ביי א בחוקתי שיעור אז לכאורה איז זייער שווער דער רש"י וואס זאגט אם בחוקותי תלכו - שתהיו עמלים בתורה קוקט לכאורה אויס ווי א סתירה צום דרך הלימוד!

און ראש ישיבה האט געענטפערט אז ניין פונקט פארקערט! דער וואס לערנט און פארשטייט דאס לערנען שפירט דאך אין דעם לערנען אליינס אלע טעמים דאס הייסט נישט "עמלים"...

"עמלים" מיינט דער וואס נעמט דעם דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן בתמימות און זאגט די ווערטער אפילו ער פארשטייט נישט, ער ברעכט זיך די ציין, דאס מיינט עמלים בתורה!

און דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט די זוהר הק' ווי שטארק דער אייבערשטער

האט נחת רוח פון דעם וואס א איד זאגט ארויס די ווערטער פון די הייליגע תורה אפילו ער פארשטייט נישט, אפילו ער שטאמפלט און זאגט נישט ריכטיג ארויס די ווערטער - ודגלו עלי אהבה - דער אייבערשטער האט ליב דיינע טעותים.

האב איך געזאגט פאר די חברה אין קאר אז זייט דעמאלט ווארט איך שוין יעדעס יאר פרשת בחוקותי אז דער ראש ישיבה זאל נאכאמאל זאגן דעם פשט, אבער די לעצטע פאר יאר האט דער ראש ישיבה נישט געזאגט..

און איך לייג נאך צו אז אזוי ווי דער ראש ישיבה האט שוין אנגעהויבן די שיעור מיט רעדן וועגן בטחון וועט דער ראש ישיבה מן הסתם אויך דאס יאר נישט זאגן דעם פשט..

האלב נאך ניין זענען מיר אנגעקומען פארנט פון ישיבה מיר זענען ארויפגעלאפן מיט איין אטעם און איך האב געכאפט דאס ערשטע ליידיגע בענקל וואס האט זיך פאר מיר באוויזן.

אזוי ווי איך זעץ זיך אוועק הייבט דער ראש ישיבה אן צו זאגן דעם אויבנדערמאנטן פשט אויף אם בחוקותי תלכו שתהיו עמלים בתורה, אז דאס מיינט דווקא מיר וואס מיר מוטשענען זיך, מיר לערנען די תורה אפילו אן פארשטיין, מיר פלאגן זיך צו זאגן די ווערטער און מיר גייען נאך צדיקים מיט תמימות.

ס'האט מיר געגעבן צו שפירן דאס וואס ר' אברהם הערש וועבערמאן האט פארציילט מיט אזא בענקעניש אין זיין שמועס אויפן האטליין ביים קרעמל אפטיילונג אז ווען ער האט געוואוינט אין קרית יואל פלעגט ער דאנערשטאג נאכט אריינפארן צו מוהרא"ש'ס שיעור




און וואס מ'האט גערעדט אין קאר האט מען נאכדעם געהערט פון מוהרא"ש ביים שיעור!!

שבת איז מיר ערגעץ אונטערגעקומען איינע פון די היימישע מאגאזינען פון די לעצטע פאר וואכן און בלעטערנדיג בין איך אנגעקומען צו א קאלום פון קוריאזע בילדער... און איך באגעגן פלוצלינג א היימיש בילד - א בילד פונעם צעטיל וואס איז געהאנגען אין ביהמ"ד היכל הקודש האשקי וואס איז מודיע אז די סעודה איז נתנדב געווארן דורך מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו לרגל די דרייצנטע סיום הש"ס!

איך ליין דעם קעפל וואס שטייט דארט אונטערן בילד האט דער שרייבער געשריבן אזוי:

"א חשובער בחור אין קרית ברסלב ליבערטי האט צום דרייצנטע מאל מסיים געווען גאנץ ש"ס אויפן ברסלב'ער שטייגער".

ס'האט מיר געגעבן אזא איבל... קודם פארוואס איז דאס קוריאז? והשנית, שטעל דיך נאר פאר דער ציימונג שרייבער וועט שרייבן אזוי:

"א חשובער איד אין קרית ברסלב ליבערטי האט מסיים געווען ש"ס צום דרייצנטן מאל".

דאס וואלט פארלאנגט און געמאנט,

ווער וויל דען נישט מסיים זיין ש"ס? דרייצן מאל! איך וואלט וועלן געמוזט דערגיין די סוד וואס די ברסלב'ע פארמאגן, ווי אזוי קען א מענטש זוכה זיין צו אזא לעכטיגקייט פון די הייליגע תורה?

אבער אויב שטייט אז א "בחור" האט מסיים געווען ש"ס אויפן "ברסלב'ער שטייגער" דאן קומט שוין טאקע דאס בילד ביי די קאריאזע נייעס... פלוצלינג נאך אזוי אומשולדיג טוישן א ווארט צוויי פארלאנגט דאס שוין גארנישט, ס'מאנט שוין נישט, מ'געבט שוין א מאך מיט די יד הקטנה, אוי נעבעך די ברסלבע...

דאס איז וואס דער ראש ישיבה זאגט אונז כסדר, ריר נישט צו קיין מאגאזינען "אלע" פון זיי זענען איין שטיק ליצנות, ס'וועט דיר צום סוף קאלט מאכן דיין גאנצע אידישקייט!

שכוח אייבערשטער אז מיר האבן א דרך הלימוד מיר שטייען אין יו"ט שבועות די יו"ט פון קבלת התורה און מיר זענען פרייליכע מחותנים ביים חתונה מיר זענען איינס מיט די תורה מיר האבן וועג צו לערנען "אויפן ברסלב'ער שטייגער" צו זיין באהאפטן מיט די תורה!

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז פאר די התקרבות צום רבין איז שבועות געווען זייער א שווערע יו"ט דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יעדעס יאר פלעגט נאכאמאל זייער ווייגען וואס וועט דא זיין... אבער איינמאל מ'קומט צום רבין וואס געבט אונז די זיסע דרך הלימוד איז שוין ביטול הבחירה אין יעדן מצב וואס זאל נאר נישט אויף מיר אריבערגיין לערן איך און איך בין איינס מיט די תורה "אויף די ברסלב'ער שטייגער".

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

זעלטן?

# בכלל
# נישט,
# יעדן טאג!

*sruliHeskel

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



לחיים פון החתן דוד טשינאגל ני"ו עב"ג בת מו"ה נפתלי זאבעל הי"ו



ל"ג בעומר אין תלמוד תורה קרית ברסלב



מען ארבעט פיבערהאפטיג צו פארענדיגן די נייע ביהמ"ד 'היכל דוד'



ביים אויספלאסטערן די אריינגאנג צום נייעם בית המדרש


אוי
*sruliHeskel












**דער ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין תלמודי תורה היכל הקודש**





ביים געבן א שיעור פאר די בחורים פון ישיבת היכל הקודש ירושלים

מנחה מיט די בחורים פון ישיבת היכל הקודש ירושלים





ביים געבן א שיעור פאר אלע גבאים פון ביהמ"ד היכל הקודש אין ארץ ישראל

אין די גאסן פון ירושלים עיר הקודש










דער ראש ישיבה שליט"א ביים געבן א שיעור פאר מחנכים אין תלמוד תורה יסודי התורה ד'לעיקוואד



פייַנע פרישע
קאלטע וואסער
דערקוויקעניש
מים קרים על נפש עיפה
זכות אלע וואסער
סטאנציעס איין שבת
$1000
זכות וואסער
סטאנציע איין שבת
$180
להחיות בהם נפש כל חי!
*sruliHeskel

פאר די

# ברסלב׳ע

שטוב

# א גריס פון אונזערע שוועסטער אין ארץ ישראל

ש. טראכטער



מיין קינדער אלבום

מ. פאפענהיים



א לאכעדיגע רעספי

ג. פעקעטע

קרית ברסלב בלעטל וואונטשט אלע חשובע משפחות א פרייליכן שבועות

# וואַרעמע
# בּרעסטן



*אין קורצן פון פריער: בתי' - קינד פון ר' יודא לייב וזוגתו בילא מייזליק ז"ל איז געבוירן אויף דער עלטער. ווען בתי' איז געווען כמעט דריי יאר אלט י"ז אלול תרצ"ט האט אויסגעבראכן די ביטערע צווייטע וועלט קריג. די יונגע בתי'לע מיט די טאטע מאמע זענעבן געבליבן לעבן. זומער תש"ג זענען ביידע געווארן קראנק. גוטע אידן האבן רחמנות געהאט אויף בתי'.*

*און יעצט לייענט ווייטער:*

איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אויף די געזונט פון מיינע עלטערן, און בפרט מיין מאמע וואס איז געווען זייער שוואך, און די נס האט פאסירט. איין טאג האבן מיר באקומען א הודעה אז מיר דארפן אפנעמען א פעקל אין פאסט אפיס.

איך בין געגאנגען מיט מיין טאטע זען וואס די פעקל קען זיין. עס איז געווען א פעקל פון אמעריקא. אונזער נייגער איז געשטיגן. ווער פון אמעריקא שיקט אונז א פעקל?

קוקענדיג ווער עס האט דאס געשיקט האבן מיר געזען אז דאס קומט פון גינה, מיין מאמע'ס שוועסטער, וואס האט זיך געהאט אריבערגעצויגן קיין פלארידא, אין אמעריקא. די פעקל איז געווען אנגעפולט מיט גוטע געזונטע שפייז, קאנזארוון (קענס) און נארהאפטיגע שפייז.

פאר די קומענדיגע פינף וואכן האבן מיר יעדע וואך באקומען א פעקל מיט נארהארפטיגע שפייז וואס האט געקרעפטיגט מיין מאמע און אויך אונז, ביז די מאמע איז צוביסלעך צוריקגעקומען צו די כוחות

מיר האבן זיך ווידער איבערצייגט אז מיט תפילה פועל'ט מען און אז דער אייבערשטער פארלאזט נישט זיינע קינדער. מען דארף נאר בעטן דעם אייבערשטן.

אצינד איז די משפחה צוריק פאראייניגט געווארן. די טאטע און מאמע האבן זיך גענצליך ערהוילט און זיך



**12**

## ש. טראכטער

אפגעגעבן מיט זייער איינציג פארבליבן קינד. בתי' דערציילט אז פון יענע תקופה געדענקט זי א מראה וואס גייט איר נישט ארויס פון קאפ. אין די טעג וואס איר טאטע איז נאך געווען זייער אפגעשוואכט, פלעגט ער קוים האבן כח צו רעדן. אבער ווען עס איז געקומען ביינאכט און איר טאטע ר' יודה לייב האט זיך געזעצט ליינען קריאת שמע, האט ער ארויסגעזאגט יעדעס ווארט אזוי קלאר און דייטלעך, מיט כח און מח, מיט אזא מין רואיגקייט און שלוה וואס איז איר געבליבן איינגעקריצט אינעם יונגן מח

בתי' דערציילט אז זי האט נאך דאן נישט פארשטאנען די טייטש פון קריאת שמע, אבער די סצענע פון זען איר טאטע ליינען קריאת שמע האט געווירקט אויף איר אסאך שטארקער ווי אלע שיעורים וואס איז שייך און אזוי איז עס געווארן איינגעקריצט אויך אין איר הארץ. זי האט געזען א איד וואס האט פארלוירן אזויפיל אין לעבן, און דא שטייט ער רואיג אן קיין קשיות און טענות און געבט זיך איבער פאר'ן אייבערשטן.

נישט לאנג האט אנגעהאלטן די רואיגע תקופה. אין יענע צייט האט געבושעוועט די מאזלען (מיזעלס) און דאסמאל איז בתי' אנגעשטעקט געווארן. בתי'ס יונגע קערפער האט געברענט פון היץ בשעת זי איז געווען צו שוואך צו רעדן אדער אפילו עפענען די אויגן.

דער דאקטער איז געקומען איר אונטערזוכן. די מאמע האט אים געפרעגט אויפריכטיג, "זאג מיר דאקטער, וואס זענען די אויסזיכטן אז מיין טאכטער זאל איבערלעבן די קרענק?"

דער דאקטער האט אנגעקוקט בתי'ס מאמע מיט טרויעריגע אויגן און איר געזאגט, "טייערע מאמע, אלעס איז מעגליך. עס קען זיך מאכן א פאל איינס פון טויזנט אז איינער זאל זיין אזוי קראנק ווי אייער טאכטער און זאל זיך ערהוילן, אבער קיינמאל האט נאכנישט פאסירט א פאל אז א טויטער זאל זיך ערהוילן. אייער ארימע קליינע מיידל לעבט שוין נישט, און פון טויט קען מען זיך נישט ערהוילן."

טאטע און מאמע זענען דערשיטערט געווארן צו הערן ווי דער דאקטער האט דערקלערט בתי' "טויט." אבער א איד גיט קיינמאל נישט אויף.

ר' יודה לייב מיט זיין ווייב האבן זיך אוועקגעזעצט ביים בעטל פון זייער קראנקען טאכטער און אנגעהויבן זאגן תהלים מיט בכיות. די מאמע האט געוויינט צום אייבערשטן אין איר פשוט'ן שפראך און זיך מתבודד געווען, "הייליגער גוטער טאטע, וואס איז אונז נאך איבערגעבליבן חוץ די איין קליין טאכטער? מיר האבן איר א נאמען געגעבן בתי' נאך דיין הייליגער נאמען! מיינע זעקס קינדער זענען אויסגע'שחט'ן געווארן אויף קידוש ה', מיין עלטסטע טאכטער איז פארשוואונדען געווארן אין די מלחמה אין קיעוו. אויב נעמסטו אונזער בתיה'לע וואס האבן מיר אויף די וועלט?"

ביידע, טאטע און מאמע האבן אויסגעפלאצט אין א געוויין וואס האט געשפאלטן די הימלען, און געבראכן די שערי רחמים. אפילו חרב חדה מנחת על צווארו של אדם אל תתיאש מן הרחמים, די מייזלעקס האבן נישט אויפגעגעבן, זיי האבן געגלייבט אין די כח התפילה פון א איד און נישט אנגענומען דעם דאקטערס גזירה.

בשעת זיי זענען נאך געזעצן ביים בעטל פון בתי' האבן זיי פלוצלינג געהערט ווי זייער "טויטע" קינד רעדט און פרעגט, "טאטע, מאמע, וואס גייט דא פאר? פארוואס וויינט איר אזוי דא?"

דאס יונג קינד האט צוביסלעך געעפנט די אויגן און דערציילט פאר די ערשטוינטע עלטערן אז זי האט יעצט געזען פאר זיך דער זיידע 'חיים דניאל', ער איז געשטאנען נעבן איר מיט א שמייכל און געגלעט אירע באקן. דער זיידעס וועלכע האט שוין לאנג נישט געלעבט האט אויסגעזען ווי א מלאך און געשמייכלט צו בתי' און איר געזאגט, "מיין קינד, זיי שטארק און געזונט פאר די טובה פון דיין ארימע טאטע און מאמע, זיי האבן גארנישט אין די וועלט אויסער דיר, ליבלינג, איז זיי געזונט."

דאס קליין קינד האט דערציילט אז זי האט געוואלט גיין צום זיידן און אים א קיש געבן אין די האנט, אבער דאן איז ער פלוצלינג אוועקגעפלויגן, ארויסגעפלויגן פון פענסטער. זי פרעגט איר ערשטוינטע טאטע מאמע, "איר האט אים נישט געזען? ער איז געווען דא, ממש ביי די בעט..."

בתי' איז דאן איינגעשלאפן א טיפע שלאף פון אפאר שעה, און ווען זי האט זיך ערוועקט האט זי שוין געשפירט אסאך בעסער. די פיבער איז אראפ און ביז א קורצע צייט האט זי זיך גענצליך ערהוילט.

*ליינט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה*

ש. טראכטער



# א גריס פון אונזערע שוועסטער אין א"י

א איד פון בראזיל האט געשיקט זיין זון לערנען קיין אמעריקע צו די ישיבה פון דעם סאטמארע רבי זי"ע. ער האט מיטגעשיקט א בריוו מיט זיין זון וואס ער זאל איבערגעבן פאר'ן רבי'ן. ער האט געשריבן:

*אזויווי איך שיק אוועק מיין זון פון שטוב און ער וועט זיין ווייט פון טאטע מאמע, אלעס כדי ער זאל קונה זיין תורה און יראת שמים ביים רבי'ן, וויל איך בעטן אויב דער רבי קען זיך אומקוקן אויף אים און זען וואס ער מאכט.*

דער רבי האט געליינט דעם בריוו און צוריקגעשריבן:

*"אנשטאט איך זאל קוקן אויף דיין בחור'ל צו זען אויב ער שטייגט אין תורה ויראת שמים, ענדערש לערן אויס דיין זון אז ער זאל קוקן אויף מיר און אזוי וועט ער וואקסן אין תורה ויראת שמים."*

ווייל אויב א מענטש וויל זוכה זיין צו שטייגן אין עבודת ה' והי' עיניך רואות את מוריך, הייב אויף דיינע אויגן און קוק צו דיין רבי, דיין וועגווייזער, וועסטו שוין ווערן דערהויבן אין תורה ויראת שמים.

ווען אידישע קינדער זענען געווען אין מדבר איז געפאלן מן ביי יעדן'ס טיר באזונדער. קיינער האט נישט געדארפט צוקומען צו א צווייטן זיך צו מסדר זיין דערמיט. עס איז געקומען פון באשעפער אליינס.

מיר זעען אבער אז ווען עס איז געקומען צו קבלת התורה איז די תורה נישט געפאלן ביי יעדן'ס טיר.

נאר אלע אידן האבן געדארפט קומען צו בארג סיני און דארט אויפ'ן בארג האט דער אייבערשטער געגעבן די תורה "דורך משה רבינו". דורך א רבי. כלל ישראל איז געשטאנען און ארויפגעקוקט צו זייער רבי, זייער וועגווייזער. די וועג פון קבלת התורה והמצוות איז דורך א צדיק.

זייער אפט מאכט זיך א מצב ווען מען שפירט, "דער ראש ישיבה קוקט יא אויף מיר אדער נישט? איך בין יא אדער נישט אנגענומען ביים צדיק?" דארף מען זיך דערמאנען "אנשטאט דער רבי זאל זיך אומקוקן אויפ'ן בחור, זאלסטו קוקן צום רבי'ן און אזוי וועסטו שטייגן און גיין

העכער כסדר.״

דער ראש ישיבה שרייבט כסדר אז מוהרא״ש האט אזויפיל גע׳חזר׳ט ״מה שביד בטוח״ וואס איז אין מיין האנט, דאס איז פארזיכערט.

לעצטנס האט דער ראש ישיבה געשריבן אין א בריוו אז חלישות הדעת מוז זיין, דער שטן קען נישט זיצן שטיל בשעת ער זעט ווי זיין גאנצע ארבעט גייט לאיבוד, מוז ער אנדרייען דעם מענטש מיט כל מיני חלישות הדעת, אמאל איז עס צו דער צדיק דארף אים און אמאל איז עס צו ער דארף דעם צדיק.

איז וואס איז די עצה? וואס קען מען טון? ווען די מח ווערט אזוי צעמישט אז מען ווייסט נישט ווי מען שטייט און וויאזוי מען גייט ווייטער?

טוט מען וואס דער צדיק לערנט אונז און מען איז זיך מתבודד אויף דעם נאכאמאל און נאכאמאל. דער ראש ישיבה האט לעצטנס געשריבן אין עצתו אמונה וויאזוי מתחילת התקרבותו פלעגט ער אזויפיל וויינען צום באשעפער אויף די איין זאך. צו וויסן וואס צו טון, זיך נישט צו נארן, און געדענקען אז עס איז בוודאי יא דא... איך דארף עס נאר אדורכברעכן און אנקומען צום גאלדענעם בארג און פערל שלאס.

אין א שמועס מיט מיינע תלמידות האב איך אמאל געזאגט פאר זיי, ״וואס וועסטו טון אויב נאך די חתונה קומסטו איין טאג אהיים און דיין מאן בעט דיר עפעס וואס איז נידריגער פון דיין סטאנדארט אין רוחניות? דו ווערסט דאך אזוי צעמישט. פון איין זייט געדענקסטו אז מען האט דיר געלערנט איזהו אשה כשירה העושה רצון בעלה, א וואוילע פרוי גייט נאך די מאן. פון די צווייטע זייט איז דאס קעגן דיינע שאיפות (מיר רעדן נישט פון ברעכן ח״ו די תורה, נאר פון א שיינע זאך וואס דו האסט נישט, לאמיר זאגן טעקסט.)

וואס איז ריכטיג?

די מיידלעך קוקן מיט אויסגעשפיצטע אויערן און ווארטן צו הערן א באמבע אויסטרעף און איך האב זיי געזאגט אז איך האב אן עצה וואס צו טון, אבער די עצה איז זייער פארצייטיש, נישט היינטיג, און זייער יאנטשי. די עצה איז צעטיילט אין צוויי.

צום ערשט דרייט מען זיך צום אייבערשטן און מען איז מתפלל ״באשעפער, וואס טו איך דא? איך וויל זיין גוט, און איך וויל זיין ערליך און איך וויל זיין א גוטע ווייב, איך ווייס נישט וואס איז ריכטיג צו טון, איך ווייס נישט וויאזוי זיך אומצוגיין, איך בעט דיר טאטע באלייכט מיר די אויגן צו טון נאר וואס איז ריכטיג.״

און דערנאך גייט מען און מען פרעגט א מורה דרך, וואס דארף איך טון יעצט? און נישט נאר מען פרעגט, נאר מען פאלגט...

איין טאג באקום איך א טעלעפאן רוף פון א געוועזענע תלמידה, זי וויל מיר דערציילן אז זי איז געווארן א כלה. איך האב זיך זייער געפריידט און איר געוואונטשן ברכה און הצלחה און אינצווישן געב איך א פרעג אויפריכטיג, ״איך גלייב אז דו רופסט נישט ארום אלע דיינע לערערינס דערציילן די שמחה. איך וואונדער זיך וואס עפעס דו רופסט מיר?״ זאגט זי מיר, ריכטיג, זי רופט נישט ארום די גאנצע שטאב, נאר זי וויל מיר דערציילן א מעשה פון דריי יאר פריער, ווען איך בין געווען איר לערערין. זי דערציילט מיר אז איך האב געזאגט אין א שיעור אז זיי זאלן נישט זיין קיין בטלנים נאר יעדן טאג בעטן א קורצע תפילה צום אייבערשטן אז זיי זאלן זוכה זיין מיט זייער מאן צו לעבן מיט א מורה דרך. מיר האבן דאן אויסגעשמועסט וויאזוי דאס לעבן אן א מורה דרך איז ביטער און טינקל און ״אין שמחה כהתרת הספיקות״, ווען א מענטש ווייסט אז ער טוט ריכטיג איז ער רואיג און גליקלעך. וואויל איז די מענטש וואס איז זוכה דערצו אז יעדע ספק שמועסט מען אויס מיט א דעת תורה און מען פאלגט, דעמאלטס דערלייגט מען נישט.

די מיידל דערציילט מיר אז זי האט געטראכט צו זיך ״וואס האב איך צו דערלייגן? לאמיר יעדן טאג מאכן א קליינע תפילה צום אייבערשטן.״ אזוי האט זי געטון, יעדן אינדערפרי נאך שחרית האט זי צוגעלייגט אפאר אידישע ווערטער, ״באשעפער העלף אז איך מיט מיין מאן זאלן זוכה זיין צו לעבן מיט א דעת תורה.״

אויך דערציילט זי מיר אז זי איז אהיימגעגאנגען פרעגן איר טאטע ״ווער איז אונזער דעת תורה?״ און איר טאטע האט געלאכט און איר געזאגט ״ווער דארף א דעת תורה? איך בין נישט געבוירן אויפ׳ן בוים.״

דאס האט איר דערשראקן און מער מחזק געווען אז יא, זי וויל לעבן מיט א דעת תורה. זי דערציילט מיר אז זי איז יעצט א כלה געווארן און די ערשטע גריס וואס איר טאטע האט געהערט אויף איר חתן איז געווען ״א זעלטענהייט צו זען א יונגע בחור וואס רירט זיך נישט אן קיין דעת תורה.״

ווען זי האט מיר דערציילט די מעשה איז מיר געקומען טרערן אין די אויגן, איך האב געטראכט צו מיר נאכאמאל דאס שיינקייט און שטארקקייט פון אפאר ווערטער געזאגט צום אייבערשטן, און וויפיל מער און שטערקער מען איז זוכה צו פועל׳ן דורך התבודדות - א שמועס מיט׳ן אייבערשטן. און צווייטנס אז דו מיט דיין מאן זענען זוכה צו לעבן מיט א צדיק אמת, מיט א מורה דרך, דארף מען דאך אזויפיל תפילה צו נוצן די חכמת נשים בנתה ביתה און נישט פארקערט.

מיר דארפן אסאך תפילה אז מיר זאלן שטופן אונזערע מענער צו פרעגן און פאלגן און נישט ח״ו פארקערט, ״וואס פעלט אויס צו פרעגן? איך ווייס וואס די ענטפער גייט זיין, עס איז נאריש צו פרעגן יעדע זאך.״ פארקערט, מיר זאלן זיין די אשה כשירה, די ערליכע אידישע פרויען וואס ברענגען די מענער און די קינדער צום בית המדרש, צו א רבי צו פרעגן און צו לערנען און צו שעפן יראת שמים. מיר זאלן מחזק זיין אונזערע מענער, אשרינו אז מיר לעבן מיט א צדיק וואס ווייזט אונז וואס איז וויכטיג און וואס איז ריכטיג.

און דאס איז קבלת התורה. משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע. משה רבינו האט באקומען די תורה אויף בארג סיני און דאס איבערגעגעבן פאר אונז ווייטער, און ביז היינט גייט די תורה אויף דעם אופן, פון רבי צו תלמיד און אזוי ווייטער.

א פרוי פון אנשי שלומינו האט מיר דערציילט אז ווען זי האט אריינגעלייגט אירע קינדער אין די מוסדות איז זי געווען זייער התרגשות׳דיג. די וועג אנצוקומען אהער איז געווען פול מיט מניעות און שטיינער און אצינד האט זי געשפירט ווי קיין גליקליכערע ווי איר איז שוין נישטא, זי איז אנגעקומען צום שפיץ, זי איז שוין ״פארזיכערט״ אירע קינדער, אירע דורות

זענען ביים רבי'ן. דער ראש ישיבה האט זיי דאן אויפגעוועקט פון זיסן שלאף און זיי געזאגט, "מיינט נישט אז ווען די קינדער קומען אן אין היכל הקודש איז שוין סוף פסוק. מען דארף נאך אסאך תפילות און טרערן אז די קינדער זאלן נישט נאר זיך "דרייען" אין ברסלב, נאר טאקע "זיין" ביים רבי'ן.

אזוי דער ראש ישיבה דערמאנט אונז כסדר אז עס איז נישט גענוג זיך צו דרייען דא, נאר מען מוז אויך טון די עצות. צומאל פאפט זיך א מענטש אליינס און ער זאגט זיך אז "יא, יא, אוודאי מאך איך התבודדות און יא, יא, איך פאלג די שיעורים."

אבער טאקע בשעת מען איז זוכה צו מאכן התבודדות, זאל מען זיך מתבודד זיין און בעטן ביים אייבערשטן "באשעפער העלף מיר זוכה זיין צו טון די עצות."

דער ראש ישיבה זאגט אונז כסדר, "ווער איז נאנט? וואס מיינט נאנט? וואס מיינט התקרבות לצדיק? ווער עס פאלגט וואס עס שטייט אין רבינ'ס ספרים. מען קען זיין נאנט אין פלאץ אבער ווייט אין מח און פארקערט ווייט אין פלאץ אבער נאנט אין מח."

דאס האב איך זיך פריש איבערצייגט זייענדיג אין ארץ ישראל מיט אונזערע טייערע "נאנטע" שוועסטער פון ארץ הקודש, אז מען קען זיין ווייט אין פלאץ אבער אזוי נאנט אין הארץ.

דעם ל"ג בעומר האב איך געהאט די זכי' צו זיין אין מירון. א זייטיגע באנוס איז געווען די הערליכע מסיבה אין ירושלים פסח שני. מיר זענען אנגעקומען מאנטאג אינדערפרי, יענע נאכט איז פארגעקומען די מסיבה אין ירושלים מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

אריינקומענדיג אין זאל בין איך געכאפט געווארן אין שאק, איך האב ערווארטעט צו טרעפן צוואנציג אדער מערסטנס דרייסיג מענטשן. איך האב צוויי מאל געבלינקט מיט די אויג, מיינענדיג אז איך האב אריינגעבלאזשעט אין א זאל בטעות. אבער ווען איך האב דערקענט די לאגא פון "מיין לעבן", האב איך געוואוסט אז יא איך בין אין די ריכטיגע פלאץ, און יא די אלע הונדערטער (X2 רעכענדיג אויך די מענער) זענען געקומען זיך מחי' זיין מיט די פערל ווערטער פונעם ראש ישיבה.

עס איז געווען פאר מיר א מורא'דיגע שיינע איבערלעבעניש זיך צו באקענען פון דער נאנט מיט אזויפיל אחות לדעה... שוועסטערס מיט איין דעה. איך בין אריין מיט געמאסטענע טריט, ווי נישט בין איך א פרעמדער דא, ספעציעל אז איך בין געווען געציילטע שעות נאכ'ן לאנדן.

די פרויען, אנשי שלומינו, זענען אבער אלע געווען אזוי העפליך און צוגעלאזן אז ביז געציילטע מינוטן האב איך זיך געשפירט "אינדערהיים."

איין פרוי גיבט מיר א פרעג, "זאג מיר וואספארא חילוק זעסטו צווישן אמעריקאנע פרויען און ירושלימ'ער פרויען פון אנשי שלומינו?"

דער אמת איז אז אין חיצוניות איז טאקע דא א חילוק, אין די אויסשפראך, אונזערע אינטערעסן, עסן, קליידער און הלוך ילך איז אפשר טאקע זייער אנדערש, אבער די הארץ, די פנימיות איז אלעס די זעלבע. אין הארץ, אין מהות זענען מיר אזוי נאנט, אזוי די זעלבע. אלע ווילן טון וואס איז ריכטיג און ווילן קענען לעבן א לעבן פון אייבערשטער!

שמועסנ'דיג מיט אונזערע שוועסטער פון ארץ הקודש האב איך זיך געשפירט ממש באקוועם, די זעלבע מעשיות פון תפילה, די זעלבע אמונת חכמים, ליבשאפט, תמימות, ווארימקייט. עס האט זיך געשפירט "היכל הקודש'דיג" עס האט מיר געמאכט ווארעם אויפ'ן הארץ, איך האב געשפירט נאנט!!

דינסטאג האבן מיר זיך גע'ישוב'ט אויב מיר זאל פארן קיין בני ברק צו די סקול. למעשה האבן מיר אפגעמאכט אז מיר גייען אהין. עס האט זיך באמת אויסגעצאלט. מען קען נישט מסביר זיין אויפ'ן פאפיר די ווארימקייט וואס מען האט געשפירט צווישן די ווענט פון בית פייגא בני ברק. די אטמאספער איז געווען אזוי ליבלעך, היימיש און דערצו מיט א שטארקע דרך ארץ און כבוד. עס האט מיר דערמאנט די שיחה פון רבי'ן "ווען קעניגן וואלטן געוואוסט וואספארא דרך ארץ איך לערן אויס מיינע תלמידים וואלטן זיי אלע געשיקט זייערע קינדער אהער."

מען האט געשפירט די אחדות און שעצונג צווישן די איינגעשטעלטע און די תלמידות. אלע זענען געווען מיט איין דעה, צו הערן, צו פאלגן און אויסצופירן רצון צדיק. א הכנעה און תמימות אז מיר קומען מקבל זיין פון נחל נובע מקור חכמה מיט אן אמת.

אן אינטערעסאנטע מעשה'לע וואס איך האב געהאט אין ארץ ישראל: עס איז מיר אויך אויסגעקומען צו טרעפן אפאר פרויען פון ירושלים פון די "עכטע"... שמועס'נדיג מיט זיי האבן זיי מיר אינמיטן געגעבן א פרעג, "איר זענט ברסלבער?" (ווייזט אויס מען קען נישט באהאלטן די אידענטיטעט...) האב איך געגעבן א זאג, "ווענדט זיך ווען, היינט, ב"ה יא, בין איך ברסלב וויל איך האב ב"ה געמאכט התבודדות, איך בין מתפלל צום אייבערשטן אז מארגן זאל איך אויך זיין ברסלב."

א זייטיגע נקודה'לע... זיי האבן מיר געפרעגט וואו אין ברסלב איך דריי זיך, האב איך זיי געזאגט, "דארט ווי מען האט נישט געהאלטן פון דעם! ביי די "נישט עכטע..." ביי היכל הקודש." זעענדיג אז זיי האבן זיך צושמייכלט האב איך זיי געזאגט אז עס איז דא אזא שיינע חבורה אין ירושלים, עס איז ווערד זיי צו באקענען. איך האב זיי אויך געזאגט אז עס איז דא אזא שיינע קו (האטליין) וואס אפילו מען איז פון די "עכטע" מעג מען עס אויך הערן און מען ווערט נישט אויס "עכט"!!

לאמיר דיר פרעגן טייערע שוועסטער, דו ליינסט טאקע די "ברסלב'ע בלעטל, אבער ביסטו ברסלב? פאלגסטו די עצות פון צדיק? לאמיר מאכן תפילה אז היינט און מארגן און אייביג זאל איך מיט מיינע קינדער פאלגן און נאכגיין ערליכע אידן און זיך נישט האלטן קלוגער (ליין נארישער) נאר וויסן און געדענקן אז תורה און אידישקייט איז מען מקבל דור אחר דור פון רבי צו תלמיד און דאס איז א גאלדענע קייט וואס ציט זיך צוריק ביז משה רבינו. און אז איך און דו האבן די זכי' צו וויסן און לעבן מיט א צדיק, לאמיר מתפלל זיין אז מיר זאלן מחזק זיין אונזערע מענער און קינדער נאכצוגיין א צדיק און אנשטאט קוקן אויב דער צדיק קוקט צו מיר זאל איך קוקן צום צדיק און פאלגן מיט תמימות!

מ. פאפענהיים



איינס פון מיינע באליבטסטע באשעפטיגונגען אלס קליין מיידל - און אויך היינט... - איז געווען צו איבערקוקן די בילדער אלבומ'ס. איך האב געקענט זיצן שעות אויף די שיינע בילדער און עס באטראכטן נאכאמאל און נאכאמאל, איך האב הנאה געהאט זיך צו דערקענען אלס בעיבי, זען מיינע ברידער אלס קליינע אינגלעך אן קיין פיאות, און אלעס אויסשטעלן אין א שיינעם סדר.

די מערסטע האב איך ליב געהאט צו זען די בילדער פון די פריערדיגע דורות. ווען מיין מאמע איז געווען א קינד האבן זיי זיך נישט געקענט ערלויבן צו קויפן א קעמערע, עטס ווילסט וויסן וועלכע איך מיין, יא? די קעמערע פון פילם, וואס מען האט אריינגעלייגט א פילם, און דער וואס האט געכאפט די בילד האט אריינגעקוקט אינעם פיצל פענסטערל צו זען וואס ער ווערט אראפגעכאפט, און נאר נאכדעם וואס די גאנצע פילם האט זיך אויסגעניצט האט מען עס געקענט ארויסנעמען און גיין פרינטן, אויב האט מען פראבירט עס צו ארויסנעמען נאך פאר ווען עס איז געווען אויסגעניצט, האט זיך פארברענט די פילם, און די בילדער וואס מען האט שוין יא אפגעכאפט האט מען מער נישט געקענט זען.

וויבאלד זיי האבן עס נישט געהאט אינדערהיים, האבן זיי וועגן דעם אויך כמעט נישט קיין בילדער. אבער מיין עלטער באבע איז געווען דעמאלט אין חוץ לארץ אסאך יארן, איז מיין באבע איינמאל אין א תקופה אראפגעגאנגען צום פאטא געשעפט מיט אלע קינדער און דארט אויפן פלאץ אראפגעכאפט עטליכע בילדער פון די קינדער פאר טייער געלט, עס צו שיקן צו די פארבענקטע באבע, זאל זי אויך זען נחת פונדערווייטנ'ס.

# מיין קינדער אלבום

אלס א צען צוועלף יעריג מיידל פלעג איך זיך שטארק פארטיפן אין די בילדער, די מערסטע האט איך באטראכט די קליידונג פון די קינדער. די קינדער זענען געגאנגען אנגעטון אזעלכע אלטמאדישע קליידער, און איך - וואס איך בין שוין געווען זיכער אז איך ווייס באמת וואס איז שיין, און ווי אזוי מען דארף זיך אנטון צו אויסזען נארמאל.

אויב האט אמאל מיר געדאכט אז א מיידל האט געקרימט מיט די נאז אויף מיין קלייד האב איך עס מער נישט געוואלט אנטון, און איך האב שוין געטראכט אז איך האב ארויס וואס א צוועלף יעריג מיידל דארף זיך אנטון... און דא זע איך בילדער ווי מען גייט אנגעטון פונקט פארקערט פון וואס איך ווייס אז ס'איז ריכטיג...

אזוי אויך איז געווען דארט א פאספארט בילד פון מיין באבע, קורץ נאך די מלחמה פאר אנקומען אין ארץ ישראל, זי איז געווען א דרייצן/פערצן יעריג מיידל, הויך און שלאנק, און זי איז געגאנגען אויף אירע האר א גרויסע ריזיגע 'מאש' (שלייף) פון אויער צו אויער, איך האב זיך נישט געקענט אפוואונדערן פון דעם, ווי אזוי האלט זיך עס אויף איר קאפ? זי האט עס צוגעניינט? ארייגעשטעקט שפילקעס אין איר הויט? איך האב נאך קיינמאל אין מיין לעבן נישט געזען א 'נארמאל' מיידל אזוי גיין?!

אויך די בילדער פון מיין מאמע'ס קלאס חבר'טעס איז מיר געווען מורא'דיג אינטרעסאנט, אפיציעל האט די שולע נישט געלאזט ברענגען פאר די מיידלעך קעמרע'ס, נאר ביי מסיבות פלעגט מען אפכאפן א בילד פון די גאנצע קלאס צוזאמען. די בילדער פון די מסיבות פון פורים פלעגט מיר מאכן לאכן, ווי אזוי די מיידלעך האבן זיך פארשטעלט, מיט אלטע שמאטעס פון די באבע'ס בוידעם. און זיי פילן זיך נאך אזוי עלעגאנט מיט דעם! אזוי איז דארט אויך געווען א פאר בילדער פון די מיידלעך ביי פשוט'ערע געלעגנהייטן.

איינמאל פאר ווען א מיידל איז געגאנגען וואוינען אין א אנדערע שטאט, און מען האט געמאכט א געזעגענונג'ס פארטי פאר איר, און מען האט 'געמוזט' האבן א בילד מיט איר צוזאמען, האב איך געקענט דערשמעקן ווי אזוי די מיידלעך האבן זיך אנגעטון טאג טעגליך, איך פלעג באטראכטן די בילד מיט אויפגעריסענע אויגן, ווי אזוי האבן די מיידלעך זיך נישט געשעמט צו קומען אין קלאס מיט אזעלכע אלטמאדישע קליידער? קאלירן פון אמאליגע צייטן, און אנגעבלאזענע ערמל מיט ריזיגע קאלנערס?

איין אויבער חכמה האט איינמאל געברענגט אין שולע א קעמערע אן רשות, אינמיטן ריסעס האבן אפאר מיידלעך זיך באהאלטן אין א זייטיגע קלאס און זיך געמאכט א בילד צוזאמען, איך האב געזען אין די בילד דעם כיטרישן בליק אין די אויגן, און דעם צולאזטן שמייכל. זארגט'ס זיך נישט, די מנהלת האט זיך דערוואוסט פון דעם, מיין מאמע וואונדערט זיך נאך ביז היינט ווי אזוי, און די מיידלעך האבן באקומען ווי עס דארף צו זיין. אבער די בילד האט מען נישט געקענט אויסמעקן, און ס'איז געבליבן א זכר לחורבן.

די מיידלעך זענען אנגעטון דארט מיט דיקע סוועטער'ס, קאלירטע בלומעלעך... איך האב זיך אלץ געוואונדערט ווי אזוי די מיידלעך טראגן אזעלכע סוועטערס און שטייען נאך מיט אזא שטאלץ צווישן די חבר'טעס...

איינמאל האב איך געפרעגט מיין



מאמע אויף איין מיידל וואס שטייט אינדערמיט, און די ראזע בלומעלעך אויף די בלויע סוועטער האט מיר אויסגעזען אזוי פאני... "זי שעמט זיך נישט מיט איר סוועטער?" מיין מאממע האט זיך צושמייכלט: "זי? זי איז געקומען פון א באלעבאטישע שטוב, און זי איז אלעמאל געווען אנגעטון די שענסטע פון קלאס..."

איך האב עס נישט געקענט פארשטיין, אבער מיט די יארן פארשטיי איך עס בעסער און בעסער. ווען איך בין שוין געווען א גרעסערע מיידל איז פלוצלונג אפיר געקומען די ריזיגע מַאשן פון אונטער דער ערד, און איך האב שוין 'געכאפט' וויאזוי עס האלט זיך אויפן קאפ... איך האב שוין געמאכט אזעלכע שלייפן פאר מיינע יונגערע שוועסטער'ס, פאר מיר האט עס שוין נישט געפאסט, און אפילו פראבירט צו פארגלייכן צום בילד פון באבי, זיי זענען דאך אויס פונקט ווי איר, נישט אזוי?

ערב פורים שלעפ איך אראפ די פארשטעלעכץ פון בוידעם, און מיינע קינדער זענען ברוך השם גליקליך און צופרידן. און צו מיין ברודער'ס חתונה האב איך געמוזט האבן א קלייד מיט אויפגעבלאזענע ערמל, און מען האט אריינגעלייגט עקסטערע פלאסטיק און קישעלעך אז עס זאל זיך האלטן שיין די גאנצע חתונה... און די סוועטערס מיט די אויסגענייטע בלומעלעך... דאס דארף איך שוין נישט מסביר זיין ווי שיין עס איז...

דעם פאראגאנגענעם ווינטער האב איך קאמפלימענטירט מיין שוועסטער אויף איר נייעם סוועטער, זי האט זיך צושמייכלט און מיר דערציילט אז ווען זי איז ארויס אין די געשעפטן אנפאנג סעזאן איז זי שאקירט געווארן פון די גרינע סוועטערס אין יעדע 'געהעריגע' געשעפט. די קאליר האט איר דערמאנט פון אונזער באבע וואס פלעגט זיצן מיט איר גרינעם געשטריקן סוועטער, נעבן דעם נאפט אויוון און זאגן תהילים.

די מיידלעך כענען אנגעטון דארט מיט דיקע סוועטער׳ס, קאלירטע בלומעלעך... איך האב ליב אלץ געוואונדערט ווי אזוי די מיידלעך טראגן אזעלכע סוועטערס און שטייען נאך מיט אזא שטאלץ צווישן די חבר׳טעס...

זי האט מיר געזאגט איך האב געשפירט אז איך קען זיך נישט אנטון באבי'ס סוועטער! איך בין נאך צו יונג פאר דעם! אבער נאכן זיך דרייען אין אלע געשעפטן און זען אז נאר דאס איז דא, האב איך זיך געוואגט עס צו אנמעסטן און איך האב געזען אז עס שטייט זייער גוט, און ניין, איך ווער בכלל נישט אלט...

מיר האבן געלאכט, אבער נאכדעם בין איך געווארן ערנסט, וואס איז אמת'דיג שיין? איז דא א קאליר אדער מוסטער פון א קלייד וואס דאס האט אלעמאל א חן? יא! נאר די תורה וועג איז שיין... נאר די תורה וועג געבט חן...

מיר גייען יעצט באקומען א הערליכע שיינע תורה, וואס דארט איז דא קלארע אנווייזונגען ווי אזוי אלעמאל צו אויסזען שיין, מיט א אמת'ן חן. און נישט נאר אלץ דעם, נאר אויף יעדע ריר אין לעבן, שטייט דארט ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן, עס שטייט דארט ווער עס האט אלעס באשאפן, און ווער עס פירט אלעס.

ווי אזוי צו מכבד זיין א טאטע מיט א מאמע, ווען און וויפל צו טון חסד, וויפל טעג א וואך צו ארבעטן און ווען צו זיך אפרוען... און ווי אזוי צו האלטן א הערליכן שיינעם און ריינעם פאמיליע לעבן.

ווי אזוי צו אפלערנען און פארשטיין די געשריבענע תורה - די תורה שבכתב, קען מען נאר מיט די תורה שבעל פה, די תורה וואס גייט אריבער אויסנווייניג פון דור צו דור, אנגעפאנגען פון משה רבינו. און אפילו היינט איז שוין אפגעשריבן מסודר די תורה שבעל פה, נאכדעם וואס אונזער גרויסער רבי ר' יהודה הנשיא, רבינו הקדוש האט געזען אז ס'איז א סכנה פון פארגעסן ווערן.

און מיר האבן א פולע שיינע ספרים שאפע מיט חומשים, משניות, גמרא, מדרש, אגדה און שולחן ערוך, און נאך טויזנטער ספרים פון אלע גדולים אין אלע דורות, אז עס מאכט זיך א שאלה אין דעם טאג טעגליכן לעבן, דארף מען גיין צו א ערליכן דיין וואס זאל פסק'ענען די הלכה.

מען קען שפירן די זיסקייט און שיינקייט פון די תורה נאר ווען מען האט א וועג ווייזער, א מורה דרך וואס באלייכט דעם וועג.

פאר אונז בלייבט נאר צו דאנקען און לויבן דעם גרויסן באשעפער פאר די טייערע מתנה, און עקסטער דאנקען אויף די צדיקים וואס דער באשעפער האט אראפגעשיקט אין יעדן דור צו ווייזן דעם וועג. "העלף אונז הייליגער באשעפער מיר זאלן קיינמאל נישט אוועקגיין פון דעם צדיק און מיר זאלן נאר ווערן נענטער און נענטער צו דיר."



# LOOK! WE'RE OPEN

**OPEN MONDAY & THURSDAY, 12-5**

CARING FOR ALL YOUR
OPTICAL NEEDS, ALL YEAR ROUND.

EYE DOCTOR
ALL YEAR ROUND

845.482.9394 | REFUAHHEALTH.ORG
36 LAUREL AVE. SOUTH FALLSBURG, NY 12779

OPTICAL AT
RefuahHealth

1885 NY-52 LIBERTY, NY 12754 | 845.482.5008



ג. פעקעטע

# אלאכעדיגע רעסעפי

"cooking is an art, baking is a science"

ווען מען קאכט, לייגט מען אריין די גאנצע הארץ אין די געקעכטס, און דאס איז די טעם וואס מען קען שפירן ביים עסן, די הארץ פון א אידישע פרוי וואס איז געשטאנען און געמישט, און געשעפשעט תפילות אז די עסן זאל אויסקומען פיין און האבן א גוטע טעם..

אבער ביים באקן איז דא א סייענס, עס איז דא א מהלך וואס מען דארף נאכפאלגן. די ערשטע סטעפ אוודאי איז תפילה, מען זאגט א קורצע תפילה, מ'בעט דעם אייבערשטן אז אלעס וואס מען באקט זאל אויסקומען שיין, פיין און גוט יערן, אבער נאכדעם דארף מען פאלגן פונקטליך די אנווייזונגען אויב וויל מען אז די תוצאה זאל זיין פונקטליך געלונגען און שיין.

זיסי האט זיך געגרייט צו באקן א פיינע דריי שטאקיגע טשיז קעיק, לכבוד שבועות. איר חבר'טע וואס האט אפאר וואכן צוריק געוויזן די הערליכע טארט, האט איר אנגעזאגט אז זי מוז דאס מאכן, ווייל דאס איז א היט פון א קעיק, עס איז נישט צו שווער, אבער די ענד רעזאלטאטן איז הערליך שיין, און די טעיסט האט א טעם פון א טייערע טייערע געארדערטע קעיק, וואס מען באשטעלט ביי פראפעשינעל בעקערים; נו, טראכט זיסי ביי זיך, ווי שווער קען שוין זיין צו מאכן א קעיק, איך באקום דאך פון מיין חבר'טע פונקטליכע אנווייזונגען, איך גיי עס נעמען, און פראבירן נאכמאכן.

די בילד וואס זיסי'ס חבר'טע האט איר געוויזן, איז געווען א הויכע קעיק

פון דריי שטאק, די אונטערשטע פון שאקאלאד, די מיטלסטע פון לעמען, די אויבערשטער פון טשיז קעיז, פארשטייט זיך, מיט א רינענדיגע גלעיז פון אויבן געמאכט פון קאוקאו.

זיסי נעמט די צעטל אנווייזונגען און הייבט אן ליינען, דארט שטייט מען זאל ארויסנעמען די ווייסע שיסל וואס האט אין דעם די ביטערס - די צוויי רינדעכיגע טיילן וואס קלאפן צאם א קעיק; זיסי אבער האט נאכנישט געהאט אזא מאשין, האט זי געקלערט צו זיך, 'וואס איז שלעכט אז איך וועל ניצן א שיסל און עס צאמקלאפן מיט א גאפל'. נו, געגאנגען, ווייטער ליינט זי אז מען זאל נעמען 10 אייער, און עס צוטיילן, און פון דעם אויפקלאפן א שניי; זיסי איז געווען אינגאנצן פארלוירן און פארוואונדערט פון אזא מאדנע אנווייזונג.

זי האט זיך דערמאנט פון די ביכל וואס זי האט אמאל אלס קינד געליינט ביים ווארטן אויפן דענטיסט.

ס'איז געווען א ביכל פון אמיליע באדיליע - א נארישע העלפערקע - וואס איז געקומען העלפן ביי איינעם אין פאלאץ, וואס ביי זיי איז די שטוב ארבעט בכלל נישט וויכטיג. דאס געבט מען אוועק פאר די העלפערקע, אויפצורוימען, צאמצוקלאפן, צושטעלן אלעס וואס פעלט זיך אויס פארן הויז. אויך לאזט מען איר אפווארטן די קינדער, און זיי שטיל מאכן מיט עפעס א נארישע שפילצייג, וואס די קינדער פארקוקן זיך דערויף שעה'ן נאך שעה'ן, און פארלירן זייער גאנצע שמחת החיים וואס די יונגווארג פארמאגן ווען מען לאזט זיי וואקסן געזונט, שפרינגען און טאנצן און פארברענגען מיט שפילצייג, און אויספראבירן אלע סארטן זאכן וואס זייערע נייגעריגע מוחות ווילן פארשטיין..

דערווייל זיצט די מאמע אין אן אפיס אויף א הויכע בענקל, און ווילט אפ אירע טעג און יארן מיט דריקן קנעפלעך אויף די קיבארד פון די קאמפיוטער, וואס דאס קען

> איין זאך האט זי אבער נישט געקענט פארשטיין, אויב שטייט דארט עס זאל ווערן א שניי, נו, ווי אזוי ווערט דאס א שניי? זי ברעכט זיך קאפ, זי פראבירט זיך צו דערמאנען.

מען אויך אנרופן - אין אנדערע ווערטער- מאלן וואסער, ווייל מארגן גייט זי נאכאמאל צוריקגיין, און איבערשרייבן, איבערשיקן די וויכטיגע אימעיל מיט צענדליגע טוישונגען וואס די קאמפאני האט מחליט געווען אז עס גייט יעצט אריינגיין אין עפעקט.

אזוי איז דארטן געזעצן די העלפערקע אמיליע באדיליע. איר באלעבאס האט איר איבערגעלאזט א צעטל צו באקן א טארט, ווייל די מומע פון אויסלאנד גייט קומען אויף א באזוך. די ערשטע זאך אין די אנווייזונגען איז געווען טאקע אט דאס - דערמאנט זיך זיסי - צו נעמען אפאר אייער און עס אפטיילן. זיסי האט געלאכט ווען זי האט זיך דערמאנט ווי די נארישע קאפ האט גענומען 2 אייער און געלייגט איינס אויפן קאך טיש, און די צווייטע אין די שלאף שטוב, ווייל זי האט פארשטאנען אז מען דארף זיי צוטיילן... אזויפיל האט זיסי נאך געוואוסט נישט צו טון, האט זי געטראכט צו זיך, איז וואס דען קען מיינען צוטיילן די אייער? מסתמא מיינט עס אויפקלאפן די אייער און דערנאך אראפנעמען האלב, עס זאל ווערן צוטיילט.

אזוי האט זי טאקע געטון, זי קלאפט אריין אירע צען אייער אין איר שיסל, קנאקט עס אויף מיט איר גאפל, ביז עס ווערט א לייכטע געלע געמישאכטס, און מיט א מעסטן-גלאז נעמט זי אראפ פונקטליך האלב, עס זאל זיין גוט צוטיילט, און זי לייגט עס אוועק אויף שפעטער.

די נעקסטע זאך צו טון אין די קעיק איז צולייגן א גלאז און א האלב צוקער. זי האט שוין גוט געוואוסט אז א האלבע גלאז מיינט נישט אז מען זאל צוקראכן די גלאז און ניצן נאר האלב, ווייל זי האט געדענקט די חוזק ווי אמיליע באדיליע האט אויסגעקוקט אין די בוך.

אבער ביים קלייבן א גלאז טראכט זיסי צו זיך, לאמיך מאכן די קעיק אלס זיסער, לאמיך אויפזוכן די גרעסטע גלאז וואס איך פארמאג דא ביי מיר אין שטוב. זיסי האט געהאט א וואז-קאנטשאל וואס זי פלעגט ארויסלייגן שבת צום טיש,

האט זי אנגעפילט יענע גלאז ביז אויבן איינמאל, און עס צוגעגאסן צו איר שיסל פון לייכט געלע אייער געמישאכטס, דערנאך האט זי צוגעגאסן נאך א האלב פון די וואז-קאנט שאל, און עס אנגעהויבן מישן אזוי ווי עס שטייט ביי די אנווייזונגען.

אין זאך האט זי אבער נישט געקענט פארשטיין, אויב שטייט דארט עס זאל ווערן א שניי, נו, ווי אזוי ווערט דאס א שניי? זי ברעכט זיך קאפ, זי פראבירט זיך צו דערמאנען ווען זי האט געזען עפעס א עסן אדער אינגרידיענט וואס זעט אויס ווי שניי, און יא! זי טרעפט צו, זי לויפט שנעל צו די שאנק און זי נעמט ארויס קאנפעקשן צוקער, דאס זעט דאך אויס ממש ווי שניי, מוז זיין אז דאס ווערט מאכן דא די זאך. זי נעמט איר פעקל קאנפעקשן צוקער און גיסט עס צאם מיט די צוקער'דיגע אייער'דיגע געמישאכטס.

ווייטער, זי האט שוין נישט קיין געדולד אויסצולייענען די קליינע ווערטער אונטן, וואס ס'שטייט ווי אזוי מ'זאל מישן די צוקער מיט די אייער ביז ס'ווערט שניי, און ווען ס'איז שוין א שניי, קען מען עס טעסטן צו זען אויב עס באקומט הארטע שפיצן, וואס האלטן זיך שיין, אבער דאס זי האט שוין נישט אויסגעליינט, לויפט זי ווייטער צו די נעקסטע אינגרידיענט. דארט זעט זי אז מען זאל צוגיסן פיר גלעזער מעל. נישט קיין פראבלעם..

נאכאמאל צולאכט זי זיך פון די מעל וואס אמיליע באדיליע וואלט ווען געטון אין א מצב ווען זי רעדט ווען אידיש, זיכער וואלט זי ארויסגעלאפן צו די פאסט קעסטל און אנגעפילט פיר גלעזלעך 'מעיל' - וואס דאס זאגט מען אין אידיש 'פאסט', און אריינגעגאסן אין די טארט, אבער נישט איך - טראכט זיסי צו זיך מיט איר זעלבסט רעספעקט, איך ווייס בעסער ווי דעם.

זי גייט צו איר שאפע און וויל נעמען די מעל, אבער זי זעט אז עס איז געבליבן נאר צוויי גלעזער מעל. קלערט זי צו זיך, וואס איז שלעכט אויב איך וועל אריינלייגן א צווייטע זאך אחוץ פון מעל, אנצופילן די נעקסטע צוויי גלעזער וואס איך האלט אין די האלטער פון מעל. זי טראכט צו זיך וועלכע נאך זאך אין איר שאפע קען אויסזען ווי מעל, און אירע אויגן פאלט ארויף אויף א געלע פושקע וואס האט דארטן א בילד פון א קארן וואס שמייכלט און לאזט איר גרינע שאלאכץ פאלן אויף די זייט; אה, דאס איז עס, קלערט זיסי, דא האב איך עפעס וואס קוקט אויס, און שפירט זיך זייער ענדליך צו מעל, לאמיר דאס שטעלן אנשטאט די צוויי גלעזלעך מעל וואס פעלט מיר.

זיסי גייט ווייטער און ווייטער מיט איר רעסעפי, און זי האלט אין איין צולייגן אראפנעמען, און אויפטוישן לויט איר פארשטאנד. ווען ס'איז געקומען צו די קאוקאו, האט זי געקלערט אז קאוקאו מאכט א גרויסע שמוץ ווען מ'גיסט עס, אנשטאט דעם וועט זי נעמען פארטיגע שאקאלאד, וואס מאכט נישט אזא שמוץ און זי וועט אנפילן פונקטליך צו די מאס, וויפל קאוקאו מ'דארף לייגן, און אריינלייגן די שטיקלעך שאקאלאד אנשטאט דעם, עס וועט זיך סיי ווי אויפלאזן אין די אויוון, און דערנאך וועט עס דאך צוריק ווערן צו קאוקאו פון וואס מ'מאכט עס אריגינאל.

ווען מ'האט געדארפט לייגן ניס, און זיסי האט נישט געהאט די וואלנאט וואס מען האט געדארפט אריינלייגן, האט זי געדענקט אז אין איר שאפע האט זי א געווירץ, א ספייס, מיט די נאמען נאטמעג. זי האט קיינמאל נישט פונקטליך



פארשטאנען וואס מען נוצט עס פאר, אבער דא אז עס פעלט איר ניס קען זי דאך אריינגיסן פון די געווירץ, עס הייסט דאך עפעס ניס, וואס קען זיין שלעכט? און אזוי איז זיסי געגאנגען ווייטער און ווייטער מיט איר קעיק, זי האט שוין קוים געקענט ווארטן צו ארויסנעמען די פערפעקט קעיק און ווייזן פאר איר חבר'טע ווי טויגליך זי איז, אז זי האט געקענט אליינ'ס נאכמאכן די זעלבע קעיק, וואס איר חבר'טע האט איר קוים פריער געוויזן די בילד, און דא האט זי עס שוין פארטיג געמאכט ביי זיך אינדערהיים, אן דארפן – אפילו איין מאל – אנרופן איר חבר'טע פרעגן פונקטליך אויף די אנווייזונגען ווי אזוי מען טוט דאס, אדער וואס באדייט דאס און יענץ.

* * *

פאר מיר לאזן זיך ארויס צו נאכפאלגן די פונקטליכע אנווייזונגען, געדענק: משה קבל תורה מסיני, ומסרה ליהושע, ויהושע לזקנים, און אזוי ווייטער.

די תורה דארף מען לערנען פון א צדיק. אזוי ווי ביי הר סיני, האבן די אידן נישט געקענט פארנעמען צו הערן די עשרות הדברות פון דעם אייבערשטן אליין, נאר זיי האבן געדארפט האבן משה רבינו – א צדיק זאל זיי עס איבערגעבן כדי עס צו קענען מקבל זיין, און מקיים זיין ריכטיג.

די הייליגע תורה איז געגעבן געווארן צו אונז אלס אנווייזונגען, אונז צו העלפן מאכן א שיינע, געשמאקע, זיסע לעבן פאר זיך.

איז דא א פרוי וואס קלערט צו זיך, איך ווייס.... עס שטייט דאך אין די תורה נישט אנצוצינדען א פייער שבת. אוודאי צינד איך נישט אן א פייער! אויך וועל איך נישט אנצינדען סיי וועלכע זאך וואס ווערט געמאכט מיט א הייצונג וואס קוקט אויס ווי פייער! ביי אונז אין שטוב וועט מען נישט לאזן קיין שום זאך זיך ווארעמען, נישט א קראקפאט, נישט קיין האט-פלעיט, נישט די סטים – הייצונג, און אויך נישט די פערקאלעטער. שבת, די לעכטיגע טאג, די הייליגע טאג, וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן צו הנאה האבן דערפון, שטייט זי אויף, און קען זיך נישט כאפן דאס אטעם, דערווארעמען איר טאג, אזוי ווי זי טוט אין א געוועהנליכע וואכן טאג; זי האט נישט איר קאווע, און דאס מאכט איר מער אנגעשטרענגט, מער נערוועז און אין נישט א גוטע גוסטע..

שפעטער ביי די סעודה, ווען אירע קינדער האלטן נישט ביים עסן די פיש, האט זי זיי ווייטער נישט צו געבן א פיינע ווארעמע טשולענט, ווייל זי האט פארשטאנען אז אין די תורה שטייט בלויז אז מען קען נישט אנצינדען א פייער אום שבת.

נאכדעם איז דא פרויען וואס פארשטייען אז ווען מען דארף זיך היטן, דארף מען נעמען איין איי און עס לייגן אין קאך, און די צווייטע גייט אין שלאף שטוב; אבער נישט דאס איז וואס די תורה וויל פון אונז. די תורה וויל אז מאן און ווייב זאלן לעבן בשלום, זאלן לעבן צוזאמען. נאר עס קומט אמאל א צייט וואס די תורה זאגט יעצט זאל מען לעבן צוזאמען מיט גוטע ווערטער, מיט שמועסן, מיט פארברענגען לויט די הלכה...

קען אבער א פרוי מיט איר אייגענע פארדרייטע שכל בעסער – חס ושלום – פארשטיין, און קלערן אז ניין, איך וועל עס קודם אויפקלאפן, און נאר דערנאך עס אפשיידן און אוועקלייגן אויף שפעטער; אבער אויב רופט מען נישט אן א דיין, אויב פרעגט מען זיך נישט נאך ביי אן ערליכער איד, וואס איז די ריכטיגע וועג צו א זיסע לעבן, וואס צדיקים ווייסן יא ווי אזוי צו מאכן א לעבן געשמאק, מען זאל האבן שלום בית, פרנסה, נחת... מען זאל טרעפן א וועג צו זיין פרייליך, נישט מקנא צו זיין, און ווערן אלס נענטער צום אייבערשטער, ווערט מען אינגאנצן פארפאטשקעט, מען ווערט פארפארן, און עס קומט נישט ארויס די תוצאה וואס דער אייבערשטער האט אונז געוואלט געבן ווען ער האט געגעבן די הייליגע תורה. עס קומט ארויס אן אייגענע געמישטע שמויזאכטץ.

צומאל איז דא א פרוי וואס קלערט אז זי וועט צולייגן, אויב דארף א פרוי גיין בצניעות, וועט זי זיך איבערדעקן מיט א זאק פון קאפ ביז פיס..

צומאל קלערט א פרוי אז עס איז נישט ממש אזוי... און עס וועט גארנישט געשען אז זי וועט אראפנעמען אביסל, עס מאכט דאך נישט א גרויסע חילוק אויב איך לייג אריין מעל, אדער איך טויש עס אויף מיט א צווייטע זאך....

אבער נאכדעם וועסטו אליין ליידן, מיין טייערע שוועסטער! ווייל נאר דורך אנרופן און פרעגן אנווייזונגען פון אן ערפארענעם, וואס דאס הייסט, הערן הדרכה ווערטער פון אן אמת'ע ערליכער איד, א צדיק, ווי אזוי מען פירט זיך לויט די תורה, ווי אזוי צו פארשטיין די הלכות וואס קוקן אויס אומפארשטענדליך צו אונזער אומעקספיריענסד אויגן, קען מען צוקומען צו לעבן א חיים טובים, צו שפירן אז 'תורה איז די בעסטע סחורה'..

ווייל אן א צדיק'ס הדרכה, אן הערן ווי אזוי אונזערע חכמים און אונזערע צדיקים, פון יעדן דור, ווייזן אונז אן די ריכטיגע וועג ווי אזוי זיך צו פירן, קען מען זייער גרינג און שנעל פלאפן אונזער אייגענע געשמאק אין לעבן.

קינדער בלעטל

# גראף פאטאצקי

- ש. טראכטער



# גראף פאטאצקי

א געצערטלט איינציג קינד פון דעם גרויסן שר איז גראף פאטאצקי געווען. עס איז נישט געווען א זאך וואס מען האט אים נישט נאכגעגעבן. יעדע הנאה, יעדע תאוה, יעדע וואונטש איז גלייך ערפילט געווארן. אלץ יונג קינד האט דאס קליינע פאטאצקי זיך געוואלט גליטשן אויף די שניי. אבער עס איז געווען אינמיטן זומער. וואס קען מען טון? נישט געזארגט. די געטרייע משרתים האבן געברענגט בערג פון ציקער און דאס אויסגעגאסן אויף א בארג און אזוי האט דאס קליין געצערטלט קינד זיך רואיג און זארגלאז געקענט גליטשן אויף די בארג שניי אפילו אינמיטן זומער. און אז עס איז געווען ווינטער און ער האט געוואלט שווימען? האט מען אים געבויעט א שווים באסיין (pool) און עס אנגעפולט מיט וויין.

אבער די אלע תאות עולם הזה האט אים נישט געזעטיגט. זיין נשמה האט געצויגן צו עפעס העכער, צו עפעס מער. עס האט געצויגן צום באשעפער.

דעם צווייטן טאג שבועות געפאלט אויס די יארצייט פונעם באקאנטן גר צדק ר׳ אברהם בן אברהם פאטאצקי. ווען דער הייליגער צאנזער רב האט גערעדט פון גראף פאטאצקי פלעגט ער זאגן ״די הייליגע פאטאצקי.״

וואס איז די מעשה מיט׳ן גראף פאטאצקי וואס איז געגאנגען על קידוש ה׳? לכבוד שבועות ברענגען מיר אראפ די שטוינענדע מעשה אנגעפולט מיט מסירות נפש פונעם הייליגן גר צדק ר׳ אברהם בן אברהם.

משפחת פאטאצקי איז געווען א משפחה פון דורות פריצים און שרים. די טאטע פון גראף פאטאצקי איז געווען א ריזיגע שר. ער האט געהערשט אויף 999 שטעט. ער האט בכוונה נישט איינגענומען אדער אפגעקויפט נאך שטעט, ווייל ער האט געהאלטן אז אזוי וועט עס זיין מער א מצב. דער שר פון 999 שטעט, הערט זיך בעסער ווי דער שר פון 1000 שטעט. יארן האט דער שר נישט געהאט קיין קינדער. ווען עס איז אים ענדליך געבוירן געווארן א זון, האט דער טאטע זיך געלאזט קאסטן אלע געלט אין די וועלט אז זיין זון זאל וואקסן צו זיין א מושלם אין יעדע חכמה וואס איז שייך. דער קליינער פאטאצקי זון איז געוואקסן א שם דבר. ער איז געווען שיין און קלוג און געהאט א מהות פון מלכות אין זיך. ווען ער איז אונטערגעוואקסן האט מען אים געשיקט צו די בעסטע לערערס אין ווילנא, כדי ער זאל קענען אלע חכמות וואס איז שייך. מיט זיין גוטע קאפ האט ער אלעס אויפגעכאפט שנעל און גרינג.

גראף פאטאצקי האט געלערנט אינאיינעם מיט א חבר פון פוילן. צוזאמען האבן זיי באשלאסן אז זיי ווילן זיך גיין משלים זיין אין פאריז וואס איז דאן געווען די הויפט שטאט פון חכמות. ער האט געוואלט דארט גיין אין א קאלאזש. פארשטייט זיך אז דער טאטע איז געווען זייער שטאלץ מיט זיין זון און אים אוודאי אויסגעצאלט די רייזע אהין און דאס לערנען און אים מיטגעגעבן גענוג און נאך געלט אז ער זאל זיין באקוועם און לערנען מיט א רואיגקייט.

זייענדיג אין פאריז מיט זיין פוילישע חבר האט זיך אים געעפנט א נייע וועלט. ער האט אויסגעפינען אז די קריסטן זענען נישט די איינציגסטע גלויבן אויף די וועלט. ער האט שוין געהאט געוואוסט אז עס איז דא אידן אויף די וועלט, ווייל זיי פלעגן דינגען די קרעטשמע פון זיין טאטן, אבער ער האט זיך קיינמאל נישט נענטער באקענט מיט אידן.

ער אינאיינעם מיט זיין חבר האבן אנגעהויבן אריינקוקן און זיך לערנען נאך רעליגיעס וואס איז דא אויף די וועלט. זיי האבן אנגעטראפן אן אלטע איד אין פאריז און אים אנגעהויבן פרעגן אלעס ארום אידישקייט. דער איד האט זיי געוויזן א נ״ך און זיי דערציילט אביסל פון אידישקייט און אידן.

פון דארטן זענען די צוויי געפארן, אן איינמעלדן פאר זייערע עלטערן קיין רוים. צום וואטיקאן, די הויפט שטאט פון די קריסטן. זיי האבן געוואלט זען פון די נאנט אויב קריסטנטום איז ריכטיג אדער פאלש. זייענדיג אין רוים האבן זיי זיך געשטופט אנצוקומען צו די הויכע פענסטער און מיט די צייט זענען זיי געווארן זייער נאנט מיט די נאנטסטע מענטש צום פויפסט.

דער פויפסט פלעגט אין יענע צייט איינרעדן די מענטשן אז איין טאג אין יאר אין זייער חגא פליעט ער ארויף אין הימל און דארט באקומט ער ספעציעלע כוחות צו קענען ענטפערן אלע שאלות פאר מענטשן, און פון דארט שעפט ער זיין גאנצע חיות.

פאטאצקי האט זייער געוואלט זען וויאזוי דער פויפסט פליעט ארויף אין הימל. וויאזוי פאסירט דאס? האט ער פראבירט צו משחד זיין דעם משמש פונעם פויפסט אז ער זאל אים צולאזן זיך באהאלטן אין צימער און צוזען וואס עס געשעט. דער משמש האט זיך

ש. טראכטער

זייער צולאכט און אים געפרעגט, "דו גלייבסט באמת אז ער פליעט אין הימל? דאס איז הוילע שטותים!" ער האט אים דערציילט אז דער פויפסט זיצט ביי זיך אין שטוב און עסט און פרעסט און מאכט א לעבן און מען רעדט איין פאר די נארישע מענטשן אז ער איז אין הימל.

ווי נאר פאטאצקי האט דאס געהערט האט ער זיך אויפגעהויבן און איז געפארן קיין אמסטארדאם. די סיבה פארוואס ער איז געפארן דוקא קיין אמסטארדאם איז געווען ווייל אין יענע צייט איז געווען א געזעץ אז מען טאר נישט מגייר זיין א גוי צו אידישקייט און אויב האט מען געכאפט א רב וואס האט יא מגייר געווען א גוי איז די אורטייל געווען "טויט שטראף."

אבער אין אמסטארדאם איז נישט געווען די געזעץ, ממילא איז ער אהינגעפארן קיין האלאנד, אמסטארדאם. דארט האט ער זיך באקענט מיט די אידן און זיך באזעצט צווישן זיי. ער האט זיך צוביסלעך געלערנט מער און מער וועגן אידישקייט. איין טאג איז ער צוגעגאנגען צום שמש פון דעם רב און אים געפרעגט, "וועלכע טאג פליעט דער רב ארויף אין הימל?" דער שמש האט זיך צולאכט, "פארוואס טראכסטו אז דער רב פליעט אין הימל? מיר ווייסן נאר פון חנוך און אליהו הנביא וואס זענען ארויף אין הימל."

פרעגט פאטאצקי, "אויב אזוי פון ווי ווייסט דער רב וואס צו ענטפערן פאר יעדן? איך זע דאך יעדן טאג שטראמען מחנות מיט מענטשן צום רב פרעגן עצות."

האט דער שמש אים מסביר געווען אז א איד וואס לעבט מיט'ן אייבערשטן, לערנט תורה און טראכט א גאנצן טאג פון אייבערשטן באקומט א כח פון צדיק גוזר והקב"ה מקיים, דער אייבערשטער געט אים א כח צו בענטשן.

די ענטפער האט זייער געכאפט פאר'ן יונגן פאטאצקי און פון יענעם טאג האט ער זיך אנגעהויבן דרייען ארום דעם רב און אים אנגעהויבן בעטן אז ער וויל זיך מגייר זיין. דער רב האט געטון ווי די הלכה איז און אים געהאלטן אין איין אוועקשטופן, אבער זעענדיג אז פאטאצקי וויל זיך אמת'דיג מגייר זיין האט ער אים נאך א תקופה ענדליך מגייר געווען און ער האט אנגענומען דעם נאמען "אברהם בן אברהם" נאכ'ן ערשטן גר צדק אברהם אבינו.

אינטערעסאנט איז צוצולייגן אז דער באבוב'ער רב ז"ל האט דערציילט אז אלץ יונג קינד האט אמאל פאסירט אז איינע פון די אידן וואס האבן געדינגען פון זיין טאטע א קרעטשמע האבן נישט געהאט צו באצאלן. זיין טאטע, א גוי, א רשע האט באשלאסן "אנצולערנען" דעם איד, און געשיקט זיינע סאלדאטן אפאר שעה צו שבת אנזייען א חורבן ביים איד אינדערהיים, איבערדרייען, פארברענען און חרוב מאכן זיין שטוב.

דאס יונג קינד האט דאס אלעס מיטגעהאלטן און עס האט זיך ערוועקט א נייגער ביי אים צו זען וויאזוי דער איד וועט פראווען זייער "שבת". ער איז צוגעגאנגען ביינאכט צום פענסטער פונעם איד און מיט שטוינונג געזען ווי דער איד זיצט דארט פרייליך און צופרידן און זינגט זמירות מיט אלע קינדער ארום די טיש, כאילו עס האט נישט פאסירט אזא צרה אפאר שעה פריער. אין יענע מינוטן האט ער פארשטאנען אז דער "איד" איז עפעס א העכערע בריאה, א פאלק וואס לעבט מיט אמונה און תכלית און ער האט געטראכט אז ווען ער וועט זיין גרויס וועט ער וועלן לערנען מער וועגן אידישקייט.

ר' אברהם האט זיך איינגעזעצט אין בית המדרש און געלערנט מיט א מורא'דיגע התמדה. נאך א שטיק צייט האט ער באשלאסן אז ער וויל צוריקפארן צו די געגנט ארום ווילנא, ווייל ער איז דארט אויפגעוואקסן און זיך געשפירט מער באקוועם דארט.

ער איז אנגעקומען אין א קליין דערפל וואס הייסט איליע. דאס איז געווען נישט ווייט פון די גרויסע ווילנא, אבער דאס איז געווען א געטא ספעציעל פאר אידן. גוים האבן דארט נישט געוואוינט.

אין קעניגליכן הויף האט מען אנגעהויבן באמערקן אז די קומענדיגע פריץ איז פארשוואונדן. א טרויעריגקייט האט זיך אראפגעלאזט אין פאלאץ. דער שר, דער גראף האט נישט געשפארט קיין געלט און אנגעהויבן אויסגעבן אלע געלט אין די וועלט צו זוכן זיין פארלוירענע זון, די צוקומפטיגע שר. ער האט נישט געוואוסט אז זיין געלונגענער זון הייסט היינט אברהם און זיצט אין א דערפל נישט ווייט פון אים, באצירט מיט א צלם אלוקים מיט בארד און פאות.

די אידן אין יענע תקופה זענען געווען זייער אפגעזינדערט פון דעם גוי און אזוי איז נישט אויסגעקומען אז קיין איין איד, אפילו זיי האבן אלע געוואוסט די סוד זאל דאס בטעות דערציילן פאר א גוי.

איין טאג האט פאסירט אז דער גר צדק איז געזעצן אין שול און געהארעוועט אין לערנען. אינצווישן זענען אריינגעקומען אפאר יונגע קינדער און אנגעהויבן שפילן און מאכן קולות אין בית המדרש. דער גר צדק האט זיי געבעטן, "קינדער גייטס ארויס שפילן אינדערויסן. עס שטערט מיר פון לערנען."

די קינדער זענען אלע ארויס, אבער איין קינד, דאס קינד פון שניידער איז געווען א מחוצף און נישט געהאלטן ביים ארויסגיין. ר' אברהם פאטאצקי איז צוגעגאנגען, און אים ארויסגעווארפן פון שול, בשעת ער האט זיך אויסגעדרוקט מיט'ן לשון הגמרא, "מדחציף כולי האי שמע מינה ממזר הוא"- ווייל ער איז א מחוצף איז געדרינגען אז ער איז א ממזר.

דאס קינד האט דאס געהערט און איז אהיימגעלאפן צו זיין טאטע, וועלכע איז ליידער נישט געווען צו אן ערליכער איד און אים דערציילט וואס האט פאסירט. דער טאטע איז געווארן מלא כעס און באשלאסן זיך אפצורעכענען מיט'ן גר צדק. ער איז דאן ארויס פון געטא און איבערגעגעבן פאר די גוים וואס זענען געווען פארמישט מיט'ן זוכן דעם "פארלוירענעם בן מלך..." און זיי דערציילט אז דעם געזוכטן פאטאצקי דרייט זיך דא נעבן זיי אינעם דערפל.

מען איז גלייך אריין אין דארף, אריין אין בית המדרש און געטראפן דארט ר' אברהם. מען האט נישט געווארט לאנג און אים תיכף ארעסטירט.

אגב מען דערציילט נאך אז ליידער האט דער איד וואס האט גע'מסר'ט נישט גוט אפגעשניטן און אויך זענען זיינע קינדער צען דורות אראפ אלע געבוירן געווארן מיט א שרעקליכע מום, איינער בלינד, איינער פאראליזירט וכו'.

מען האט געברענגט זיין צובראכענע מאמע אין תפיסה אז זי זאל רעדן צו אים אז ער זאל זיך אויפוועקן פון די שלאף און צוריקקומען צו קריסטנום (ח"ו).

זי האט אים געזאגט, "וואס גייט פאר מיט דיר? דו זעסט דאך אויס ווי א משוגענער, אזוי מיט'ן בארד און פאות... קום צוריק. וואס האט דיר געפעלט?"

האט ר' אברהם- גראף פאטאצקי איר געזאגט, "מאמע, איידער איך בין אנגעקומען צו די אידן בין איך געווען א משוגענער. א משוגענער בין איך געווען ווען איך האב געגלייבט אין קריסטענטום. יעצט בין איך נארמאל, יעצט איז מיר גוט, אויף די וועלט און אויף יענע וועלט."

עס איז אינטערעסאנט צוצולייגן אז אלץ קליין קינד האט גראף פאטאצקי געהאט א מאדנע זאך. יעדע וואך שבת פלעגט ער זיך זינגען א ניגון'דל אויף פויליש "וואס איז דאס שבת? וואס מיינט שבת?" זיין נשמה האט שוין דאן געקאכט אין אים און אים נישט געלאזט צירו.

ווען מען האט אים אמאל געפרעגט וואס איז געווען די שווערסטע מצוה פאר אים זיך צוצוגעוואוינען האט ער געזאגט "הלכות מוקצה." עס איז דא זאכן וואס מיר זענען געוואוינט צו טון פון ווען מיר זענען גאר קליין אבער פאר א גר וואס ער דארף זיך אויף די עלטער אויסלערנען אלעס פון פריש, איז דאס געווען זייער שווער פאר אים.

זייענדיג אין תפיסה האט מען אים געברענגט אלע מיני פסיכלאגן און טערעפיסטן לויט די השגות פון אמאל וואס זאלן אים צוריק שוועקן די מח אז ער זאל כאפן אז ער באגייט דא די וועלטס טעות און אויפגעבן זיין אידישקייט און צוריק ווערן א נארמאלע מענטש... מען האט אים דערמאנט אלע הנאות וואס ער האט געהאט אלץ קינד, אזוויי מיר האבן געשריבן אויבן, פון די בערג פון ציקער און ים פון וויין. פארוואס ווילסטו אלעס אוועקווארפן? וואס באקומסטו דארט ביי די אידן אז עס לוינט זיך דיר?

אויף דעם האט גראף פאטאצקי געזאגט אז אפילו נאר פאר די גערוך פון די ליכט וואס ברענט זיך אויס שבת ביי די סעודה איז אים א גרעסערע תענוג ווי אלע נארישע עולם הזה און תענוגים וואס ער האט געהאט אויף די וועלט.

מען האט אים דארט אין תפיסה אויסגעפייניגט אויף אלע סארט אופנים. אויך האט מען אראפגעברענגט די גרעסטע גלחים צו אים. זיי האבן אים געפרעגט "וואס איז מיט דיר געשען?" האט ער זיי געזאגט אז ווען דער אייבערשטער האט ארומגעטראגן די תורה צו די פעלקער זענען זיכער געווען צווישן די גוים וואס האבן געזאגט אז זיי ווילן יא די תורה, נאר מען איז געגאנגען נאך רוב. דעריבער האט דער אייבערשטער געמאכט אז אט די גוים וואס האבן דעמאלטס יא געוואלט זיין אידן ווערן געבוירן ביי גוים און זענען זיך שפעטער מגייר. ממילא איז נישט קיין קשיא אויף מיר ווייל מיין נשמה האט געזאגט יא צו די תורה ביים הר סיני און דעריבער שליס איך זיך יעצט אן אינעם אידישן פאלק.

דער הייליגער צאנזער רב ווען ער פלעגט רעדן פון גראף פאטאצקי פלעגט ער זיך צופייערן און ווערן צוקאכט און זאגן, "דער הייליגער פאטאצקי ווען ער איז געזעצן אין תפיסה איז זיין מאמע געקומען צו אים און אים געבעטן אז ער זאל צוריק ווערן א קריסט ווייל אויב נישט וועט מען אים פארברענען. האט דער הייליגער פאטאצקי געזאגט "שוין א לאנגע צייט וואס איך בין זיך מצער אויף מיין גוף. מיין נשמה איז אינגאנצן הייליג, אבער מיין גוף איז געבוירן געווארן ביי גוי'שע עלטערן און איך וויל שוין לאנג פטור ווערן פון די גוף אבער די תורה לאזט נישט, ווייל עס שטייט ונשמרתם מאד את נפשותיכם. אבער יעצט אז איך גיי אומקומען אויף קידוש ה' וועל איך פטור ווערן פון מיין גוף און מיין נשמה וועט בלייבן גאנץ און הייליג.

**איין טאג איז ער צוגעגאנגען צום שמש פון דעם רב און אים געפרעגט, "וועלכע טאג פליעט דער רב ארויף אין הימל?" דער שמש האט זיך צולאכט, "פארוואס טראכסטו אז דער רב פליעט אין הימל?..."**

דארט אין ווילנא האט געוואוינט דער הייליגער גר"א. דער ווילנער גאון האט געשיקט א שליחות אין תפיסה צום הייליגן גר צדק און אים געזאגט אז ער קען אים ראטעווען מיט שמות פון תפיסה און אים טראגן צו א ווייטע אינזל ווי ער וועט קענען אויסלעבן זיינע יארן במנוחה.

אבער דער גר צדק האט געענטפערט דאס וואס דער הייליגער תנא ר' עקיבא האט געזאגט ווען מען האט אים גענומען צו ווערן גע'הרג'עט. "כל ימיו, מיין גאנץ לעבן בין איך זיך מצער ווייל איך וויל זוכה זיין צו מקיים זיין "בכל לבבך" מיט מיין גאנצן הארץ דעם ואהבת את ה'." ער האט געווארט אויף די געלעגנהייט צו גיין על קידוש ה'.

מען האט אויפגעשטעלט א גרויסן משפט אין שטאט און מען האט דארט דן געווען אז גראף פאטאצקי וועט ארויסגעטראגן ווערן צו ווערן פארברענט דעם צווייטן טאג שבועות.

מען האט צוגעגרייט א גרויסן פייער אינמיטן שטאט און מען געפירט דעם צדיק פון זיין תפיסה צו די פייער ווי ער וועט גיין על קידוש ה'. אויפ'ן וועג זענען זיי אריבער די פענסטער פונעם ווילנער גאון זי"ע. דער צדיק האט געעפנט די פענטסער און ארויסגעשריגן, "גייט שנעל. גייט שנעל ר' אברהם!"

די תלמידים האבן דערציילט אז ר' אברהם גייענדיג צו ווערן פארברענט האט געהאט א שאלה להלכה. זאל ער

גיין שנעל און זיך יאגן צו מקיים זיין די מצוה פון ונקדשתי- הייליגן דעם באשעפער'ס נאמען, אדער זאל ער גיין שטייט ווייל עס איז דא א מצוה פון "וחי בהם" מען זאל לעבן. האט דער ווילנער גאון וואס האט דאס געזען ברוך קדשו אים אויסגעקלארט און געשריגן "גיי שנעל מקיים זיין קידוש שם שמים ברבים."

בשעת מען האט אים געפירט צום פארברענען האט ער געזינגען א תנועה וואס איז באקאנט ביי די ליטווישע אידן "אבל אנחנו בני בריתך."

דער מאמר מרדכי ברענגט אז בשעת מען האט פארברענגט דעם גראף פאטאצקי האט מען געזען א צורה פון א יונה- א טויבעלע ארויספליען פון צווישן די פייער פינקען.

די גוים וואס האבן אים גענומען צו פארברענען האבן זיך אנגערופן צו אים, "יעצט זענען מיר זיך טאקע נוקם אין דיר, און אין דיין גוף אבער מיר האבן מורא אז איינמאל דו וועסט זיין אויבן וועסטו זיך נוקם זיין אין אונז.

האט ר' אברהם דער גר צדק זיך אנגערופן צו זיי, "ווען איך בין געווען א קינד, האב איך איינמאל געשפילט מיט זאמד און אויפגעבויעט א גאנצע שטאט מיט פאלאצן און סאלדאטן. ווען איך האב געענדיגט איז מיין חבר פונקט אנגעקומען און ער האט מיט זיינע שטיוול צוטראטן די גאנצע שווערע הארעוואניע. בין איך דאן געלאפן צו מיין טאטע און געוויינט און זיך געבעטן, "טאטע הרג'ע מיין חבר." מיין טאטע האט זיך צולאכט און מיר מסביר געווען אז דאס איז נארישקייטן. איך בין געווען זייער פארוויטאגט און זיך צוגעזאגט אז ווען איך וועל זיין גרויס און זיין מלך וועל איך זיך נוקם זיין אין מיין חבר.

פארשטייט זיך אז ווען איך בין געווארן עלטער און באקומען מער שכל האב איך געלאכט פון וואס איך האב געוואלט טון און פארשטאנען אז דאס איז אלעס געווען א קינדער שפיל."

אזוי אויך האט גראף פאטאצקי זיי מסביר געווען אז דא אויף די וועלט זעט מען זאכן אזויווי קינדערלעך זעען א שפיל מיט זאמד. ווען מען קומט ארויף אויף יענע וועלט, איז די תענוג און אמת פון עולם הבא אזוי גרויס און אזוי לעכטיג און מען זעט וויאזוי אלעס האט אזא וואונדערליכע הערליכע חשבון. ניין, ער וועט זיך נישט נוקם זיין אין קליינע נארישע מענטשלעך אויף די וועלט! דא דאכט זיך ווי מען שפילט זיך ארום מיט מענטשן אבער אויבן זעט מען אז אלעס איז נישט מער ווי א שפיל!

יענע טאג אום שבועות שנת תק"ט איז געווען א פחד ארויסצוגיין אין גאס. קיין איין איד האט זיך נישט געדרייט. די גוים זענען געווען ווילד און עס איז געווען א סכנה אז א איד זאל זיך דרייען אין גאס. אבער איין איד, דער בעל יסוד שורש ועבודה האט נישט געוואלט אויפגעבן די זכות פון קענען ענטפערן אמן אויף אזא הייליגע ברכה און ער האט זיך פארשטעלט ווי א גוי און זיך אויסגעמישט צווישן די מאסן.

ווען דער הייליגער גר צדק האט אויסגעשריגן די פייערדיגע ברכה "אשר קדשנו במצוותיו וצונו לקדש שמו ברבים" האט דער בעל יסוד שורש ועבודה אויסגעשריגן "אמן!"

זיין מאמע האט געוואוסט אז מען וועט אים דן זיין צו פארברענען, דעריבער איז זי געגאנגען צום קיסר צו שתדל'ן אז מען זאל מאכן אן אויסנאם מיט איר איינציג זון און אים נישט פארברענען. דער קיסר האט מסכים געווען און איר געגעבן א בריוו וואס זי זאל איבערגעבן אין געריכט. זי איז אבער אנגעקומען פיפצן מינוט נאכ'ן פארברענען.

די רעגירונג האט אבער גע'אסר'ט אז מען זאל צוזאמנעמען די אש פון דעם קדוש און עס באערדיגן. דער הייליגער ווילנער גאון מיט נאך צוויי תלמידים האבן זיך מוסר נפש געווען און זענען ארויס אינמיטן נאכט און צוזאמגענומען די הייליגע אש און עס אריינגעשטעלט אין א קבר אין בית החיים אין ווילנא.

ביז די צווייטע וועלט מלחמה האט מען געוואוסט ווי די קבר געפינט זיך. עס איז ארויסגעוואקסן א גרויסע בוים העכער דעם קבר. ווען די נאציס זענען אריינגעקומען אין ווילנא איז באקאנט אז טויזנטער פייגלעך האבן זיך צוזאמגענומען אויף דעם בוים און געקוויטשעט און געוויינט אויפ'ן חורבן וואס קומט.

ווען די רעגירונג האט אויסגעפינען אז דער ווילנער גאון איז געווען אונטער די קבורה האט מען אים ארעסטירט און מען האט געסטראשעט מיט מיתה.

זיין תלמיד ר' חיים וואלאזשינער ז"ל איז אריינגעקומען צו זיין גרויסן רבי'ן און אים געזאגט "רבי מען זאגט אז מען וועט הרגענען." האט דער גאון געענטפערט, "נו ר' עקיבא איז אויך גע'הרג'עט געווארן. האט ער אים געזאגט "רבי, מען רעדט פון דעם אז די רשעים ווילן פארברענען דעם רבי'ן" האט ער געענטפערט, "נו, ר' חנינא בן תרדין איז אויך פארברענט געווארן." האט דער תלמיד ווייטער געזאגט, "זיי ווילן אפשר פארברענען דעם רבי'ן מיט אן אשה זונה."

האט דער ווילנער גאון געזאגט, "דאס קען איך שוין נישט." איז ר' חיים ארויס צו די חברים און געזאגט אז דער גר"א וועט ארויסגיין ריין פון משפט. ער איז זיכער דערין, ווייל דער גאון האט נישט מסכים געווען.

אזוי איז טאקע געווען. דער ווילנער גאון פלעגט גיין א גאנצן טאג מיט טלית ותפילין. ווען ער איז אריינגעקומען אין משפט און איז געשטאנען פארנט פון די שופטים האט ער אויפגעהויבן די טלית און עס איז אנטפלעקט געווארן זיין תפילין של ראש. די שופטים האבן דערפון געכאפט אזא שרעק אז זיי האבן אים גלייך באפרייט פון געריכט.

פון ווען גראף פאטאצקי האט זיך מגייר געווען ביז ווען מען האט אים גע'הרג'עט איז געווען דריי יאר. מען זאגט נאך פון ווילנער גאון זי"ע אז גראף פאטאצקי האט געהאט א ניצוץ נשמה פון אברהם אבינו. און אזויווי אברהם אבינו איז געווען הכיר את בוראו ביי די דריי יאר און די ערשטע דריי יאר האט ער נישט געדינט דעם אייבערשטן, האט דאס יעצט גראף פאטאצקי משלים געווען.

זיין יארצייט איז די צווייטע טאג שבועות. זאל זיין נשמה האבן אן עליה.

# מעשה'לעך פאר קינדעלעך

## "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!"

עֶס אִיז יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערְפְרִי, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט הַלֵּל, מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד זָאגְן "אַקְדָמוּת", מֶען וַוארְט מֶען זָאל שׁוֹין עֶפֶענֶען דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט מֶען שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...!" דֶער אִיד וָואס נֶעמְט אַרוֹיס דִי תּוֹרָה אִיז אִי בֶּערְגֶעדֶעקְט מִיטְ'ן טַלִית אוּן שְׁרֵייט: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!" עֶר הוֹיבְּט אָן זִינְגֶען: "סְ'אִיז בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מֶער פוּן אַלֶע גָאלְד אוּן זִילְבֶּער!"

אַלֶע מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ 'וָואס גֵייט דָא פָאר? וָואס אִיז הַיינְט - שִׂמְחַת תּוֹרָה? הַיינְט אִיז יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת! וָואס טַאנְצְט עֶר אַזוֹי? וָואס שְׁרֵייט עֶר אַזוֹי?!

קִינְדֶער, אִיר וֵוייסְט וֶוער עֶס אִיז דֶער אִיד וָואס טַאנְצְט אַזוֹי?

גֶעוֶוען אִיז דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט אַלְץ מַאכְן פְּתִיחַת הָאָרוֹן, עֶר פְלֶעגְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּנֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ; פַּאסִירְט אֵיין יָאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, רֶבִּי נָתָן נֶעמְט אַרוֹיס דִי תּוֹרָה אוּן עֶר וֶוערְט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מִיר זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער.

רֶבִּי נָתָן נֶעמְט אַרוּם דִי תּוֹרָה אוּן הוֹיבְּט אָן טַאנְצְן, עֶר שְׁרֵייט: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...! אַ נֵייעֶ תּוֹרָה...!" אַזוֹי וִוי אֵיינֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַ נֵייעֶ זַאךְ, אַ נֵייעֶ קְלֵייד, אַ נֵייעֶ חֵפֶץ.

עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי תּוֹרָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן אַרוּם דֶעם בִּימָה, אוּן וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן דָאס גֶעזֶען הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי שִׂמְחַת תּוֹרָה, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיט דִי תּוֹרָה.

לָאמִיר אַלֶע טַאנְצְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, לָאמִיר אַלֶע שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ בִּין אַ אִיד! אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ זַיין אַ אִיד!"



**שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַ נֵייֶע תּוֹרָה!!!**

# דעם רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי זאגט: "די וועלט זאגט אז סיפורי מעשיות איז גוט איינצושלאפן דערמיט, איך זאג אז סיפורי מעשיות וועקט אויף א מענטש פון שלאף!"

## געב א שמייכל

**וועלכע זאך האט זעקס פיס, צוויי הענט, א בארד און א וויידל?**

א מענטש וואס רייט אויף א פערד...

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי האט געזאגט: די ניגון פון אקדמות**

א. העלפט אינזין האבן די ווערטער

ב. מאכט בענקען צום אייבערשטן

ג. איז מורא'דיג מוזיקאליש

ד. האט מען געזינגען אין בית המקדש

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

חז"ל זאגן: ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך דעם עול תורה זאגט דער אייבערשטער: רעכן איך כאילו דער מענטש האט קיינמאל נישט געזינדיגט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** – חלק ראשון

**ג. עַל יְדֵי אַחְדוּת שֶׁיִּהְיֶה בְּיִשְׂרָאֵל, יָבוֹא מָשִׁיחַ.**

דוּרְךְ דִי אַחְדוּת וָואס וֶועט זַיין צְווִישְׁן אִידְן, וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)

בילד פון פארגאנגענע וואך: **שמואלי פעקעטע - מאנסי**



# מענטשערליך

## וָואס

זוּכְט דָא אַ מֶענְטְשׁ? הָאט אַ פֵּייעֶרְדִיגֶע מַלְאָךְ גֶעפְרֶעגְט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

"אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען נֶעמֶען דִי תּוֹרָה! הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיף גֶעקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, עֶס צוּ קֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר דִי אִידְן. וִוי נָאר דִי מַלְאָכִים הָאבְּן אוֹיסְגֶעפוּנֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ אִין הִימְל אוּן גְרֵייט זִיךְ צוּ נֶעמֶען דִי תּוֹרָה, אִיז גֶעוָוארְן אַ רַעַשׁ אוּן אַ טוּמְל.

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער", הָאבְּן דִי מַלְאָכִים גֶע'טַעֲנָה'ט, דִי בַּאהַאלְטֶענֶע אוֹצָר, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס לִיגְט שׁוֹין בַּאהַאלְטְן בַּיי דִיר לַאנְג פַאר דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, וִוילְסְטוּ גֶעבְּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ? וָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְד? בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ דִי תּוֹרָה אִין הִימְל פַאר אוּנְז".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, "עֶנְטְפֶער זֵיי אַ תֵּירוּץ".

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי בְּרֶענֶענְדִיגֶע, הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים, "אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, אֶפְשָׁר וֶועלְן זֵיי מִיר פַארְבְּרֶענֶען מִיט דִי פֵייעֶר פוּן זֵייעֶר מוֹיל".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַז עֶר זָאל זִיךְ אָנְכַאפְּן אִין דִי כִּסֵּא הַכָּבוֹד אוּן אַזוֹי זָאל עֶר זֵיי עֶנְטְפֶערְן.

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט, "וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה? אָנֹכִי הַשֵּׁם אֱלֹקֶיךָ - אִיךְ בִּין דַיין בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט דִיר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, זֶענֶען עֶנְק מַלְאָכִים, גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם? הָאבְּן עֶנְק גֶעדִינְט פַּרְעֹה? פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ עֶנְק דִי תּוֹרָה?"

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט "וָואס נָאךְ שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה? לֹא יִהְיֶה לְךָ - זָאלְסְט נִישְׁט דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה, וואוֹינֶען עֶנְק דֶען צְוִוישְׁן גוֹיִם וָואס דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה?"

"וָואס נָאךְ שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה? זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ - זָאלְסְט הִיטְן שַׁבָּת, צוּ אַרְבֶּעטְן עֶנְק אַ גַאנְצֶע וָואךְ אַז עֶנְק זָאלְן דַארְפְן רוּעֶן שַׁבָּת?"



בילדער ח. שטיינבערג



"וָואס נָאךְ שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה? הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעפְרֶעגְט דִי מַלְאָכִים לֹא תִשָּׂא - זָאלְסְט נִישְׁט שְׁוֶוערְן פַאלְשׁ, אִיז דֶען דָא גֶעשֶׁעפְטְן צְוִוישְׁן עֶנְק מַלְאָכִים אַז עֶנְק זָאלְן זִיךְ דַארְפְן צוּרִיק הַאלְטְן פוּן שְׁוֶוערְן פַאלְשׁ?"

"וָואס נָאךְ שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה? כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ - זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין טַאטֶע אוּן דַיין מַאמֶע, הָאבְּן עֶנְק דֶען אַ טַאטֶע אוּן אַ מַאמֶע צוּ פָאלְגְן אוּן מְכַבֵּד זַיין?"

"וָואס נָאךְ שְׁטֵייט אִין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה? לֹא תִרְצַח, לֹא תִנְאָף, לֹא תִגְנֹב, אִיז דֶען דָא אַ קִנְאָה צְוִוישְׁן עֶנְק מַלְאָכִים? אִיז דֶען אַ יֵצֶר הָרָע צְוִוישְׁן עֶנְק? פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ עֶנְק דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה?"



דִי מַלְאָכִים הָאבְּן גְלַייךְ מוֹדֶה גֶעוֶוען צוּ הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז דִי תּוֹרָה קוּמְט זִיךְ פַאר דִי אִידְן.

עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט צוּ בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה נִישְׁט דִי מַלְאָכִים, נָאר דַוְקָא אוּנְז קְלֵיינֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי, אוּן מִיר בַּאקוּמֶען עֶס יֶעדֶע יָאר נָאכְאַמָאל!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע נַחַת רוּחַ וֶוען עֶר זֶעט וִוי אַ אִינְגֶל שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרָע אוּן פָאלְגְט זַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע נַחַת רוּחַ וֶוען עֶר זֶעט וִוי אַ מֵיידְל שְׁלָאגְט זִיךְ מִיט דֶער יֵצֶר הָרָע, אִיר הָאר אִיז אִינְגַאנְצְן צוּקְנִיפְּט אוּן דִי בַּארְשְׁט לִיגְט גְלַייךְ בַּיי אִיר זַייט, גְרֵייט צוּ וֶוערְן גֶענוּצְט, אָבֶּער עֶס אִיז שַׁבָּת! אִיר יֵצֶר הָרָע זָאגְט אִיר אַז זִי קֶען נִישְׁט אַזוֹי אַרוֹיסְגֵיין, יֶעדֶער וֶועט לַאכְן פוּן אִיר, אָבֶּער זִי שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן נֶעמְט צוּזַאם אִיר הָאר אָן עֶס אוֹיפְקְנִיפְּן.

מַלְאָכִים זֶענֶען אַזוֹי הֵיילִיג, זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט קַיין יֵצֶר הָרָע, אָבֶּער מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאבְּן אַן אוֹצָר וָואס דִי מַלְאָכִים הָאבְּן נִישְׁט, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!

# קליין מיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



פאלאץ - נפתלי און יוסי אינדיג



אליעזר שלמה וועבערמאן





פיגא און רייזי פרידריך



רחל יאקאבאוויטש



פיגא פרידריך



נחמן נתן שניטצלער



סילקי ראטענבערג
לג בעומר קאפקעיקס



משפחת לאנדא

# געמאלן

## א מעשה פון תפלה



מַיין שְׁוֶועסְטֶער וואַרְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג צוּ וֶוערְן אַ כַּלָּה



אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף זִי זָאל וֶוערְן אַ כַּלָּה




שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִי אִיז גֶעוָוארְן אַ כַּלָּה

געמאלן דורך: תלמידה בית חינוך קרית ברסלב




דִי נֵייעֶ קוֹיטְשׁ קוּמְט נִישְׁט אָן, סְ'אִיז אַ אַנְדֶערֶע טְרָאק



אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף סְ'זָאל שׁוֹין אָנְקוּמֶען



שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער סְ'אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען

געמאלן דורך: רבקה וועבערמאן תחי' בית חינוך קרית ברסלב

שיקט אריין אייער מאלעריי'ס:

845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# משפחת גליק

## כאפט א בליק, ביי משפחת גליק.

מענדי דערציילט:

דער אייבערשטער האט אונז אזוי ליב, ער גיבט אונז אזויפיל ימים טובים. קוים איז געווען פורים, פסח, ל"ג בעומר, און יעצט קומט שוין נאך א פרייליכע יום טוב - שבועות!

פאר מיר האט עס אן עקסטערע באדייט, ווייל ביי אונז טוט זיך שוין מיט יום טוב שבועות פון עטליכע וואכן פריער.

ווי מען האט שוין פארציילט אנפאנג ווען מיר האבן זיך באקענט, איז מיין מאמע א באוואוסטע אויסגעצייכנטע בעקערין, און אסאך מענטשן ווילן פון אירע פיינע געבעקסן, בפרט אויף שבועות באשטעלן זייער אסאך מענטשן מילכיגע קעיק'ס, און מיין מאמע פאנגט שוין אן די ארבעט זייער פרי.

עס איז געווען נעכטן נאכמיטאג, ווען מיין מאמע האט אויסגערופן: "היינט גייט מען מיטן אייבערשטן'ס הילף אנפאנגען צו באקן לכבוד שבועות!"

"יעי!!!"

יעדער איז אויפגעשפרינגען! א גאנץ יאר ווארטן מיר שוין אויף די געשמאקע צייט, ווען מען קען העלפן און מיטהאלטן די הכנות צום יום טוב שבועות.

"צירי און מענדי" - האט מאמי געזאגט, געבנדיג אונז א ליסטע מיט אסאך פראדוקטן וואס פעלט אויס צום באקן - "גייט'ס אין גראסערי און קויפט'ס איין די אלע זאכן. דא האט איר געלט!"

"אקעי מאמי" האבן מיר זיך ביידע געפריידט צו העלפן א מאמע.

מיר האבן גענומען נתי'ס אלטע קערידש, וואס נוצט שוין היינט צו איינקויפן, און ארויס אויפן וועג צום גראסערי.

ווי צוויי געשיקטע העלפערס זענען מיר ארומגעגאנגען אין די גאנצע גראסערי און אריינגעלייגט אין קערידש אלעס וואס איז געשטאנען אויף די ליסטע: מעל, צוקער, זאלץ, אויל, אייער, קעז, טשאקאלאד, און נאך עטליכע זאכן.

מיר האבן באצאלט און ארויס. די זון האט געבאקן און מיר האבן זיך געאיילט אנצוקומען ווי שנעלער אהיים.

"איך פריי מיך אז עס איז הייס" האט צירי געזאגט "ווייל יעדע ביסל שווייס וואס ווערט פון א מצוה, באהאלט דער אייבערשטער און מיט די טוי גייט ער מאכן תחיית המתים!"

אהיימקומענדיג האט אונז וועלוועלע ענטפאנגען מיט א שטראלנדע געזיכט: "איך האב א רעטעניש, וואס איז מיר אליינ'ס בייגעפאלן!"

"לאמיר הערן" האבן מיר זיך אויפמערקזאם צוגעהערט.

"וויאזוי קען זיין אז עס איז זייער זייער הייס און עס איז דא א שניי?"

"א גוטע רעטעניש". איך האב אים געשאנקען א גוטווארט, אפילו איך בין געווען אויסגעמוטשעט פון די וועג, זעט אויס אז איין מצוה שלעפט צו נאך א מצוה.

"אפשר שנייט אין סיביר?"

"ניין" - האט וועלוועלע געענטפערט, ווען זיינע אויגן שיינען מיט א סודות'פולע גלאנץ.

"איך ווייס" - האט הענדי געזאגט - "וועלוועלע האט מיר שוין פריער אויסגעזאגט, אבער איך גיי ענק נישט אויסזאגן, ווייל וועלוועלע וויל נישט. און איך קען שוין גוט די ליד: ואהבת לרעך כמוך, וואס דו ווילסט נישט מען זאל טון פאר דיר, טו נישט פאר יענעם ניין..." זי האט זיך צוזינגען מיט איר קלינגעדיגע שטימע.

"וועלוועלע זאג אונז שוין אויס!"

"אקעי, די ענטפער איז: עס איז הייס אינדרויסן, אבער אינדערהיים באקט די מאמע, און זי מאכט א שניי אין מיקסער!"

"אה, דאס איז מיר נישט בייגעפאלן, ביסט אזוי קלוג!" האט אים צירי פארגינט א זאפטיגע קאמפלימענט.

"קומט'ס קוקן קינדער, איך גיי יעצט מאכן מיטן אייבערשטנ'ס הילף א גרויסע טייג, פון אסאך מילכיגע דעלקעלעך! - האט מאמי אויסגערופן - קומט'ס צוזאמען בעטן דעם אייבערשטן אז די דעלקעלעך זאל ארויסקומען גוט".

"הייליגער באשעפער העלף" - מאמי האט פארגעזאגט און יעדער האט מיטגעזאגט - "אז די דעלקעלעך זאל גוט געלונגען, עס זאל זיך נישט צוברענען, עס זאל זיין געשמאק, ווייך און זיס, און עס זאל זיין צום געזונט פאר אלע אידישע קינדער וואס וועלן עס עסן!"

ביז אפאר מינוט איז גרייט געווארן די טייג און מען האט עס אנגעהויבן פארעמען אלץ דעלקעלעך, דערנאך האט מען עס אנגעפילט מיט די זיסע געשמאקע קעז, עס צוגעמאכט, פארענדיגט, און אריינגעלייגט אין אויוון! אלע קינדער שטייען און קוקן נאך מאמי'ס שנעלע באוועגונגען מיט נייגער און אינטערעס.

ל. סאקס

"דִי דֶעלְקֶעלֶעךְ אִיז שׁוֹין גְרֵייט!"

מַאמִי הָאט עֶס אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן אוֹיוְון, און... "אוֹי וֵויי! - הָאט זִי אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן - מֶען הָאט פַארְגֶעסְן אַרָאפְּצוּנֶעמֶען חַלָה טֵייג!"

"אַזַא שָׁאד!"

"יֶעצְט טָאר מֶען עֶס נִישְׁט עֶסְן? דִי גַאנְצֶע דֶעלְקֶעלֶעךְ?"

"מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן דֶעלְקֶעלֶעךְ צוּ פַארְקוֹיפְן?"

אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ, הָאבּ עֶס גֶענוּמֶען זֵייעֶר צוּם הַארְצְן, אִיךְ מֵיין אַז עֶס אִיז וַוייל אִיךְ הָאבּ אִינְוֶועסְטִירְט כֹּחוֹת אִין דֶעם, הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעשְׁפִּירְט אַ שְׁטַארְקֶע פַארְבִּינְדוּנְג. עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי געון אַז דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט אִיז גֶעגַאנְגֶען לְאִבּוּד.

"מֶענְדִי, אִיךְ זֶע אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר צוּטְרָאגְן, אֶפְשָׁר דֶערְצֵייל מִיר, פַארְוָואס?" הָאט מַאמִי גֶעפְרֶעגְט.

"וַוייל עֶס טוּט מִיךְ אַזוֹי וֵויי, אַז מֶען גֵייט נִישְׁט קֶענֶען נִיצְן דִי דֶעלְקֶעלֶעךְ, מֶען הָאט אוּמְזִיסְט אוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַזוֹיפִיל גֶעלְט און צַייט!"

"אָה, דַארְפְּסְט נִישְׁט זָארְגְן, מֶען גֵייט פְרֶעגְן אַ רָב, און עֶר גֵייט זָאגְן וָואס צוּ טוּן דֶערְמִיט - הָאט מַאמִי מִיר בַּארוּאִיגְט - קֶען זַיין אַז עֶס אִיז פַארְהַאן אַ וֶועג מֶען זָאל עֶס יָא מֶעגְן נוּצְן.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּארוּאִיגְט און גֶעוַוארְט צוּ הֶערְן אַ תְּשׁוּבָה פוּנֶעם רָב.

מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רָב, און עֶר הָאט גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז מֶען זָאל צַאמְנֶעמֶען אַלֶע דֶעלְקֶעלֶעךְ - הָאט מַאמִי גֶעזָאגְט - און אַרָאפְּנֶעמֶען אַ שְׁטִיקְל, און דָאס וֶועט זַיין דִי חַלָה טֵייג.

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, שְׁ'חַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס אִיז דָא רַבָּנִים און מֶען קֶען פְרֶעגְן אַלֶע שְׁאֵלוֹת וָואס מֶען הָאט, אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ פִירְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג. הַלְוַואי זָאלְן מִיר אַלֶעמָאל אַיינְבֵּייגְן דִי קָאפּ פַאר דִי רַבָּנִים און צַדִיקִים, און פָאלְגְן וָואס זֵיי זָאגְן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן אָן קַיין סְפֵיקוֹת.



# בלעטל פארמעסט


1
בית פייגא ירושלים


2
משפחת שטיינבערג


3
ע מזרחי


4
שמואל בירנבוים


5
משפחת קאהן


6
משפחת פרידריך


7
נחמן און יוסי ראבינאוויטש


8
משפחת פרידריך


9
משפחת פעקעטע


10
תלמוד תורה קרית יואל

11



אליעזר שלמה וועבערמאן

12



אליעזר ראטה

13



תלמוד תורה קרית יואל

14



יוסי פרידריך

15



משפחת דעפריס

16



משפחת דעפריס

17



אליעזר שלמה וועבערמאן

18



דודי טירנויער

19



משפחת שטערן

20




פייגי שטערן

21



פראדי, פיגא, חיה דבורה שטערן

22



משפחת פרידריך

„שבועות בלעטל פארמעסט“

שיקט אריין וועלכע נומער בילד איר גלייכט די מערסטע, און די בילד וואס וועט האבן די מערסטע שטימען וועט ארויסגעוועלט ווערן אלץ דער געווינער פונעם

מען קען שטימען ביז זונטאג נאך 8:00 ביינאכט די נאמבער צו טעקסטן און צו רופן איז 18453791161+

23

אליעזר שלמה יאקאבאוויטש

24

נפתלי און יוסי אינדיג

25

פייגי אינדיג

26

משפחת וועבערמאן

27


כית ה' קרית ברסלב

28

אליעזר שלמה שניטצלער

29

דינה יאקאבאוויטש

30

גיטי ראטה

31

נפתלי העסקעל

32

שמואלי פעקעטע

33

רבקה וועבערמאן

34

שמעון אינדארסקי